STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09428

KORMEN

Leon Forem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פּאָרעס

קאַרמען

און אַנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „דער וועג", מעקסיקע
פעברואר 1939

Copyright by Leon Forem—1939.

ערשטער אָפּטייל:

מעקסיקאַנישס

קאַרמען

דו ביסט שיין, מעקסיקע! דו ביסט וואונדערלעך שיין און אָריגינעל! מיט אַלע דיינע פעלערן און קאַפּריזן ביסטו, ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד, פאַרגיבלעך. ווייל דו ביסט יונג אין דיין אַלטקייט, מעקסיקע! דו ביסט קאָמיש, טיילמאָל גאַנץ לעכערלעך, אין דיין גרויסהאַלטעריי, וואָס דיר, אַ האַלב־פּרימיטיוו קינד, פאַרגיט מען עס גערן. דיין ברויזיקער טעמפּעראַמענט איז געגליכן צו אַ ים־כוואַליע, וואָס שפּרינגט אַרום פון אָפּגרונט צום ים־פּלאַך — און צוריק. דיזעלבע ים־כוואַליע קען גלעטן, קען צערטלען און קילן — און אומברענגען, איינשלינגען, פּונקט ווי דער טעמפּעראַמענט דיינער, וואָס איז מסוגל אין איין מינוט צו קושן און אין דער צווייטער צו הרגענען.

דו ביסט חנעוודיק, מעקסיקע, מיט דיינע משונהדיקע געזעצן און נאַטור־שפּיצלעך. ביי דיר איז רעכט צו האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג מיט רעאַקציאָנערע מיניסטאָרן; ביי דיר איז רעכט אָנצונעמען אַ געזעץ קעגן די קירכעס מיט אַ רעליגיעזער תפילה; ביי דיר איז רעכט אין סאַמע ווינטער איינצופירן זומער; ביי דיר איז רעכט צווישן גרינע פעלדער, אויף וועלכע ס'לויפן אַרום אַלערליי פייגל און אינזעקטן, אַוועקצושטעלן אַ באַרג מיט שניי.

עד, מעקסיקע, ווער קען דען נאָכפאָלגן און נאָכקומען אַלע דיינע קאַפּריזן און איינגעשאַפטן! אָבער דו ביסט שיין — אין דיינע פעלערן מיט דיר! און דיינע פרויען, דיינע רייצנדיקע סעניאָריטאַס, שטייגן איבער אַלץ! און קוקט מען אויף דעם אַלעם, איינגעשלאָסן דיינע ברייטע און פרייע

פּרעירידיקע לאַנדשאַפטן, דערפילט מען ערשט דעם זין פון לעבן. דאָס לעבן אַליין ווערט דער הויפּט־ציל.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

איך שטיי לעבן דער שטאָטישער פּאָסט־געביידע און וואַרט אויף קאַרמענען, דאָס שענסטע מיידל פון גאַנץ מעקסיקע־שטאָט — ניין, דאָס שענסטע מיידל פונם גאַנצן לאַנד — ניין, פון דער גאַנצער וועלט. יאָ, קאַרמען, מיט די אָפּגרונט־טיפע, גרויסע, שוואַרצע, קייכעדיקע אויגן און קליינעם שטערן, ברייטלעכער נאָז, געפלאָכטענע שוואַרצע האָר, דינער, שלאַנקער, גראַציעזער פיגור, ווי פון עלאַסטיק אויסגעפורעמט — קאַרמען איז אָן ספק דער מאָדעל פון דער שיינער פרוי.

ווי קומט זי צו מיר? עך, סאַראַ פראַגע. קודם־כל דאַרף מען דאָך וויסן ווער איך בין.

קומענדיק קיין מעקסיקע, האָב איך מיט זיך מיטגעבראַכט אַ דריי־פאַכיק יחוס־צעטעלע: בלאָנדע האָר, אַן אַמעריקאַנישן פּאַספּאָרט און אַ צעקאַליעטשעטן שפּאַניש. מיט אָט די דריי אייגנשאַפטן קאָן מען באַזיגן כמעט יעדער מעקסיקאַניש פרויען האַרץ.

ווען אַ מעקסיקאַניש מיידל דערזעט, צום אַלעם ערשטן, אַ בלאָנדהאָריקן קאָפּ, פאַרלירט זי איר אייגענעם שוואַרץ־האָריקן קאָפּ; ווען זי דערהערט די ערשטע געבראָכענע ווערטער מיט דעם אויסלענדישן אַקצענט, פאַרלירט זי איר שטייפקייט; ווען זי דערהערט דאָס וואָרט „אַמעריקאַנאָ” — פאַרלירט זי דאָס האַרץ.

אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן איך האָב זיך באַקענט מיט קאַרמענען:

ס'איז געווען איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט. אַ מעקסיקאַנישער פאַרנאַכט פונם חודש דעצעמבער. פּונקט ווי אַ זומער־פאַרנאַכט אין אייראָפּע. ווי אַ סעפּטעמבער פאַרנאַכט אין ניו־יאָרק. קיל און ווינטיק און אַנגענעם, ווי עמיצער וואָלט אייך נאָכגעגאַנגען פון ביידע זייטן און אייך געגלעט איבערן פּנים, איבערן האַלז, איבער די האָר. איך בין געווען אין אַ גוטער שטימונג און האָב געאָטעמט אַזוי פריי, אַזוי טיף, אַזוי מחיהדיק. איך האָב זיך אַפילו צוגעזונגען אויך, און דווקא אויף שפּאַניש. יאָ, איך האָב

געזונגען אַ שפּאַנישן ראָמאַנס, אַ פּאָפּולערן, וואָס מען הערט אים אויף אַלע גאַסן, אין אַלע שטיבער, אויף די ראַדיאָס. אפילו קינדער זינגען אים. אפילו שיך־פּוצער.

„ראָ — סאָ — ערמאָסאַ...״

פּלוצלונג דערפיל איך עפּעס. איך ווייס נישט גענוי וואָס, אָבער אַזאַ מין ווארימע, אומפאַרשטענדלעך־זיסע זאַך גיט מיר אַ קלאַפּ איבערן אָטעם. איך קען שוין נישט זינגען. זי איז דאָ, ראָסאַ, די וואָס פונם ליד. פּונקט אַזאַ. אומדערוואַרט, פון די טענער אַרויס, גיט זי זיך אַן אַנטפּלעק.

די לופט אַרום ווערט וואַרימער, הייסער. מיר ווערט שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. זי גייט, גלייך זי ווייסט פון גאָרנישט. אַ ליד אויף צוויי פיס. אַ לעבעדיק ליד, אויסגעגאָסן אין פליש, אַנגעטאָן אין בלוט, אויסגעפורעמט און אויסגעטאַקט אין די ריטמישסטע פערזן.

— ראָסאַ! — רעד איך צו איר, נאָכפאָלגנדיק איר שאָטן — ראָסאַ!...

זי ענטפערט נישט. אפשר הערט זי נישט. אפשר רעד איך גאָר צו זיך אַליין. מעגלעך, אַז אין מיין גרויסער אויפרעגונג און עקסטאַז רעד איך צו זיך אַליין, מיינענדיק, אַז זי הערט.

איך זאַמל צונויף מיין שפּאַניש ביסל אַרימקייט:

— אַנטשולדיקט מיר, אַנטשולדיקט מיר זייער שטאַרק, אָבער זאָגט מיר: ווי אַזוי גייט מען אויף לעאַנדראָ וואַיע?...

סך הכל שטיי איך עטלעכע שפּאַן פון יענער גאַס. איך קוק זי כמעט אָן. און זי מיך אויך. מיר דאַכט זיך גאָר, אַז זי ווינקט צו מיר, די גאַס, אַז זי מאַכט צו מיר מיט אַן אייגל.

אָבער איך מאַך זיך נישט ווויסנדיק. איך קוק אַוועק. איך קוק אויף דעם ליד, וואָס אויף צוויי פיס. דאָס ליד שטייט שוין אַנטקעגן מיר און שמייכלט. איך וויל נאָך עפּעס פרעגן, אָבער כ׳פאַרליר דאָס לשון.

זי פרעגט:

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז מיין נאָמען איז ראָסאַ?

— פון וואַנען איך ווייס? — איך ווער אַן אַנגעצונדענער — פון וואַנען ווייס איך, אַז היינט איז דינסטיק, און מאָרגן וועט זיין מיטוואָך, און אַז אין צען טעג אַרום וועט זיין ניי־יאָר, און אַז... ניין, אייער נאָמען

קען נישט זיין קיין אַנדערער, ווי ראָסאַ, די, וועגן וועלכער מען זינגט...

אירע אויגן, אָנגעגאָסן מיט בעבערס רייץ, איבערפולטע מיט כישופדיקע שמייכלען, אָנגעלאָפּענע מיט שטוינענדיקע בליקן, קוקן אויף מיר און זעען פאר זיך אַזאַ מין פאַרשווין:

אַ בלאָנדער און אַן איידל־געבויטער. אַ פרעמדער און אַן אייגענער — אַזאַ, וואָס מאַכט זיך היימיש. דאַכט זיך: אַ שעמעוודיקער — און אַזאַ דרייסטער. דאַכט זיך: אַ שטילינקער — און אַזאַ טעמפּעראַמענט־פולער. ווערט ביי איר די אַנרעגונג און די נייגעריקייט שטאַרק, גאַנץ שטאַרק. מאַכט זי צו מיר:

— מיין נאָמען איז נישט ראָסאַ. מיין נאָמען איז קאַרמען.

— קאַרמען? — גיב איך זיך אַ כאַפּ — ס'איז טאַקע שענער ווי ראָסאַ. קאַרמען איז קלינגענדיקער, שפּילעוודיקער, מוזיקאַלישער. קאַרמען — ווער איך באַגייסטערט — איז אַ וואונדערלעכער נאָמען!...

זי קוקט אויף מיר און לאַכט. זי וואָלט מיך וועלן צעקייען און קען נישט. זי האָט ווייסע, שאַרפע ציינדלעך. אָבער איינבייסן מיך וועט זי נישט אַזוי לייכט. און נישט אַזוי שנעל. מסתמא פאַרשטייט זי עס.

איך לאַך אויך. ס'איז אונז, ווי ס'ווייזט אויס,ביידע גוט.

מיר גייען. אויפן ראָג לעאַנדראָ וואָס שטעלט זי זיך אָפּ, פרעגט מיך וואוהין איך וויל גיין.

איך ענטפער איר, אַז איך וויל איצטער אין ערגעץ נישט גיין. איך וויל זיין מיט איר.

זאָגט זי, אַז די מאַמע וועט אויף איר שרייען, אפשר שלאָגן.

— און דער טאַטע?

— איך האָב נישט קיין טאַטן.

— ער לעבט נישט?

— יאָ, ער לעבט — מיט אַן אַנדערער.

— וואו וואוינסטו, קאַרמען?

— אויף קובאַ 28. דאָרטן האָט איר אייער הויז*)

---

*) אַ מעקסיקאַנישער העפלעכער מנהג. ווען ער רעדט מיט עמיצן, אַ באַקאַנטן אָדער אפילו אַ ווילד־פרעמדן מענטש, און ער דערמאָנט דערביי

— א דאנק. ווילסט טאקע איך זאל קומען?

— זאגט מיר פריער, ווער איר זענט.

— זעסט דאך: אַן אויסלענדער.

— כ'זע. וואס פארא?

— א „גרינגא"**)

— פון וואנען?

— פון ניו יארק.

מיין קארמען מיניעט זיך. אין אירע גרויסע שווארצאפלען צינדן זיך פייערלעך. איך ווייס שוין וואו איך האלט מיט איר. די איינזייטיקע באהערשנדיקע קראפט פארשווינדט. קארמען, מיט איר גאנצן רייץ און כישוף, ווערט שוואך, ווערט באגרענעצטער אין איר מאכט, באשיידענער אין איר פראכט. איך האב איצט א קעגן־וואפן, אזא שטארקן, אזא ווירקנדיקן — ניו יארק.

— א! — מאכט זי און גיט אזש א קרעכץ־אויף פון באגייסטערונג — ניו יארק! ס'מוז זיין וואונדערלעך דארטן צו זיין!...

— וואונדערלעך, קארמען. וואונדערלעך!...

וואס דען זאל איך איר זאגן — אז נישט? מיט מיינע אייגענע הענט צעשטערן דעם שטארקסטן אנהאלט־פונקט מיינעם? פארוואס נישט מיט אט דער אילוזיע געווינען קארמענס הארץ, דאס הארץ פון דעם שענסטן מיידל פון מעקסיקע?

— יא, סעניאריטא קארמען, ניו יארק איז דער וואונדער פון דער וועלט. ניו יארק איז דער מאגנעט פון דעם ערד־קיילעך. ניו יארק אנטהאלט אין זיך אלע אייגנשאפטן און קוריאזיטעטן פון די פעלקער. ניו יארק שלאפט קיינמאל נישט. זי טומלט ביינאכט און רוישט בייטאג.

מויל און אויערן זענען ביי איר אפן. זי איז אינגאנצן פארכאפט פון מיין פארטייאישן אפמאל. זי קוקט איצטער נישט אויף מיר, נאר ווייט.

זיין היים, זאגט ער: „דארטן האסטו דיין הויז". ס'הייסט: ער לאדט אייך איין צו קומען. כאטש נישט אלעמאל מיינט ער עס. דיזעלבע העפלעכקייטפארם ווערט אנגעווענדט פון אלע — פון מענער, פרויען און קינדער.

**) זידל־ווארט פאר אמעריקאנער.

ווייט אַוועק, אַהין, וואו, לויט איר מיינונג, ניו יאָרק געפינט זיך. מיך פאַרדריסט עס אַביסעלע. איך וויל, זי זאָל בעסער קוקן אויף מיר; איך וויל, אַז איר שוואַרצאַפּלדיקער אַפּשלאָג זאָל רוען אויף מיין פּנים, זאָל וואַרימען מיינע בלוטן. איך וויל נישט, אַז ניו יאָרק זאָל זיך צו איר באַווייזן וויזיאָנעל, נאָר בלויז דורך מיר אַליין זאָל זי פילן און זען ניו יאָרק.

— איז ניו יאָרק שיין? — פרעגט זי, שטאַרק פאַרטראַכט, אַלץ קוקנדיק אַהין, אַוועק.

איך בין אַביסעלע אין אַ פאַרלעגנהייט. איך וויל נישט איבערכאַפּן די מאָס מיט מיין אומאויפריכטיקייט וועגן דער שטאָט, וועלכער איך האַלט פאַר איינער פון די שמוציקסטע אין דער וועלט. ענטפער איך איר אָפּנהאַרציק:

— ניין, ניו יאָרק איז נישט שיין. אָבער אַנדערש פון אַלע אַנדערע שטעט. אין דעם ליגט איר חן. זי איז אַזוי ריזיק־גרויס, אַזוי מעכטיק, אַז בלויז צוויי גאַסן אירע באַהערשן אַ האַלבע וועלט.

— וואָס פאַראַ גאַסן?

— וואָל סטריט און בראָדוועי. איינע מיט איר גאָלד און די צווייטע מיט אירע עלעקטרישע ליכטער.

קאַרמען האָט געהערט פון די גאַסן. אָבער זי ווייסט נישט גענוי מיט וואָס זיי באַהערשן די וועלט. אפילו מיט מיין אויסטייטש כאַפּט זי נישט. קאַרמען איז אַ מעקסיקאַניש מיידל און גאָר אַ קליינע גריבלערין אין דער וועלטס סודות און איבלען. דער איינציקער און וויכטיקסטער פּראָבלעם אירער איז: אַמאָר (ליבע).

זי גיט זיך אַ כאַפּ: ס׳איז שפּעט. זי מוז שוין גיין.

— ווען וועל איך דיך נאָכאַמאָל זען, קאַרמען?

— מאָרגן.

— אין וועלכער צייט?

— איך ווייס נישט.

— ווער דען ווייסט?

— מאָרגן — זאָגט זי — קען איך טאַקע נישט. ס׳דאַרפן קומען צו אונז געסט.

— און דאָנערשטיק?

— סי (יאָ).

— אין וועלכער שעה?

— כ'ווייס נישט. כ'דאַרף גיין מיט דער מאַמען קויפן זאַכן.

— און פרייטיק?

— דאַרף איך גיין מיט דער מאַמען צו דער מומען.

— און זונטיק?

— דאַרף איך גיין מיט דער מאַמען אין קלויסטער.

— ביסט אַ פרומע, קאַרמען?

— סי.

עך, קאַרמען, דו ליכטזיניק, נאַריש מיידל, דו ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ כישוף ס'שטעקט אין דיר!...

מיר באַשטימען צו טרעפן זיך שבת, פינף אַזייגער, ביי דער צענטראַלער פּאָסט־געביידע.

— אַדיאָס, קאַרמען!

— אַדיאָסיטאָ!*)

אַרום און אַרום דער פּאָסט־געביידע איז רעשיק און געזעמלדיק. ס'קומט פאַר אַ גרויסער אויסמיש פון מענטשן, טראַמווייען, אויטאָס און לאַסט־וועגענער. אַן אומבייט פון מאַסן אַרויף־שטאָט און אַראָפּ־שטאָט. אַ־בערגרופּירונגען פון מזרח צו מערב. אַנטקעגנאיבער שטייט דער שטאָטישער פּאַרק, איינגעטונקט אין גרינס. דערלעבן געפינט זיך דער אומפּאַרענדיקטער „טעאַטראָ נאַסיאָנאַל", אַ לוקסוסדיק שטיק קונסט־ווערק פון בלויז מירמל־שטיין, וואָס פון דער מאַסיווקייט און איבערגעוויכט זינקט עס אַזש אין דער ערד. לינקס געפינט זיך אַן אַמוזירונג־פּלאַץ אין מיניאַטור, צייטווייליק אַוועקגעשטעלט, פאַר איבער די ימים טובים: קריסטוסעס געבוירנטאָג און ניי־יאָר. דאָ געפינען זיך בודקעלעך, אין וועלכע מ'שפּילט טעאַטער אויף אימפּראָוויזירטע בינעס.

אַרום גייט אַן אַ מסחר. מען שרייט און מען רופט אויס אַלערליי מציאות, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויף שטעלעכלעך: עסנווארג, נאַציאָנאַלע

---

*) אַדיעעלע — לאַסקאַווער אויסדרוק.

מאַכלים, געטראַנקען, ניס, קאַשטאַנעס, פּרוכטן, שפּילוואַרג פאַר קליינע, פאַר גרויסע, אַלערליי אַנטיקן, האַנט־אַרבעטן, געמעלעכצן, שטריקערייען, אויסקריצונגען.

פונדערוויטנס, וואו עטלעכע גאַסן קומען זיך צוזאַמען, גלאַנצט־אָפּ דער רעלסן געפלעכט. אַ פאַרבן־שפּיל קומט פאַר אויף די גלאַטע שטאָק־שטיקער. אַ בלענד פון דער זון און אַ מיניע פון אַן עלעקטרישן אָפּשלאָג פון אַן אַנלויפנדיקן טראַם. עס קאָנקורירן קולות פון אויטאָבוס קאָנדוק־טאָרן, אַנאָנסירנדיק די געגנטן וואוהין זיי פאָרן. לאָטערי־צעטלעך פאַרקוי־פערס שרייען און ציען־אָן דעם עולם מיט די גרויסע פאַרשטייענדיקע גע־ווינסן. און דאָס אַלץ אין אַ כסדרדיקער באַגלייטונג פון אַ פּייפעריי פון אויטאָמאָביל־טרובעס און וואַרנונג־סיגנאַלן פון די טראַמווייען, וועלכע לויפן שנעל־שנעל, גלייך ס'וואָלט זיי עמיצער נאָכגעיאָגט.

דער זייגער איז שוין מסתמא פינף און מ'זעט נישט קאַרמענען. ס'מוז אפשר זיין שפּעטער. אויף מיין זייגער קאָן איך זיך נישט פאַרלאָזן. פון זינט איך געפין זיך אין מעקסיקע, איז ער מיר עפּעס נישט מיט אַלע־מען. אפשר האָט אים פאַרשאַדט דער קלימאַט...

קאָן זיין, ס'האָט מיט איר עפּעס פּאַסירט... ס'האָט מיט איר גאָרנישט פּאַסירט! זי איז דען דאָס ערשטע מעקסיקאַניש מיידל, וואָס ליג־נערט אָפּ אויף אַזאַ אופן? אַלע, ווייזט אויס, אויף איין שניט. זאָגן־צו. אַלע זאָגן זיי „סי". נישטאָ ביי זיי קיין „ניין". אַ מאָדנע פאָלק.

די, וועלכע וואוינען דאָ שוין לאַנג, זאָגן, אַז אפילו די מענער זענען אַזוי. מענטשן מיט גוטע הערצער. קאָנען נישט אָפּזאָגן. מען דאַרף שוין אָבער זיין מיט זיי אַזוי איינגעלעבט, מען זאָל קאָנען אונטערשיידן, ווען דער „סי" מיינט טאַקע יאָ — און אפילו דאַמאָלס קאָן מען ערשט מאַכן אַ טעות.

איך ווער אומגעדולדיק. קאַרמען הייבט ביי מיר ביסלעכווייז אָן צו פאַרלירן דעם גלאַנץ. נאָכמער: איך באַמי זיך אפילו אין געדאַנק צו פאַר־מינערן איר שיינקייט. אָבער עס געלינגט מיר נישט. פאַרדריסט עס מיך. אַזאַ ווילדע שיינקייט — און זאָל אויך זיין אַ...

ניין, איך קאָן זי נישט באַליידיקן. זי וועט קומען. זי מוז קומען! זי האָט דאָך מיר געגעבן איר אַדרעס.

אבי זיך געטשעפּעט. אָט איז זי, קאַרמען, מיין קאַרמען. איילט זיך, זעט אויס. שנעל־שנעל. כ׳דערקען זי דורכאויס: איר גאַנג, איר וויגנדיקע גראַציע, איר... און אפשר איז׳ם גאָר נישט זי... קאַרמען איז, דאַכט זיך מיר, העכער, דינער, געשטאַלטיקער... סאַראַ אומזין! ס׳איז נישט זי.

נו, מסתמא וועט זי שוין נישט קומען. ס׳איז שוין איצטער זי־בער... איך פרעג ביי אַ פאַרבייגייער ווי שפּעט ס׳איז. צוויי מינוט נאָך פינף... אָבער לויט מיין גערולד און לויט מיין נערוועזקייט האָט שוין באַ־דאַרפט זיין כאַטשבי זיבן...

— אַ, איצטער קומט זי (מיך אָרט נישט, וואָס מענטשן קוקן מיך אָן)! באַשטימט. סאַראַ פלינק געגנגעלע! אַ מין לייכטקייט פון אַ גאַנג — אַ קאַטשקעלע, ניין: אַ העזעלע, ניין: אַ שמעטערלינג. פּונקט ווי אַ שמע־טערלינג באַוועגט זי זיך...

נאָך זייענדיק אויף יענער זייט גאַס, אויפן צווייטן טראַטואַר, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו מיר צו שמייכלען. נו, האָב איך צוריקגע־שמייכלט — דאָס פאַרשטייט מען דאָך. אוודאי איז אַזאַ סאָרט שמייכל נישט גאָר פון די קליגסטע. אָבער קאַרמען פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך צוליב איר אביסל נאַריש מאַכן אויך.

זי וויל אַריבערגיין די גאַס — און קאָן נישט. איך וויל אַריבער־גיין אויף איר זייט און קאָן אויך נישט. דיזעלבע סיבה: געדיכטער גאַסן־פאַרקער. עטלעכע מאָל חזרט זיך אַזוי איבער די סצענע: זי וויל, איך וויל, ביידע ווילן — און ס׳גייט נישט.

איר זייט ווערט אָפּגערייניקט פריער. זי לאָזט זיך צו מיר. איך גיי איר אַנטקעגן ביזן ענד פון טראַטואַר, זאַמל־אַן אפשר הונדערט שמייכ־לען און צעשיק זיי איבערן גאַנצן פּנים מיינעם: אין די אויגן, אין מויל, איבער די באַקן, וויעס, ברעמען — אומעטום. כ׳קום־צו נאָענט... כ׳קום־צו נענטער — — — — — — — —

וואָס פאַראַ צרה איז דאָס?!

זיך ווידער אָפּגענאַרט. ס׳איז נישט קאַרמען. ס׳איז...

— הער נאַר, וואָס ווילסטו דאָ?

איך, דער פרעמדער, דער אויסלענדער, צו איר, דעם מעקסיקאַנישן מיידל.

זי איז אַ יונג קינד. אפשר זעכצן יאָר אַלט. גאָר אַ סימפּאַטישע. גאָר אַ באַחנטע. און גאָר, דאַכט זיך מיר, ענלעך צו קאַרמענען.

לויט מיין פריערדיקן שמייכלען צו איר, האָט זי איצטער געזעט ווייניק געוואונדערט מיין כעס. האָט זי דעריבער איז אַ שטילן, שולדיקן טאָן געענטפערט:

— דו׳סט מיך גערופן.

געפעלט מיר איר ענטפער. ווער איך ווייכער.

— ערשטנס, — זאָג איך, — האָב איך דיך נישט גערופן, נאָר געשמייכלט צו דיר. צווייטנס, אַזוי לייכט גייט מען עס צו אַ פרעמדן מאַן?

— דו געפעלסט מיר! — ענטפערט זי מיר אָפּ אַזוי פראָסט און ערלעך, אַז איך פאַל ביי זיך אַראָפּ מיט מיין נאַרישן מוסר. זי הייבט מיר אָן געפעלן ווערן אַלץ מער.

— גייסטו צו יעדן מאַן, וועלכער געפעלט דיר? — פרעג איך זי.

— יאָ.

— און געצאָלט נעמסטו?

— ווי אַמאָל. אַז מען גיט מיר, נעם איך.

— און אַז נישט?

— נעם איך נישט.

איך באַטראַכט זי. זי איז יונג און שיין און נאָך גאָר פריש. אָבער ווי לאַנג וועט עס דען אָנהאַלטן? זי גייט זייער אָרים אָנגעטאָן, שטאַרק אָנגעשמינקט. איך טראַכט: „ווי הפקרדיק דו ביסט, מעקסיקאַנישע פרוי...״

זי באַמערקט מסתמא מיינע סימפּאַטישע בליקן, נעמט זי מיך אויך באַטראַכטן בעסער און מיט מער דרייסט. זי שטעלט זיך אָפּ אויף מיינע בלאָנדע האָר און באַהאַלט נישט איר צופרידענע מינע. זעט אויס: ז׳געפעל איר.

אָרים מעקסיקאַניש מיידל, מיט דיין געשמאַק!...

— ווי רופט מען דיך? — גיט זי מיך אַ פרעג און פאַרשפּילט זיך מיט אירע פינגער מיט אַ קנעפּל פון מיין רעקל.

אָבער נאָך איידער איך האָב צייט צו ענטפערן, דערפיל איך דיזעלבע וואַרימע כוואַליע, ווי יענעם פאַרנאַכט, אויף זיך. איך גיב אַ דריי אויס דעם קאָפּ — קאַרמען!

— כעסום, שטיי מיר ביי!

דאָס מיידל, וואָס לעבן מיר, ווערט גלייך פּאַרטושט, אַפּגעווישט, ווי קיינמאָל נישט געווען.

איך באַגעגן זיך מיט קאַרמענס אויגן, בעסער: מיט די פייערן, וואָס אין אירע שוואַרצאַפּלען, און בלייב שטיין אַן אָפּגעבריטער.

— קאַרמען, ביסט ברוגז?

איך דערזע פאַר זיך אַ פּלייצע, אַ שמאָלע און געטאַקטע, אַ שוואַרץ קלייד און אַ שטיק האַלז גיט זיך מיט מיר אַ רייץ, ברוינער האַלז. דערנאָך די האָר, קוילן שוואַרצע. דערנאָך אירע פּיס, דינע און געפּאַרמטע און גרינגע אַזוינע. דערנאָך אירע טריט, קליינע, אָבער גיכע, גאָר־גאָר גיכע.

קאַרמען גייט פון מיר אַוועק.

איך לויף איר נאָך. איך פאַרשטעל איר דעם וועג.

— קאַרמען!

זי שטייט. צעעפנט ברייט אירע אויגן־דעקלעך און גיט אויף מיר אַ גאָס אַ גאַנצן שטראָם פייער.

— קאַרמען, פאַרוואָס ביסטו בייז?

— פון מיר מאַכט מען נישט חוזק.

— ווער מאַכט חוזק?

— ווער איז יענס מיידל?

— כ׳ווייס נישט.

— זי איז דיין געליבטע!

— וואָס?!...

— זי איז דיין געליבטע!

— קאַרמען, באַליידיקסט מיך.

— ווי־זשע קומט זי צו דיר?

— כ׳קען זי נישט.

— קענסט זי.

— כ׳האָב זי איצטער געזען צום ערשטן מאָל.

— האָסט מיט איר גערעדט.

— אויך צום ערשטן מאָל.

— זי איז דיין געליבטע.

— איך בעט דיך, קאַרמען, הער מיך אויף צו באַליידיקן. כ'האָב זי געזען פונדערווייטנס, האָב איך געמיינט, אַז דאָס ביסטו האָב איך צו איר אַ שמייכל געטאָן. איז זי צוגעקומען.

— איז'ס אמת?

— ווי מיין נאָמען איז טשאַרלי.

— פּאַליאַבראַ? (אויפן וואָרט)

— פּאַליאַבראַ.

שוין איבערגעבעטן. זי גייט לעבן מיר נאָענט. איך נעם אַ איר אָרעם, גליטשט ער זיך פון מיין האַנט אַרויס.

— פאַרוואָס, קאַרמען?

— ווייל מ'טאָר נישט. — און באַגלייט עס מיט אַ שמייכעלע, וואָס זאָגט פונקט פאַרקערט.

— אונזערע מנהגים — רעדט זי — זענען אַנדערש ווי אייערע. ביי אונז איז אַ פרוי געצוימט.

— דערפאַר זענען ביי אייך פאַראַן אַזויפיל שלעכטע מיידלעך? — גיב איך אַ שטאָך.

— די מענער זענען דאָ אויסגעלאָסן. — פאַרענטפערט זי זיך — אַ פרוי טאָר דאָ נישט גיין אַליין אין גאַס.

— פאַרוואָס־זשע גייסטו?

— בלויז ווען כ'דאַרף עפּעס קויפן. די מאַמע גיט מיר עטלעכע מינוט דערלויבעניש.

— און איצטער?

— אַ האַלבע שעה.

— האָסט געזאָגט וועגן מיר?

— יאָ.

— וואָס זאָגט זי?

— זי זאָגט, אַז אַן אויסלענדער קאָן מען גיכער געטרויען ווי אַן אייגענעם. — און גאָר פּלוצלונג: — ווילסט גיין צו מיר אַהיים?

מיר געפעלט עס עפּעס נישט. שטעקט דאָ נישט אַ שטיקל געפאַר? איך, אַ פרעמדער, קען קוים מיט צרות זיך דורכרעדן... און וואָס פאַראַ זין האָט עס אינגאַנצן?...

איך זאָג עס קאַרמענען. פאַרשטייט זיך, אַביסעלע פאַרשטעלט. ווערט זי פריער עטוואָס אַראָפּגעפאַלן פונם מוט, נאָכדעם ווערט זי אין כעס, גיט אַ זאָג:

— האָסט אַ געליבטע!

דאָס געפעלט מיר דווקא. איר אייפערזוכט, איר טעמפּעראַמענט, איר גאַנצער שטאָלצער, פּרוויאַישער פאַרנעם. זאָג איך שמייכלענדיק:

— זיכער האָב איך אַ געליבטע.

ווערט זי אויפגעבראַכט:

— ס'איז יענס מיידל!

— ניין, — זאָג איך, — ס'איז דאָס מיידל... — און ווייז אַז אויף איר.

בלייבט זי שטיל, באַזיגט און צופרידן.

— קום צו דיר אַהיים, קאַרמען, און באַקען מיך מיט דיין מאַמען.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

קאַרמענס היים:

זייער אַן אָרימע וואוינונג, וואָס באַשטייט פון איין שטוב, אַ לאַנגער, אַ שמאָלער און אַ טונקעלער. עס איז אַזוי ענג און אָנגעשטעלט אַן אַן אָרדענונג, אַז מען קען ביים אַריינקומען קוים אוועקשטעלן אַ פוס. כאָטש דאָס גאַנצע „מעבל״ באַשטייט אינגאַנצן פון אַ גרויס הילצערן בעט, אַ טיש, אַ קליין טישל, עטלעכע שטולן, אַ שאַפקע, אַ ניי־מאַשין, אַ קיך מיט געפעסן, אַן אויפשטעל־בעטל און פאַרשידענע אַנדערע קלייניקייטן, ווי איקאָנעס, א. ד. גל.

אינדרויסן איז נאָך גוט ליכטיק, אָבער דאָ איז שוין גוט פינסטער. ביי אונזער אַריינקום, גיט זיך אַ פרוי, נישט קיין אַלטע, נאָר אַ פאַרעלטערטע, אַ הייב־אויף פון דער ניי־מאַשין, ביי וועלכער זי האָט געאַרבעט. גיט אַ קוק אויף מיר ערנסט, דירעקט, אָבער גאַנץ פריינטלעך, און הייבט אָן צו זוכן פאַר מיר אַ פּלאַץ אויף צו זיצן.

קאַרמען שטעלט פאָר:

— מר. טשאַרלי — מי מאַמאַ!

אויפן בעט, באַמערק איך, ליגן צוויי פעקלעך שמאַטעס. לעבעדיקע

פעקלעך, איינס אַ גרעסערס, איינס אַ קלענערס. איינס, דאָס גרעסערע, הייבט זיך עפּעס אָן רירן, באַוועגן, און וויקלט זיך, צום ענד, פאַנאַנדער.

עס דערשיינט אַ מענטש. בלייבט אַ ווײַלע זיצן אומבאַוועגלעך. איז, ווייזט אויס, פאַרשלאָפן. דאָס קלענערע פּעקל הייבט זיך אויך אָן רירן. עמיצער הייבט פון דאָרטן אָן אַרויסוויינען מיט אַ קינדערש געוויין.

ווען מען שטוקעוועט מיך ווי נישט־איז אַריין צווישן אויפשטעל־בעטל און ניי־מאַשין און די מוטער הייבט זיך אָן פּאָרען ביי דעם קינד, דערקלערט מיר קאַרמען, אַז דאָס איז אירע אָן עלטערע שוועסטער מיט אַ קינד.

שפּעטער אַביסל, ווען מ'זיצט ביים טיש און די מוטער דערלאַנגט אַזאַ מין ווײַן (פּולקע, נאַציאָנאַלער געטראַנק) און מען צערעדט זיך, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך פון איר, דער עלטערער שוועסטער קאַרמענס, איז דער מאַן אַוועק. זיי ווייסן נישט וואו ער איז. זיי זוכן אים אפילו נישט. ס'איז נישט קיין אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אין מעקסיקע.

דאָ פאַל איך אַריין אין מיין אייגענער נעץ. נישט פילנדיק ווי אַזוי, קום איך אַריין אין דער ראָל פון אַ מאָראַליסט. איך הייב אָן קריטיקירן און פאַרדאַמען די היגע מענער פאַר נעמען זיך אַזוי פיל רעכט און אַזוי פיל פּריווילעגיעס, צעטרעטנדיק דערביי אַזוי פיל לעבנס, און אַז מ'דאַרף אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן די אַלע. איך צעהיץ זיך און איך קאָך זיך. און מחמת דעם, וואָס מיר פעלן אויס אַ שיר ווערטער, נוץ איך מיינע הענט, מיינע פינגער, און איך פיל בלויז פון צייט צו צייט, אַז איך גראָב אונטער מיינע אייגענע גוטע שאַנסן מיט קאַרמענען.

אָבער ביי זיי בין איך נושא חן. באַזונדערס געפעל איך דער מוטער. זי האָט שוין, זאָגט זי, פון לאַנג־אָן געוואוסט, אַז די אמת־גוטע מענער זענען נאָר פאַראַן צווישן די אויסלענדער — ספּעציעל צווישן די אַמעריקאַנער, און פון תמיד אָן שטרעבט זי, אַז איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַן אויסלענדער.

אוודאי געפעלט מיר אָט די אַנצוהערעניש נישט אַזוי שטאַרק. און די זייער אומאויפריכטיקע, איבערגעטריבענע אָפּשאַצונג וועגן די „אויסלענדישע מענער" — אויך נישט. איך פיל, אַז די אַלטע וואָלט מיר געוויזן

שטארק דערווידער, ווען נישט קארמענס ווארימע, לאשטשענדיקע, צוזאגנ־דיקע בליקן, וואס רוען כסדר ארום אויף מיין פנים.

די עלטערע שוועסטער, פארברענגענדיק מיט אונז ארום א שעה צייט, הייבט זיך אן אויספוצן און אויסשמירן מיט אלערליי ביליקע קאס־מעטיקס. זי טוט זיך אן, ציט אויף זיך ארויף א געמאכטע פריילעכקייט און גייט אוועק, זאגנדיק מיר, אז זי גייט אין „סינע" (קינא). אבער לויט דעם אופן ווי קארמען מיט דער מוטער קוקן זיך איבער, דאכט זיך מיר, אז איך פארשטיי וואוהין זי גייט.

איך האב זיך אנגעהויבן צו טרעפן מיט קארמענען זייער אפט. און נישט נאר אין איר הויז, נאר אין גאס אויך. איר מוטער האט דער־לויבט. זי האט צו מיר, האט זי געזאגט, גרויס צוטרוי. אין דעם איז טאקע געלעגן די הויפט־צרה. איך בין געווען געבונדן, מאראליש געבונדן. א חוץ דעם, האב איך, נאך מיין נארישן אריסטאקראטישן קעגן די אויפפירונגען פון די היגע מענער, נישט געקענט האנדלען, פונקט ווי איינער פון זיי וואלט געהאנדלט.

קארמענען האב איך ליב. אבער דאס איז נישט קיין ערנסטע ליבע. איך פארשטיי דאס. זי איז שיין. זי איז וואונדערלעך־שיין און ניי פאר מיר. זי רייצט מיך מיט איר פרעמדקייט און עקזאטישקייט, פונקט ווי מיט איר קערפער, פונקט ווי מיט איר ליבע.

יא, קארמען האט מיך ליב. און זי ווייסט נישט פון קיין קאנ־טראל און פון קיין גרענעץ. זי איז א קינד פון דער לאטייניש ער ראסע. אבער איך בין גראד דער, וואס האלט זיך צוריק. איך וויל נישט אריבערגיין די גרענעץ. שטילערהייט פיר איך אן מיט זיך א קאמף. שטילערהייט מאך איך דורך גרויסע ליידן און ספקות. איך געטרוי נישט קארמענען. איך ווייס: עס איז זייער נישט ערלעך פון מיין זייט אזוי צו טראכטן. אבער איך בין נישט שולדיק. עפעס זאגט מיר אונטער, אז מען מיינט דא נישט אינגאנצן דעם אמת; אז קארמען מיט איר מוטער האבן עפעס אין זין. וואס אזוינס? איך ווייס נישט. און אז קארמען זאל קענען זיין אזוי פאלש און אזוי שלוי און זיך קענען אזוי פארשטעלן, גלייבט זיך גאר נישט.

אבער איך בין כמעט זיכער, אז איר שוועסטער פארנעמט זיך

מיט פּראָסטיטוציע. און איר מוטער ווייסט דערפון. און קאַרמען אויך. פריער האָט זי עס פון מיר געלייקנט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צוצעשווייגן. עס האָט איינמאָל אַזוי פּאַסירט, אַז מיר האָבן זי באַגעגנט אין גאַס מיט אַ מאַן, וועלכער האָט זי געהאַלטן געאָרעמט. ווען איך האָב געפרעגט קאַר־מענען ווער דער מאַן איז, איז זי רויט געוואָרן און האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט. עס איז שוין געווען האַלב נאָך צען אין אָוונט — אַ שפּעטע שעה אין מעקסיקע פאַר פרויען צו גיין אין גאַס, סיידן מיט זייערע מענער אָדער געליבטע.

קאַרמען האָט מיך שוין וויפיל מאָל געפרעגט, צי איך וועל זי מיטנעמען קיין ניו יאָרק. איך האָב איר צוגעזאָגט. אָבער דערנאָך האָט מיר באַנג געטאָן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז זי וועט עס נעמען אַזוי ערנסט.

איך בין מיט איר געגאַנגען אין קינאָ, אין טעאַטער. נאָכדעם פלעג איך מיט איר צוזיצן אין פּאַרק. מיר פלעגן זיך ליב האָבן און זיך קושן זייער היים. מיין קאַרמען האָט געברענט. עס זענען געווען פאַלן, ווען זי האָט זיך ביי מיר געבעטן, איך זאָל זי נעמען צו זיך אַהיים. זי וויל וויסן וואו איך וואוין — און צי איך וואוין שיין. אָבער איך האָב זיך דערפון געזוכט אַרויסצעדרייען. ערשטנס, צוליב חשד; צווייטנס, איך האָב שוין געקענט די מעקסיקאַנישע מיידלעך און געוואוסט, אַז זיי זענען שוואַך און פאַלן ווי די פליגן. זיך אַליין האָב איך אויך נישט געטרויט.

עס איז ניי־יאָר אָוונט. איך גיי מיט קאַרמענען באַגעגענען דאָס נייע יאָר. עס איז נאָך פרי. קוים ניין אַזייגער.

מיר האָבן גענוג צייט. איר מוטער האָט איר געזאָגט, אַז זי קען היינט מיט מיר פאַרברענגען ווי לאַנג זי וויל. קאַרמען איז גליקלעך. זי גייט נישט לעבן מיר, נאָר אין מיר. טוליעט זיך אַזוי אַריין, אַז מען קען מיינען, אַז איין מענטש גייט. איך בין אויך צופרידן און האַלב־גליקלעך, כאָטש ס'נאָגט אין מיר אַזאַ צווייפל. אָבער לעבן קאַרמענען קען מען נישט זיין אינגאַנצן טרויעריק.

עס זענען פאַראַן אַ סך פלעצער וואוהין צו גיין. אָבער מיר איילן זיך נישט. מיר ווילן בעסער זיין אַליין — מיר ביידע, ווייטער קיינער נישט. קאַרמען רעדט היינט אַ סך. פלאַפּלט און פלוידערט ווי אַ קינד.

זי איז שטאַרק צופרידן פון איר לעבן. טײלמאָל, אַרײנפאַלנדיק אין התפּעלות פון מײנס אַ חכמה, צי פון אירס אַן אײנפאַל, דערלאַנגט זי מיר אַ קניפּ אָדער אַ ביס אין דער האַנט, אַז עס בלײבן מיר שטײן צײכנס.

— זאָג מיר, קאַרמען, װילד מײדל מײנס, מיט װאָס ביסטו אַזױ צופרידן פון דײן לעבן?

— מיט אַלץ, מיט אַלעם! — ענטפערט זי, נישט טראַכטנדיק.

— און דו? — פרעגט זי מיך, אַרײנקוקנדיק מיר אין די אױגן — דו ביסט נישט צופרידן?

— נײן.

— פאַרװאָס? — װערט זי טרױעריק. און אין אַ רגע אַרום:

— אַ, איך װײס פאַרװאָס. האָסט נישט ליב קאַרמענען. האָסט אַ געליבטע אין ניו יאָרק — אמת?

— נײן, קאַרמען, נישט אמת. אָבער דו און איך זענען צװײ װעלטן. מיר פאַרשטײען נישט אײנס דאָס אַנדערע.

— דאָס איז גאָרנישט. — זאָגט זי זיך אָפּ מיט אַ גרינג האַרץ — װעסט זיך אױסלערנען בעסער שפּאַניש, װעלן מיר זיך פאַרשטײן.

— פאַרװאָס זאָלסטו זיך נישט לערנען קײן ענגליש, קאַרמען? װילסט דאָך פאָרן קײן ניו יאָרק?

— ענגליש איז צו־שװער. — זאָגט זי און פאַרקוקט זיך דערװײל אין אַ שױ־פענסטער פון הוט. זי שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט אײנעם, װענדט זיך צו מיר:

— טשאַרלי, קױף מיר דעם הוט.

— נעם דיר דעם הוט.

קאַרמען שטײט אַנטקעגן שפּיגל, קוקט אַרײן, אַנמעסטנדיק דעם הוט, און שטראַלט פון באַגײסטערונג.

אין אַ פינף מינוט אַרום, פאַרבײגײענדיק אַ שיך־געשעפט, שטעלט זי זיך אָפּ:

— טשאַרלי, קױף מיר די שיך.

— האָסט דאָך נישט װאָו צו נעמען זײ איצטער. כ׳װעל דיר קױפן מאָרגן.

אין אַ דרײ מינוט אַרום, פאַרבײגײענדיק אַ יוּװעליר־געשעפט:

— טשאַרלי, קויף מיר דאָס זייגערל.

איך זע, אַז איך וועל מיט איר נישט אַרויס, באַשליס איך צו זאָגן איר דעם ריינעם אמת:

— איך האָב נישט קיין געלט, קאַרמען.

קוקט זי מיך פריער אָן מיט גרויס שטוינונג, מיט גרויס פאַרוואונדערונג. דערנאָך צעלאַכט זי זיך שטאַרק, גאָר־גאָר שטאַרק, און נעמט פעסטער אַרום מיין אָרעם.

עס געפעלט איר, זעט אויס, דער וויץ. איך, דער אַמעריקאַנער, זאָג, אַז איך האָב נישט קיין געלט. לויט איר מיינונג, איז עס איינער פון די געלונגענסטע וויצן, וואָס זי האָט ווען געהערט.

— זאָג מיר דעם אמת, קאַרמען, ווען דו געפינסט אויס, אַז איך בין אָרים, זייער אָרים, וואָלסטו מיך נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק ליב געהאַט?

קאַרמען לאַכט שוין נישט. זי ענטפערט אַפילו נישט. איר גוטע שטימונג איז איבערגעפירט. מיט איר גאַנצן קינדערשן פּרימיטיוון שכל האָט זי דערפילט, אַז איך רעד איצט צו איר ערנסט. אמת, אַז איך בין טאַקע אָרים, זייער אָרים, האָט זי מיר נאָך איצט אויך נישט געוואָלט גלייבן. אָבער אַז איך בין אַ קאַרגער — דאָס יאָ. דאָס זעט זי. און דאָס, אַלס מעקסיקאַנערין, האָט זי גוואַלטיק פיינט.

— פאַרוואָס שווייגסטו, קאַרמען? קענסט זיך נישט גלייבן, אַז איך בין טאַקע אָרים?

— ניין, איך קען זיך עס נישט גלייבן.

— פאַרוואָס?

— ווייל אַלע אַמעריקאַנער זענען רייך.

— אַלע?

— אַלע!

— זאָג מיר, קאַרמען: לייענסטו אַמאָל צייטונגען?

— אַמאָל.

— האָסט קיינמאָל נישט געלייענט, אַז אין אַמעריקע זענען אויך פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן?

— ניין.

— אז מענטשן שטייען אַפּ שעהנלאַנג און וואַרטן אויף אַ שטיקל אַלט שוואַרץ ברויט מיט קאווע?

— ניין.

— וואס־זשע דען לייענסטו אין די צייטונגען, קארמען?

— איך לייען בלויז וועגן פרייליכע זאכן: וועגן אַקטריסעס און מיליאָנערן און קינא און ים־רייזעס און פלי־רייזעס, און נאָך...

— דו ביסט אַ קינד, קארמען, און פאַרשטייסט נישט דאָס לעבן. אפשר איז׳ם גוט אַזוי. אפשר דערפאַר האָב איך דיך ליב. אָבער זאָג מיר דעם אמת: האָסט טאַקע געמיינט, אַז איך וועל דיך נעמען קיין ניו יאָרק?

— יאָ.

— האָסט געמיינט, אַז איך וועל דיר געבן אַט די אַלע גוט׳ע זאכן, וואָס דו לייענסט וועגן זיי אין די צייטונגען?

— יאָ.

— און דו האָסט געמיינט, אַז איך וועל אייך אַלע רייך מאַכן?

— יאָ. מיין מאַמע האָט אויך אַזוי געמיינט.

— און דערפאַר האָסטו מיך ליב געקראָגן?

— ניין! — האָט זי אויסגעשריגן — נישט אמת! איך האָב דיך ליב, טשאַרלי! פּאַליאַברא, ווי איך האָב דיך ליב! מיך אַרט נישט, וואָס דו ביסט אָרים.

— אָבער ווי קען איך דיר גלייבן, קארמען?

זי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם צלם, וואָס איז געהאַנגען אויף איר האַלז, אים אָנגעהויבן קושן, זיך צלמען און זיך שווערן:

— כעסוס, מאַריאַ, דיאָס, טשאַרלי... דיאָס, טשאַרלי, מאַריאַ... איך האָב איר געגלייבט.

— אָבער דיין מאַמע — זאָג איך איר — טראַכט אַנדערש.

— וואָס בין איך שולדיק?

— דיין מאַמע שיקט דיין שוועסטער אין גאַס צו פאַרקויפן איר לייב.

זי שווייגט.

— ווען זי שיקט דיך, וואָלסטו געגאַנגען?

— איך האָב מורא פאַר דער מאַמען.

— האָט זי שוין אַמאָל געפּרוּווט דיך שיקן?

— יאָ.

— נו?

— מיין שוועסטער האָט נישט געלאָזט. מיין שוועסטער זאָגט, אַז זי קען שפּייזן די גאַנצע פאַמיליע.

— פאַרוואָס האָט קיין מאַמע אַ ניי־מאַשין אין הויז?

— כדי די שכנים זאָלן מיינען, אַז מיר לעבן פון אַרבעט.

— קאַרמען, וואָלסט וועלן מיט מיר אַנטלויפן?

— וואוהין?

— וואָס איז דער אונטערשיד? אין ערגעץ...

— יאָ.

— גוט. אָבער נישט איצט. כ'וועל זען פון ערגעץ צו קריגן געלט. וועסט וואַרטן?

— יאָ, כ'וועל וואַרטן.

— וועסט נישט אויסזאָגן דער מאַמען?

— כ'האָב מורא פאַר דער מאַמען.

גיי מאַד! אַזאַ פאַרדריסלעכע קאָמבינאַציע! אַזוי שיין און אַזוי נאַריש...

די גאַסן זענען שוואַך באַלעבט. דער עולם פאַרברענגט איצט מערסטנס אין די טעאַטערס, קינאָס, קאַבאַרעטן און אַנדערע אונטערהאַל־טונג־פּלעצער. ערשט אַרום צוועלף אַזייגער וועט מען זיך אַרויסלאָזן באַגריסן דאָס נייע יאָר.

פונקט ווי אַלע נאַכט פון אַ גאַנץ יאָר, זענען די שמאָלע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט טונקל און שוואַך באַלויכטן. אַפילו די מער־אַנגעזעענע גאַסן (מעקסיקע־שטאָט האָט נישט קיין איין באַשטימטע הויפּט־גאַס, ווי אַנדערע שטעט; זי איז זייער אַ דעמאָקראַטישע שטאָט — אין דעם זין) זענען אויך טויט און פינסטערלעך.

מיר גייען פאַרביי אַ קירך. די באַרימטע סאַנטאָ דאָמינגאָ קירך. קאַרמען שלאָגט פאָר, מיר זאָלן אַריינגיין אַ קאַפּיטשקע אונטערדאַוונען (מסתמא קלייבט זי זיך היינט צו זינדיקן). איך וויל נישט. איך זאָג איר, אַז

איך גלייב נישט אין קיין קירכעס. זי וואונדערט זיך. קען זיך קוים גלייבן. אבער בייז ווערט זי נישט דערפאר. כאטש גוט.

איך זאג איר, זי זאל אריינגיין אליין, אויב זי וויל — און מיך דארטן האבן אין זינען. איך וועל אויף איר צוואווארטן.

איך בלייב שטיין אינדרויסן א פארטראכטער. פארשידענע געדאנקען קומען מיר אין קאפ. „סאנטא דאמינגא" — דאס איז די היסטארישע קירך, וואו הונדערטער מענטשן זענען געמשפט געווארן פארברענט צו ווערן אויף די אויטא־דע־פעס פאר איין איינציקן פארברעך — פאר זיין אידן. דא, אין די פארבארגענע קאמערן, זענען מענטשן שוידערלעך געפייניקט געווארן מיט אלערליי מארטירער־אינסטרומענטן פון דער „הייליקער" אינקוויזיציע, זיי זאלן זיך מודה זיין אין דעם גרויסן פארברעך — אין אנגעהערן צו די „אומגלייביקע". דא געפינען זיך נאך די געהיימע אונטערערדישע היילן, דורך וועלכע מען האט די קרבנות געפירט צו די שייטערהויפנס.

מאדנע געפילן איבערגעוועלטיקן מיך איצטער. געפילן אזוינע שווערע, אזוינע דריקנדיקע. אט שטיי איך איצטער פנים צו פנים מיט א שטיק מיטלאלטער, מיט א שטיק שימל, סמיקן שימל. דאכט זיך, א מויער אזא אלטע, אזא שוואכע, אזא צעלעכערטע; א מויער אזא פוסטע, אזא וויסטע, אזא קאלטע... אבער וואס דערציילט זי מיר?... זי דערציילט מיר שוין גארנישט... עס איז גענוג, אז זי גיט נאך אן עפן־אויף דאס מויל און א לאז־ארויס א ריח, וואס פארפעסטעט די גאנצע לופט ארום... און מיר דאכט זיך, אז אט־אט גיט זי א צענעם די קאלטע שטיינערנע ליפן אירע און גיט צו מיר א געשריי: „אוועק פון דאנען, דו אומגלייביקער! איך פארווער דיר צו קוקן אויף מיר!..." און אז איך וועל נישט פאלגן, וועט, דאכט זיך מיר, פון איינער פון אירע פארבארגענע לעכער זיך אויסשטרעקן א האנט, א קאלטע, שטיינערנע האנט, און מיך אנכאפן ביים גארגל, און מיך אנהייבן שלעפן, און מיך אנהייבן שטיקן, און מיך אנהייבן — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך גליך זיך אויס.

„ניין, סאנטא דאמינגא, איך האב פאר דיר קיין מורא נישט! דו ביסט ווי אן אלטע, מיאוסע, אפגעריסענע סטראשידלע, וואס איז פון

אינעווייניק אַנגעשטאָפּט מיט מיסט און פאַרפוילטע שטיקער אָפּפאַל, שטייסטו אויף דיינע געליימטע ליימענע פיס און שפּרייטסט נאָך אַלץ פאַנאַנדער־פינצטערניש צו בלינדע באַשעפעניש, וועלכע גלייבן נאָך אין דיין שווארצער מאַכט. אָבער די צאָל פון די גלייביקע ווערט אַלץ קלענער און קלענער. באַלד וועסטו בלייבן אַליין, סאַנטאָ דאָמינגאָ! אַליין, מיט דיין פינצטערער פאַרגאַנגענהייט!...״

— — — — — — — — — — — —

די טיר שטייט אָפן. מען קען זען ווי די מתפּללים שטייען אויף די קני, די הענט אויף די הערצער פאַרפלאָכטן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, און — בעטן, ווער מיט גוטן, ווער מיט כעס, מיט אַ טאָן, וואָס זאָגט: „מיר קומט! איך האָב זיך ביי דיר פאַרדינט, דיאָס...״

עס ברענט אַ גרויסער לאָמפּ. דער אַפּשיין, וואָס ציט זיך פון אים, שפּרייט זיך אויס איבער אַלע ווינקלען פונם „מקום קדוש״ און באַשפּריצט, ווי מיט הייליק וואַסער, די קעפּ פון די „זינדיקע״.

איך זוך קאַרמענס קאָפּ — און געפין אים. איר פּראַכטפולער נאַרישער קאָפּ. איר פּנים קען איך נישט זען. עס איז איינגעגראָבן אין די הענט. אַן מיר האָט זי איצט, ווייזט אויס, אינגאַנצן פאַרגעסן.

איך הייב אָן דערשפּירן אַ פרעמדקייט צו איר. דיזעלבע ליפּן, וואָס קושן איצט דעם צלם, וועלן שפּעטער מיך קושן; דיזעלבע קני, וועלכע רוען איצט אויף סאַנטאָ דאָמינגאָס באָדן, וועלן שפּעטער, קען זיין, זיך באַהעפטן מיט מיינע...

ניין, קאַרמען, נישט אַזאַ וויל איך דיך זען און נישט אַלס אַזאַ קענסטו מיר געפעלן, מעגסטו אפילו באַזיצן אַ שיינקייט פון אַלע זונען!...

יאָ, קאַרמען, מיר זענען צוויי וועלטן און מיר מוזן גיין באַזונדער אויף אונזערע באַשטימטע, אָנגעצייכנטע וועגן.

אַדיאָס, קאַרמען, און זאָל דיר גאָט העלפן!...

אָ ז ע ב אַ . . .

איינמאָל, אין אַ זומער, אין סאַמע רעכטן ברעג פֿון דער טראָפּישער היץ, בין איך געגעבן אַ פֿאַל אַריין קיין מעקסיקע. עס איז געשען אַזוי גיך און פּלוצלונג, אַז איך האָב גאָר קיין צייט נישט געהאַט אַרומצוקוקן זיך וועגן מיין אַוואַנטיורע.

קיין געלט האָב איך נישט געהאַט. קיין באַקאַנטע אויך נישט. די שפּראַך, שפּאַניש, איז מיר געווען אינגאַנצן פֿרעמד. האָב איך זיך צום ערשט אַרומגעבלאָנקעט איבער די ענגע, שמאָלע גאַסן פֿון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז געווען נישט ווייט פֿון דער אַמעריקאַנער גרענעץ. מיר איז געווען אַזוי היים, אַז אַלע קליידער זענען אויף מיר געווען צוגעקלעפּט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט — און איך ווער גאָר אינגאַנצן פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטיק פֿייכטן, אויסגעווייקטן, שווייסיקן מלבוש.

איך האָב זיך דערשלעפּט צו אַ פּאַרקל, אַ קליינעם און אַ שיטערס, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, לעבן אַ גרויסן באַבלעטערטן בוים, און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די הענט, האָב איך, אַ שטאַרק פֿאַרצווייפֿלטער פֿון מיין אומבאַהאָלפֿענער לאַגע, זיך פֿאַרטראַכט.

קינדערשע קולעכלעך האָבן זיך צעקלונגען. דינע, איידעלע, קווי־טשיקע. מעקסיקאַנישע קינדער, שוואַרץ־אויגיקע און מאַט־הויטיקע, זענען נאָר־וואָס פֿון שול אַרויס. צווישן די סאַמע אינגסטע איז געגאַנגען די לערערין. עס איז געגאַנגען לויט אַזאַ סדר:

זי האָט געהאַלטן איין קינד ביים הענטל, דאָס קינד האָט געהאַלטן אַ צווייטס, דאָס צווייטע — אַ דריטס, און אַזוי כסדר, אפשר ביז אַכט־

צען פון יעדער זייט. עס האָט אויסגעקוקט, ווי אַ לעבעדיק חנוכה־לעמפּל מיט ליכטלעך, און אינמיטן — דער שמש.

מיטאָמאָל, ווען איך בין ווידער געזעסן אַ פאַרזונקענער אין מחש־בות, אין מיין אייגענעם פּלאַנטער, האָב איך דערהערט אַ קול, נאָענט לעבן מיר:

— מיסטער, יו ספּיק אינגליש?

איך האָב זיך געגעבן אַ כאַפּ. אַ טאָפּלט געפיל האָט מיך באַ־הערשט: אַ געפיל פון טיפער פרייד און אַ געפיל פון גרויס שטוינונג. ענגליש! ווען נאָך, אין מיין גאַנץ לעבן, האָט עס מיר געקלונגען נענטער ווי איצטער?

לעבן מיר זענען געזעסן צוויי מיידלעך, איינע אַ בלאָנדע און איינע אַ טונקעלע. ביידע האָבן זיי געקוקט אויף מיר מיט דערזעלבער ניי־געריקייט, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

אָבער איך האָב זיי אַזוי גיך נישט געענטפערט. איך האָב גע־קוקט אויף זיי, געקוקט — און פאַרשטאַנען. צוויי גאַסן־מיידלעך. אַלע סימנים: דאָס אָנטאָן, די שמינקע, דער פרעכער גלאַנץ אין די אויגן, דער איינגאַרטיקער שטריך, וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט דערקענען.

— יעס, אינגליש, אַי ספּיק אינגליש... — האָב איך געענטפערט קאַלט און נאָכלעסיק, גלייך איך וואָלט זיי אַ טובה געטאָן.

— אַן אַמעריקאַנער? — האָט געפרעגט די בלאָנדע.

— יאָ.

— דאָס איז פיין.

— מיט וואָס איז עס פיין?

— גאָרנישט. כ'האָב ליב אַמעריקאַנער.

— און אַז אַמעריקאַנער וואָס האָט קיין געלט נישט, האָסטו אויך ליב?

— ליסן, — האָט זי געגעבן אַ מאַך אַ מאַנעוור, אַרויסצודרייען זיך פון אַן ענטפער, — וואָס טוסטו דאָ?

— גאָרנישט. כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט.

— וואו איז דיין הוט?

— דער ווינט האָט אים אַרונטערגעריסן.

זי האט עפעס אנגעהויבן רעדן מיט דער חברטע אירער אויף שפאניש. איך האב נישט פארשטאנען קיין ווארט.

— ליסן, — האט זי מיך א פרעג געטאן, — וואס אזוינס ביסטו?

— גארנישט. א וואנדערער, אן אוואנטוריסט.

— דאס איז פיין. איך האב ליב אזעלכע פייגל.

— ליב? פארוואס?

— ווייל איך אליין, — האבן זיך די אויגן ביי איר צעבליש־טשעט, — בין אויך אזא. און איך האב שוין אויך גענוג געוואנדערט.

זי האט מיך אנגעהויבן פאראינטריגירן.

— פון וואנען קומסטו? — האב איך זי געפרעגט.

— פון רוסלאנד.

— פון וואנען?!...

— פון רוסלאנד, — האט זי געענטפערט פארחלומט, נישט באַמערקנדיק מיין פארוואונדערונג, — פון כינע... יא, איך בין שוין אויסגעווען א וועלט.

— זאג מיר, — האב איך זיך צו איר געווענדט שטארק צע־ווארימט און פול מיט עכטער אינטימקייט, — ווי אזוי רופט מען דיך?

— מערי לו.

— דערציילַ מיר, מערי לו, מער וועגן זיך.

— איך האב נישט ליב צו דערציילן וועגן זיך, — האט זי אפּ־געענטפערט קאפריזנע־שנעל און ברוגזדיק. — אלע פרעגן מיך נאר אויס, וואס גייט זיי אן מיין פארגאנגענהייט?...

— אבער איך מיין נישט קיין שלעכטס, מערי לו. דו אינטע־רעסירסט מיך, וויל איך וויסן, ווער דו ביסט. איך האב דאך דיר אויך געענטפערט, ווען דו האסט מיך געפרעגט.

— זאג מיר: ביסט א רוסישער? — האט זי מיך אזא דירעקטן און ראפטומדיקן פרעג געטאן, ארייננקוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן.

— ניין. איך בין אמאל געווען אין רוסלאנד. אמאל, שוין לאנג, לאנג צוריק.

— און איך אויך, — איז זי ווידער אריינגעפאלן אין דער פריערדיקער פארחלומטער און פארבענקטער שטימונג. — איך בין דאמאלס

געווען א קליין מיידעלע. מיין פאטער האט נאך דאמאלס געלעבט...
— און היינט?
— לעבט ער שוין נישט. די באלשעוויקעס האבן אים דערשאסן.
— פארוואס?
— פאר גארנישט. ער איז געווען א גראף.
— נישט מער? — האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן פון א שמייכל.
זי האט דאס באמערקט.
— וואס איז? אז איינער איז א גראף, קומט אים דען צו הרגענען? איך האס די באלשעוויקעס! איך האס זיי!
מחמת דעם, וואס זי איז געווען שטארק אנגעשמירט, האט מען נישט געקענט זען, צי דער קאליר פון איר פנים האט זיך געביטן. אבער דער אפשלאג פון אירע אויגן איז באשטימט געווארן גריז, און די עכטע סלאווישע פאררויסנקייט פון איר נאז האט זיך עקשנותדיק געשטייפט.
— ווי אזוי ביסטו פון דארטן ארויס? — האב איך געוואלט אפציען פון איר דעם כעס.
— דורך סיביר זענען מיר אנטלאפן קיין כינע, איך מיט דער מאמען מיינער. אפגעוואוינט דארטן אכט יאר, איז אונז נמאס געווארן. אויפן וועג קיין אמעריקע זענען מיר געבליבן שטעקן אט דא. דאס אלץ.
— זאג־זשע מיר, מערי לו, אז דו קומסט שוין יא פון אזא יחוס, פארוואס־זשע פארנעמסטו זיך מיט...
— איך פארנעם זיך נישט מיט דעם אליין. איך בין א טענצעריז אין א קאבארעט. אבער איך מאך נישט גענוג. איך דארף גיין שיין אנגעטאן, אז נישט פארליר איך די שטעלע. אלע היגע טענצערינס טוען אזוי.
— נו, און ביסט כאטש צופרידן?
— צופרידן? „באלאני"! (כ'וויים נישט, וואו זי האט געכאפט דאס אמעריקאנישע גאסן־ווערטל) פארגעס נישט, אז איך בין נישט קיין מעקסיקאנערין (דירעקט אנגעוויזן אויף איר חברטע). איך בין א רוסישע — און א גראפס א טאכטער!
זי האט דערביי געמאכט אזא ערנסטן זשעסט, אז עס איז אים געלעגן א וועלט מיט קאמיזם.

— פאַרוואָס־זשע זעסטו נישט צו טאָן עפּעס אַנדערש?

— נישטאָ וואָס. מעקסיקע איז אַ לאַנד, וואָס וויל נישט האָבן קיין אָרנטלעכע פרויען. נו, זעסט דאָך...

און אַ בליץ־שנעלע טאָן־ענדערונג:

— ליסן, ווילסט גיין צו מיר אַהיים?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז כ'האָב נישט קיין געלט.

— געלט? — באַלאָני! מיין מאַמע זאָגט, אַז ביי אונז האָט מען געלט געהאַלטן אין די זעק, און קיינמאָל נישט געציילט, נאָר געוואויגן. קום! מיין מאַמע וועט זיין צופרידן.

— אַלראַיט, מערי לו.

שטאַרקע, מאַסיווע, קויטיקע ווענט. אַ הויכער באַלקן, אַ שטייןערנער דיל, אַ פענסטערל מיט גראַטעס, אַ צוגעלענטע טיר — אַט דאָס אַלץ האָט זיך פאַר מיר אַרויסגעשיילט פון דער טונקלעניש, נאָכדעם ווען איך האָב זיך געהאַט אויפגעכאַפּט פון שלאָף און היפּשע עטלעכע מינוט געהאַלטן אָפן די אויגן.

איך בין געלעגן אין אַ בעט מיט אַ האַרטן מאַטראַץ, וואָס האָט געשטאָכן דאָס ליב, אינגאַנצן אָפּגעדעקט. עס איז געווען היים און שטיקנדיק.

דאָ האָט געוואוינט מערי לו מיט דער גרעפישער מוטער אירער.

דאָס גראַטן־פענסטערל איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. עטלעכע דינע פאַסן פון ליכט־אָפּשיין זענען געלעגן צעלייגט אויף די ברוינע שטייןער און פון צייט צו צייט איינגעזאַפּט אין זיך אַ מענטשלעכן סילועט, וואָס האָט דאָ פאַרבייגעשלייכט.

איך האָב אינגאַנצן צוגעשפּאַרט די טיר און דעם לאַדן פון פענסטערל. געמאַכט ליכטיק און זיך גענומען אָנטאָן און אָרומוואַשן.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— קאַם־אין!

אַ פרוי, אַ געזונטע, פעסט־געבויטע, מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיק יונג פּנים, איז אַריינגעקומען רויכערנדיק אַ סיגאַרעטל.

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָר!

— איך רעד נישט קיין שפּאַניש...

— אַ, איזווינײטיע... יאַ זאַבילאַ... דאַ ווי... דאַ ווי... (אַ, אַנטשול־דיקט... איך האָב פאַרגעסן... איר זענט דאָך...).

— אַמעריקאַניעץ! — האָב איך איר אַרויסגעהאָלפן.

מײַן גרעפּינס פּנים האָט זיך געשאַטנט. אין די קוים־קוים אָנ־זעעוודיקע דינע קאַרבן, וועלכע זענען מיט גרויס פּעאיקייט און מיט גרויס געניטשאַפט געווען פאַרשמירט, האָבן טראַציקע און פאַרדראָסיקע גרימאַ־סעלעך אַרומגעטאַנצט. און איר נאָז, אָט דאָרטן, וואָס נאָענט צום מויל, האָט אויך, פּונקט ווי ביי איר טאַכטער, מערי לו, זיך געצויגן אַרויף־צו מיט אַזאַ עקשנותדיקער פאַרריסנקייט. און איצטער, ווייזט אויס, מער ווי תמיד, ווייל זי האָט געהערט פון מיר דאָס וואָרט „אַמעריקאַניעץ", איצט האָט זיך די דאָזיקע פאַרביסנקייט געשאַרפט, און מיט רוגזה, מיט אַ מין צולהכעיס מינע, געצויגן זיך אַלץ מער אַרויף־צו, אַרויף־צו, ווי זיך אָפּ־רעכענענדיק:

— נאַ! אַמעריקאַניעץ?... נאַ!...

אָבער געזאָגט האָט זי:

— אַמעריקאַניעץ? כאַראַשאַ... — און זי האָט אָנגעהויבן נערוועז אַרומשפּאַנען איבערן צימער — וויעד יאַ דומאַלאַ... וויעד יאַ דומאַלאַ... (און איך האָב געמיינט...)

זי האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק. געצויגן דעם סיגאַרעט, אָנ־געפּילט אַ האַלז מיט רויך, געלאָזט אים דאָרטן אַ ווײַלע, ביז וואַנען ער האָט אָנגעהויבן עסן און קיצלען, אים אַרויסגעשיקט דורך דער נאָז, אָוועק־געבלאָזן פון זיך, אַוועק.

— אָבער פון וואַנען־זשע קען איך רוסיש? איר טאַכטער האָט איר געזאָגט, אַז איך רעד רוסיש.

— אַ קליין ביסעלע, — האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין, — נישט מער.

איך האָב זיך שוין איבער דער צייט געהאַט אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן און בין געווען פאַרטיק צו גיין. ווייל איך האָב גאַנץ דייטלעך דער־שמעקט, אַז אין דעם הויז פון דער גרעפין וועל איך נישט קענען זיין מער.

— וויעד ווי ניע... (איר זייט נישט אַמאָל...) — האָט זי אָנגע־

הויבן זייער געהיימניספול און דיפלאמאטיש מיך צו פארשן און אריינקריכן מיט אירע בליקן, פול מיט חשד און געשפאנטער דערוואַרטונג, גלייך צו מיר אין האַרץ אַריין. — ווייער ווי ניע...

— ניין, — האב איך גאַנץ שאַרף און קלאַר איר אָפּגעענט־פערט, — איך בין נישט קיין רוסישער. איך בין אַן אַמעריקאַנער איד.

דאָס האָט זי אָפּנים נישט דערוואַרט. און די וואויל־דערצויגענע גרעפין האָט זיך גאַרנישט באַמיט צו באַהאַלטן דעם איינדרוק, וואָס מיין ענטפער האָט אויף איר געמאַכט.

זי איז געוואָרן אַנגעלאָדן מיט אַ נערוועזקייט. אַן אומרו האָט זיך אין איר באַזעצט. דער טעמפּ פון איר פריערדיקן אַרומשפּאַנען האָט זיך איצטער פאַרטאָפּלט, פאַרדרייפאַכט. זי האָט אָנגעהויבן עקספּלאַדירן.

— אַזוי... אַ איד... אַן אַמעריקאַנער איד... זייער, זייער פיין...

זי האָט גאַרנישט צו אידן. פאַרקערט, געווען אַפילו אַ צייט, ווען זי האָט גאָר ליב געהאַט אידן. סלאַוואַ טשעסטנאַיע. אָבער דאָס, — איר טאָן האָט זיך געהעכערט, — וואָס אידן האָבן אומגליקלעך געמאַכט רוסלאַנד, איר רוסלאַנד, וועט זי זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין... אַ גאַנץ וואויל פאָלק, דאָס אידישע, סלאַוואַ טשעסטנאַיע, נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן פון דאָרטן פאַר־טריבן גאָט און דעם קיסר און אַלעמען, — אָט דאָס וועט נישט געשענקט ווערן... און איר מאַנס בלוט איז נאָך אויך נישט איינגעשטילט. אַ, ניין. זי ערט עס אַ סך מאָל, אין די נעכט אירע, זידן. און פאַר אַמעריקע האָט זי ווייניק־וואָס דרך־ארץ. אַ אידישע מלוכה. מ׳האָט זי טאַקע דערפאַר נ:הי: נישט אַריינגעלאָזט. און דאָס אַמעריקאַנישע גאָלד שפּילט ביי איר אויך אַ קנאַפּע ראָל. זי האָט געהאַט מער גאָלד. יחוס, אָדל, מענטשלעכקייט, גאָט־הייט, — אָט וואָס עס רעכנט זיך ביי איר...

מערי לו איז אַריינגעקומען.

— מאַמאַ, עמיצער וויל דיך זען.

לויט דעם, ווי דאָס וואָרט „עמיצער" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און לויט דעם, ווי די גרעפין האָט זיך אָנגעהויבן צופּוצן, איינשטייפן דאָס קלייד, צערעכט מאַכן די פריזור, אויסגלעטן זיך די נאָז־ווינקלען, האָב איך, דאַכט זיך מיר, פאַרשטאַנען, אַז די הויכוואוילגעבוירענע דאַמע איז דער טאָכטערס שותפטע...

פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געגעבן קיין מיניע, קיין רויטל, נאָר וויגנדיק אירע דיקע היפּטן, האָט זי מיט אַ גרויסאַרטיקער מינע פאַרלאָזט דאָס צימער, האַלטנדיק אין איין איבערחזרן די ווערטער:

— גאַטהייט... מענטשלעכקייט... יחוס... אדל...

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — האָט מיד מערי לו געפרעגט.

— איך גיי אַוועק פון דאַנען.

— פאַרוואָס?

— וועסט פרעגן דיין מאַמען. זי וועט דיר זאָגן.

— אָבער האָסט דאָך קיין געלט נישט.

— איך וועל זיך אַן עצה געבן.

— קענסט דאָך די שפּראַך נישט.

— איך וועל זיך אַן עצה געבן.

זי האָט זיך אָנגעהויבן פּאַרען ביי איר האַנט־טאַש, אַרויסגענומען פון דאָרטן צען דאָלאַר, מיר געוואָלט געבן.

— איך דאַנק דיר, מערי לו, אָבער איך קען דיין געלט נישט נעמען.

שטאַרק דריקנדיק איר האַנט, בין איך אַרויס.

„פאַרגיב מיר, מערי לו, אויב איך האָב דיר וויי געטאָן. דיין מאַמע מעג טאַקע זיין אַ גרעפין, אָבער דו ביסט אין דעם נישט שולדיק. צוזאַמען מיט פיל, פיל אַנדערע, ביסטו אַ געליטענע. און אַלס אַזאַ ביסטו מיר סימפּאַטיש. און דיין קערפּער פאַרקויפסטו צוליב נויט. טראַגסטו דער־פאַר אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַן אויסגעלאָסענער. אַנדערע פרויען זענען גליקלעכער פון דיר. זיי טוען דאָס זעלבע — און נישט צוליב נויט — און טראָגן אויף זיך די זיכערע מאַסקעס פון צניעות...״

דאָס איז געווען מיין ערשטע „ראָמאַנטישע״ איבערלעבונג אין מעקסיקע.

די צוויי שוועסטער

איך האב זיך באקענט מיט צוויי מעקסיקאנישע מיידלעך, צוויי שוועסטער. איינע פון זיי הייסט אמיליא און די אנדערע — ראבערטא. האב איך זיי ביידע ליב, כמעט גלייך אויף גלייך, אבער יעדע פון זיי האב איך ליב מיט אן אנדער ליבע.

אמיליאן האב איך מער ליב קערפערלעך, אבער אויך אביסל נשמהדיק. ראבערטאן האב איך מער ליב נשמהדיק, אבער אויך אביסל קערפערלעך. ווי מען זעט, האבן ביידע אין זיך אזא פארשידנארטיקייט, וואס אפעלירט צו מיין געשמאק, און ביידע צוזאמען שאפן אויף אזא אופן איין זאך, וואס פארשאפט מיר פארגעניגן.

אמיליאס נאמען גייט ביי מיר פאראויס, כאטש זי איז די אינגערע. דאס איז דערפאר, ווייל איך האב זיך מיט איר באקענט צום ערשטן. געשען איז עס אט אזוי:

א סך מאל פלעגט מיר אויסקומען פארבייצוגיין א הויז. דאס הויז האט געהאט פענסטער, וואס זענען ארויסגעגאנגען אין גאס. זענען דאס נישט געווען קיין אמתע פענסטער, נאר פארגראטעטע, ווי אין א טורמע. אבער איך בין פון דעם נישט נתפעל געווארן, ווייל אין מעקסיקע זענען פאראן א סך אזוינע פענסטער.

פלעג איך כמעט יעדן טאג זען פון אט אזא מין גראטן־פענסטערל ארויסקוקן א מיידל. ווי אלט דאס דאזיקע מיידל איז געווען, האב איך נישט געקאנט וויסן, ווייל איך האב נישט געקענט זען איר פול פנים. די אייזערנע גראטעס האבן עס צעהאלבירט און צעשטיקלט. וואס איך האב

יאָ געקענט זען, איז אירע אויגן. זענען זיי געווען אַנגעגאָסן מיט אַזאַ מין שוואַרצקייט און אַזאַ פאַרבענקטקייט, אַז ס׳האָט ממש אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ, ווען מען האָט זיך מיט זיי אַנגעטראָפן. און ווען מען האָט געפּרוּווט אַנהאַלטן דעם בליק אַביסל לענגער און אַריינקוקן אין אירע אויגן אַביסל טיפער, האָט מען דערפילט אַזאַ טונקעלן טרויער ווייען פון דאָרטן...

אָבער לאַנג האָט מען סיי־ווי נישט געקאָנט אין זיי קוקן. ווייל אַזוי גיך, ווי זי האָט דערפילט אַ פרעמדן בליק אויף זיך, האָט זי געגעבן אַ לאָז אַרונטער אירע שוואַרצע געדיכטע וויעס איבער די אויגן, וואָס האָבן פאַרדעקט אַלץ, וואָס מען האָט פון דאָרטן געקענט אַרויסלייענען. עס איז געווען פּונקט ווי דער ווינט מישט אַמאָל איבער אַ בלעטל פון אַ בוך, ווען מען האַלט ביים אינטערעסאַנטסטן שטעל.

איינמאָל בין איך פאַרבייגעגאַנגען האַרט לעבן איר פענסטערל. איך האָב דאָס געטאָן אָן אַ שום פריערדיקן פּלאַן און אויסרעכענונג. עפּעס אַן אינעווייניקסטער כוח האָט מיך דערצו געצוואונגען. זי, קענטיק, נישט דערוואַרטנדיק מיך צו זען אַזוי נאָענט לעבן זיך (איך פלעג אַלעמאָל גיין אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר), איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שטאַרקער רויטקייט, ווען אירע טיפע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך באַגעגנט מיט מיינע בליקן. אירע וויעס האָבן זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעלאָזט, אַז זיי האָבן אַזש מיטגעשלעפּט די ברעמען.

און דאַמאָלס, שטייענדיק אַזוי נאָענט צו איר, האָב איך ערשט דערזען, ווי שיין זי איז, — פון יענעם מין שיינקייט, וואָס איבערגעוועלטיקט אויפן מאָמענט.

איך האָב געפּרוּווט צו איר רעדן, אָבער זי האָט נישט געענטפערט. וואָס אַזוינס איך האָב צו איר דאַמאָלס גערעדט, געדענק איך נישט. אָבער איך גלויב, אַז עס האָט איר געשמייכלט. ווייל די רויטקייט אויף איר פּנים האָט זיך געהאַלטן אין איין אַפּפרישן מיט נייע כוואַליעס.

איך האָב באַשלאָסן ביי זיך דריי זאַכן:

ערשטנס, אַז דאָס מיידל ביים פענסטער איז אַ גרויסע שיינהייט; צווייטנס, אַז דאָס מיידל ביים פענסטער איז אַ גרויסע צנועה; דריטנס, אַז דאָס מיידל ביים פענסטער איז נאָך פון מיר נישט פּטור.

דאָס מיידל ביים פענסטער איז שוין פון יענעם טאָג אָן געוואָרן

ביי מיר אַ טעגלעכער ספּעקטאַקל. און איך ביי איר מסתמא אויך. ווען זי פּלעגט מיך דערזען פונדערווייטנס, פלעגט זי באַגאַסן ווערן מיט אַ גע־דיכטער רויטקייט. נאָכדעם האָט זיך פון אָט דער רויטקייט אַרויסגעטיילט אַ שמייכל, — פריער אַ דינער, אַ קוים־באַמערקבארער, נאָכדעם איז ער געוואָרן אַלץ אָנזעעוודיקער. יאָ, זי איז געווען צופרידן פון מיין קומען.

מיינע ערשטע קלאָרע ווערטער צו איר זענען געווען:

— צי וויסטו כאַטש, וואָס פאַר אַ שיינע אויגן דו האָסט? צי וויסטו כאַטש, וואָס פאַר אַ שיינע האָר דו האָסט? צי וויסטו כאַטש, וואָס פאַר אַ שיינע ליפּן דו האָסט?

און ווען זי האָט זיך צו דעם אַלעם צוגעהערט, און איר אָטעם איז ביי איר געוואָרן אָנגעצויגן און שווער פון אָט די רייד מיינע, און דאָס מויל האָט זיך ביי איר געעפנט, און עס האָבן פאַר מיר אַ בליאַסק געטאָן אירע שטאַרקע, געזונטע, ווייסע ציין, האָב איך פאַרענדיקט:

— צי וויסטו כאַטש, וואָס פאַר אַ שיינע ציין דו האָסט?

מיין אַרבעט איז געווען אָפּגעטאָן. די נעץ איז געווען אויסגע־שפּרייט. אָט אַזוי, און נישט אַנדערש, דאַרף מען רעדן צו אַ מעקסיקאַנישער שיינהייט.

מער האָב איך דאַמאָלס נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן. זי האָט מיר געגעבן אַ צייכן, איך זאָל אַוועקגיין, קוקנדיק מיט גרויס שרעק אַריין אין שטוב, וואו עמיצער איז אוודאי אַריינגעקומען. צוויי ווערטער בלויז האָט זי מיר צוגעוואָרפן צוזאַמען מיטן צייכן:

— מי טיאַ...

איר מומע, הייסט דאָס.

פון דאַמאָלס אָן טאַקע האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ שנאה צו מומעס.

איך בין אַוועק און געקומען דעם צווייטן טאָג. אָבער ווען איך בין צוגעקומען נאָענט צום פענסטערל, איז קיינער נישט געזעסן. אָבער באַלד, ווי דערפילנדיק דאָרטן אינעווייניק מיין אָנוועזנהייט, האָט זי זיך באַוויזן. געגעבן אַ פיל אָן דעם ליידיקן פּלאַץ לעבן פענסטער — און דעם ליידיקן פּלאַץ אין מיין האַרץ.

זי האָט שוין איצטער געשמייכלט צו מיר, ווי צו אַן אַלטן באַ־

קאַנטן. אַזוי זענען זיי שוין, די מעקסיקאַנישע טעכטער. געוויינט מען ביי זיי איין מאָל דעם צוטרוי, טראָגן זיי אַנטקעגן זייערע אָפענע שמייכלען, וואָס שלעפּן שוין מיט זייערע הערצער אויך.

איך בין צוגעגאַנגען נאָענט און האָב געזאָגט „בוענאָס טאַרדעס" (גוטן אָוונט). זי האָט מיר פריי געענטפערט, נישט קוקנדיק מער אַהין, אין צימער, נאָר קוקנדיק אויף מיר. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז איר מומע איז איצטער נישטאָ אינדערהיים.

האָב איך זיך געשטעלט אַזוי נאָענט לעבן איר, ווי די אייזערנע אָפּצאַמונג, די שטאַכעטן, האָט דערלויבט. און אַריינקוקנדיק אין אירע אויגן, האָב איך זי געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

— אַמיליאַ, — האָט זי געענטפערט, — אַמיליאַ, סעניאָר.

— ווען קען מען דיך זען, אַמיליאַ? — בין איך צוגעגאַנגען צום עיקר, מורא האָבנדיק, אַז אָט־אָט קומט אָן די „טיאַ" אירע.

— אַלע טאָג! — האָט זי געענטפערט ברייטהאַרציק.

— וואו?

— דאָ־אָ.

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — דאָ איז נישט גוט. דאָ איז דאָך דאָ דיין מומע...

געמיינט האָב איך, אַז עס וועט איר אַביסעלע פאַרדריסן, אָבער זי האָט געלאַכט. מיין אָפנהאַרציקייט איז איר געפעלן. זי האָט עס מיר טאַקע געזאָגט אויך:

— איר זענט זייער אָפנהאַרציק...

— ניין, ניין, — האָב איך פּראָטעסטירט, — ווען איך זאָל טאַקע זיין אָפנהאַרציק, וואָלט איך אַריינגעשיקט אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט, ער זאָל אַלע מומעס פאַרשיקן אויף די „איזלאַס מאַריאַס" (אַ פּלאַץ אין מעקסיקע, וואו מען פאַרשיקט אַלע פּאָליטישע פאַרברעכער).

איך ווייס נישט, צי זי האָט ריכטיק אָנגעטאַפּט דעם וויץ, אָבער געלאַכט האָט זי. און דורך אָט דעם דאָזיקן געלעכטער אירן האָב איך געזען, אַז איך קען איר איצטער זאָגן אַ סך זאַכן.

— אַמיליאַ, — האָב איך צו איר גערעדט, — קום מיט מיר

זונטיק קיין קסאַטשאַמילקאָ (אַן אַרויספאַר־פּלאַץ, וועלכן מען רופט אַז „די קליינע ווענעציע).

— אַליין קען איך נישט, — האָט זי מיר געענטפערט. — צוזאַ־מען מיט מיין שוועסטער — יאָ.

— פאַרוואָס קענסטו נישט אַליין?

— ווייל, — האָט זי געשמייכלט, — מיין מומע וועט מיך נישט לאָזן.

— און דו ביסט זיכער, אַז דיין שוועסטער וועט וועלן גיין?

— יאָ. פאַרוואָס נישט?

— זעען מיר זיך זונטיק, אַמיליאַ.

— סי, סעניאָר.

איר שוועסטער איז געווען די עלטערע. ניינצן יאָר איז זי אַלט געווען. אַמיליאַ איז נישט מער אַלט געווען ווי זיבעצן יאָר.

ווען איך האָב מיט זיי ביידע פאַרבראַכט דעם ערשטן זונטיק, איז ביי מיר קיין צווייפל נישט געווען, אַז איך בין פאַרליבט אין אַמיליאַן. אַזאַ וואוקס און אַזאַ צעבליטקייט פון אַ פרוי אין אירע יאָרן, איז זעלטן צו טרעפן. און איך האָב גאַרנישט באַהאַלטן מיינע געפילן אויך.

ראָבערטאַ איז געווען אַזוי אַנדערש פון אַמיליאַן, ווי עס איז אַנדערש אַ טייך פון אַ ים. ביי מענטשן, ביי וועלכע די נאַטורן ברויזן שטאַרק, רופן די שטורעמדיקע כוואַליעס פונם ים אַרויס באַגייסטערונג: שטילע מענטשן הערן זיך מיט פאַרגעניגן צו צו די שטילע פּאַטשישע קלאַנגען פון אַ קליין פליסנדיק וואַסערל. אַמיליאַ איז געווען דער ים, ראָבערטאַ — דאָס שטילע, געמיטלעכע וואַסערל.

די איצטיקע אַמיליאַ, אויפן פרייען פעלד, איז אינגאַנצן געווען אַן אַנדערע, ווי די פריערדיקע אַמיליאַ, ביים פענסטער. ווי עכט־מעקסיקאַ־ניש זי איז געווען אין דער הינזיכט! ווי נאַטירלעך עס איז ביי איר אויס־געקומען דער איבערגאַנג פון איין עקסטרעם צום צווייטן! עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שטרענגע, וואַכזאַמע אויג פון דער „טיאַ" אירער, וואָס האָט אַנגעטאָן שווערע קייטן אויף איר געמיט, איז בלויז געווען

צופעליק. האָט זיך נאָר דאָס דאָזיקע אויג אָפּגעקערט, האָט זיך אַן אַנדער געמיט אויף איר אַנגעטאָן.

זיבעצן יאָר. זיבעצן געצאַמטע, פאַרגראַטעטע יאָרן האָבן זיך פון איר האַרץ געריסן, אַרויסגעפלויגן, אויף שוואַרצע פליגל אַרויסגע־פלויגן!

איצטער איז אַמיליאַ געווען פריי אָנצופילן איר וועזן מיט אַ ניי לעבן, אָנצופילן איר האַרץ מיט אַ נייער ליבע.

אַמיליאַ האָט נישט באַהאַלטן אירע געפילן צו מיר, פּונקט ווי איך האָב נישט באַהאַלטן מיינע געפילן צו איר. ראָבערטאַ, די עלטערע שוועס־טער, האָט געמוזט צוזען, ווי איך האָב אַמיליאַן געקושט, און ווי אַמיליאַ האָט מיך צוריקגעקושט. די ערשטע צייט, ווען איך בין געווען זייער שטאַרק פאַרליבט, בין איך דערפאַר געווען זייער שטאַרק אומטאַקטיש קעגן ראָ־בערטאַן, מיט וועלכער איך האָב זיך דורכאויס נישט גערעכנט; וועלכער איך האָב די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. אָבער ביסלעכ־ווייז האָב איך זי אָנגעהויבן באַמערקן, דערפילן זי, און, צום סוף, ליב קריגן.

ראָבערטאַ איז געווען אַ בלאַסע און אַן איידעלע. גערעדט האָט זי זייער שטיל, אַזוי שטיל, אַז די קלאַנגען פון אירע ווערטער האָבן קוים דערגרייכט דעם ברעג פונם אויער. זיי האָבן נישט מער ווי אָנגערירט, אַ גלעט געטאָן — און פאַרשוואונדן. אָבער די דאָזיקע קלאַנגען זענען געווען אַזוי דעליקאַט, אַזוי געשניצט־דין, אַז פון איר האָבן זיי זיך געגליטשט גלייך אַראָפּ אין האַרץ אַריין, אין מיין האַרץ, זיך דאָרטן פאַרקליבן, ביז עס איז דאָרטן אַ גאַנצע סימפאָניע אויסגעוואַקסן, אַ סימפאָניע, וואָס האָט געהייסן „ראָבערטאַ".

מיט מיין ליב קריגן ראָבערטאַן, איז מיין ליבע צו אַמיליאַן אויף קיין האָר נישט קלענער געוואָרן. דאָס זענען געווען צוויי סאָרטן ליבעס, וואָס שאַפן נישט צווישן זיך קיין שום ווידערשפּרוך.

ווען איך פלעג קושן אַמיליאַן, פלעגט ראָבערטאַ שווייגן אָדער שפּילן פּיאַנאָ (זיי פלעגן שוין אַרויפקומען צו מיר אַהיים; דער „טיאַ" האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי גייען אין שול). אָבער ראָבערטאַן פלעג איך זעלטן קושן, ווייל — — —

ווייל זי האָט זיך נישט געלאָזט. ראָבערטאַ איז געווען ערנסטער

און אמביציעזער פון אמיליאן. זי האט, אזוי גיך ווי זי האט דערפילט, אז איך האב זי ליב, מיך געוואלט איינגאנצן פאר זיך. און זי האט עס איינמאל געזאגט דער שוועסטער אין די אויגן אריין.

אט אזוי־א האט זי מיך איינמאל א פרעג געטאן:

— וועמען האט איר ליב: מיך אדער אמיליאן?

—ביידע! — האב איך געענטפערט — איך האב אייך ביידע ליב.

— ביידע וועט איר קיינמאל נישט האבן! — האט זי גערעדט זייער קלאר, מיר קוקנדיק גלייך אין די אויגן אריין.

— פארוואס נישט? — האב איך געפרעגט מיט א תמעוואטן טאן.

— ווייל איינע פון אונז וועט אייך הרגענען!

אין אנפאנג האב איך געמיינט, אז זי שפאסט. אבער ווען איך האב דערזען דאס פייערל אין אירע אויגן, וואס איז איינגאנצן געווען איין ווידערשפרוך צו איר ביז־איצטיקער שטילקייט, האב איך זיך פלוצלונג אויסגעניכטערט. איך האב זיך מיטאמאל דערמאנט, אז איך געפין זיך אין מעקסיקע, און אז מיינע צוויי שוועסטערלעך זענען קינדער פון דער הייסער מעקסיקאנישער ערד.

— קען זיין, אז פון אייער זייט זענט איר גערעכט, — האב איך צו זיי געזאגט, — אבער איך בין א מענטש מיט א ברייט הארץ, און יעדע פון אייך האב איך ליב מיט אן אנדער סארט ליבע. זאג איך זיך אפ פון איינער, ווערט די אנדערע במילא וואבעדיקער. איז — אדיאס, אמיליא; אדיאס, ראבערטא! זייט נישט ברוגז אויף מיר!

דער אַפּערע זינגער

פּאַוואָלינקע, געלאַסן אַזוי, טריט בײַ טריט, שפּאַנט זיך דאָס דאַרע שקאַפּקעלע אויף דעם ברייטן זאַמדיקן מעקסיקאַנישן שליאַך און ס׳שלעפּט נאָך אַ מפּילדיק צוויי־רעדערדיק וועגעלע, אויף וועלכן עס זיצט אַ מענטש אין אַ ווײַס העמד, מיט אַן אָפּגעברענט פּנים און אַ ברייטראַנדיקן הוט.

דער מענטש זיצט אײַנגעבויגן, פאַרטראַכט, האַלטנדיק אַ לייצע אין האַנט מיט אַ לײַכטקייט, וואָס זאָגט דײַטלעך: „מיך אַרט נישט, אַז זי וועט זיך פון מיר אַרויסגליטשן... מיך אַרט נישט, אַז דאָס שקאַפּקעלע וועט נעמען לויפן...״ ער פילט נישט, ווי די הייסע טראָפּישע זון האָט אים אַרומגענומען פון אַלע זייטן, ווי אַן אָנגעגליטער קופּערנער קעסל, וואָס צעשמעלצט אין זיך אַלצדינג. ער פילט נישט, ווי דינע ריטשקעלעך שווייס רינען אים פונם שטערן אַרונטער, צום מויל צו, גליטשן זיך דורכן האַלז, אַראָפּ, אַראָפּ, אונטערן ווײַסן, שוין היפּש דורכגענעצטן העמד.

— טליאַפּ־טליאַפּ! טליאַפּ־טליאַפּ! — הילכן אָפּ די מאַטע שטויב־פּרעסנדיקע קלאַנגען פון דער דאַרער שקאַפּע.

— טריין־טררימס!... טריין־טררימס!... — שלעפּט זיך נאָך קרעכ־צענדיק און הינקענדיק דאָס מפּיל־וועגעלע — טררינ־נ־ן!...

— פּי־גאַראַ, פּי־גאַראַ... — זינגט זיך אונטער דער מענטש, וואָס אויפן וועגעלע, שטילערהייט און אויסגעצויגן און פול מיט פּאַטאָס — פּי־גאַראַ!...

„אַ פּעזע בײַ דעם, אַ פּעזע בײַ יענעם, — פיגאַראָ, פיגאַראָ!

— פּופּציק סענטאַוואָס מיגעל, אַכציק סענטאַוואָס דער „קאַראַנעל״, — פיגאַראָ, פיגאַראָ! — צוויי פּעזאָס דאָ, דריי פּעזאָס דאָרטן, פינף פּעזאָס פאַרלוירן, צען פּעזאָס פאַרפאַלן, — פיגאַראָ, פי־גאַראָ, פי - - - גאַראָ!...״

— — — — — — — — — — — — — — — —

טונקט זיך זיין געדאַנק אין דער זונס הייסן אָטעם, ווערט דורכגענומען פון דער פאַרע און הויבט אָן איינדרימלען, איינדרימלען. אַ דינער, דעליקאַטער טיול שפּרייט זיך פאַר זיינע אויגן, קומט אַלץ נענטער, ווערט אַלץ דינער, דורכזיכטיקער. טעג פון זיין לעבן הויבן זיך אָן דורכרייסן דורך די קליינע טיולענע לעכעלעך, טעג אַזוינע טרויעריקע, געקייטלט איינער אינעם אַנדערן, פון צייט צו צייט בלויז גיט אַ בלישטש אַ פינקלדיק רינגעלע, — אַ טאָג פון אַמאָל, פון זיין לעבן אויף יענער זייט...

אַראָפּגעקומען פון רוסלאַנד אַהער, אין דעם גרענעץ־שטעטל, מיט זיין פרוי, מיט אַ קינד פון צוויי יאָר. געקומען מיט אַ באַשטימטער כוונה, מיט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן — די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָרטן, אַהאַ! קרובים, פריינט, באַקאַנטע, זיינע, אירע. מ׳וועט נאָך דערהערן, אַז ער איז דאָ לעבן דער גרענעץ — אַהאַ! זיי ווייסן, ווער ער איז. עליק, דער אָפּערע זינגער — פי־גאַראָ, פי־גאַראָ! — אַזוי וועט עס גיין:

מ׳וועט זיי געבן אַ נעם־אַראָפּ אַהין, וואו אַלע גרויסע קינסטלער זענען. קיין ניו יאָרק, מיינט ער. דאָרטן וועט זיך זיין טאַלאַנט געבן אַ צעבלי, דאָרטן וועט זיך זיין שטים געבן אַ קולטיווירן. דאָרטן וועט ער אין אַלגעמיין זיך געבן אַ צעוואַקס. די פרוי זיינע — לעבן אים. דאָס קינד זייערס וועט ביי אים גיין אין קאָנסערוואַטאָריע. עס וועט זיין: פיגאַראָ!

יאָ, אַזוי וועט עס גיין... און אַזוי איז עס געגאַנגען איין יאָר, צוויי יאָר, דריי, פיר... יאָ, אַזוי־אָ איז עס געגאַנגען:

פיר יאָר איז ער שוין אין מעקסיקע, אין דעם גרענעץ־שטעטל, און ווי אַן אַ שיעור אַנדערע אימיגראַנטן, שטייט ער אויף דער זייט בריקל און קען נישט אַריבער. שטייט און קוקט אַריבער אַהין, אויף דער אַמעריקאַנישער זייט. און זיינע אויגן זענען אַנגעלאָפן מיט קנאה, שנאה און פאַרדרוס. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע האָבן אים באַליידיקט. אים, עליקן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען. אַלע טאָג מוז ער

זיך געבן אַ שטעל־אַוועק, מיטן פּנים אַהין און געבן אַ שפּיי אויס, גלייך אַמעריקע אין פּנים אַריין:

— זעסט, אַמעריקע, לאָזט מיך נישט אַריין, שפּיי איך אויף דיר! נאַ!... פּיגאַרע, פּיגאַרע — נאַ!...

פיר יאָר.

אַזוי לייכט, ווי זיי רעדן זיך אַרויס, אַזוי שווער לעבן זיי זיך אויס. בפּרט פאַר איט, פאַר עליקן.

— אַ מענטש ווי איך, — האָט ער די ערשטע צייט געהאַלטן איז איין טענהן צו דער פרוי זיינער, — וועלכער, פּאַנימאַיעטיע, איז אַנטלאָפן פון דאָרטן, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז יענע וועלן שטערן מיין קאַריערע, אַזאַ מענטש גיט אַ פאַל־אַריין קיין מעקסיקע, אַ לאַנד, פּאַנימאַיעטיע, אָן אַ קולטור, אַן דעם מינדסטן חוש פאַר איסקוסטווא, מוז איך דאָך דאָ, פּאַנימאַיעטיע, אונטערגיין...

די פרוי האָט געשוויגן. זי האָט געוואוסט, אַז דער מאַן אירער איז גערעכט. אָבער אונטערגיין האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט געשריבן בריוו צו אירע קרובים, געוועקט זיינע. האָבן יענע אין אָנפאַנג געענטפערט: מ'וועט טאָן, מ'וועט „טריינען". האָבן געשיקט צוביסלעך דאָלאַרן. אָבער לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטן. ס'האָט אויפגעהערט. כמעט ראַפּטום. מיט איין מאָל — אויס. מ'שרייבט נישט, מ'שיקט נישט — נישטאָ קיין קרובים.

זיי האָבן אָנגעהויבן ליידן הונגער. און מיטן הונגער זענען געקומען די אומפאַרמיידלעכע נאָכוויען: שלעכטע שטימונגען, אומבאַגרינדעטע אויפרעגונגען איינער אויפן אַנדערן, אומבאַרעכטיקטע קאַפּריזנע באַמערקונגען, נערוועזע אויסברוכן, און דאָס האָט געפירט צו אָפטע קריגערייען. דער קליִמאַט האָט זיך געלייגט שווער. זי איז קראַנק געוואָרן, נאָכדעם דאָס קינד. ער איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען אין אַן ערב־משוגענעם צושטאַנד. קיין ברויט נישטאָ, קיין געזונט נישטאָ, קיין אויסוועג נישטאָ. — פּי־גאַרע, פּי־גאַרע...

— וואָס זאָל ער טאָן? ווערן אַ צלמים־פּאַרקויפער? אַ שמאַטע־פּאַרקויפער? אָדער זאָל ער אפשר אָנהייבן האַנדלען מיט גאַס, פּונקט ווי אַלע אימיגראַנטן, היימישע שוסטערס און שניידערס און באַלעגאָלעס טוען? ער, עליק, וואָס

אין דער היים, פּאַנימאַיעטיע, איז ער געווען אַן אַפּערע־זינגער, זאָל צוגיין צו אַ באַרוועסן מעקסיקאַנער, אים זאָגן:

— בוענאָס דיאַס, סעניאָר! (גוט מאָרגן, מיין הער!) ווילסט קויפן אַ יויזל?...

אָדער:

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָראַ! (גאָט העלפט, מאַדאַם!) ווילסט קויפן אַ קליידל?...

ער, עליק, וואָס אין דער היים, פּאַנימאַיעטיע...

אָבער הונגער האָט שאַרפע פּויסטן. און די פּויסטן האָבן אָנגעהויבן האַמערן איבער זיינע ברייטע געזונטע פּלייצעס. ער האָט דערפילט די קלעפּ און אָנגעבויגן דעם קאָפּ. ער איז געוואָרן אַן „אַבאַנער" (אַ מין פּעדלער, וואָס גיט די סחורה אויף אויסצוצאָלן).

דעם ערשטן טאָג מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. חברה „אַבאַנערן" האָבן מיט אים איינגעקנעלט. יענע זענען שוין געווען גוט איינגעאיבט. אַריבערגעקומענע שניידער, שוסטער, היטלמאַכער, באַלעגאַלעס, איז זיי לייכט געווען צוצופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען און צו דער נייער פּרנסה. אָבער ער? ווי לאַנג וועט ער ערשט דאַרפן אָפּאַרבעטן, וויפיל בלוט וועט אים אָפּגיין, ביז וואַנען ער וועט דערגרייכן די מדרגה פון אַ מאָיסעס (משה) דער היטל־מאַכער, אָדער סאַנטשעז (סנדר) דער באַלעגאַלע?...

זיי זענען געווען גוט צו אים. אָבער אַ גוטקייט. פּאַנימאַיעטיע, וואָס קומט פון רחמנות, קען דען באַקומען? האָט עס אים ווי געטאָן. זיין פרוי אויך. די יונגען האָבן אים געלערנט — און געלאַכט פון אים. ס'איז געווען, אמת, אַ גוטמוטיק, אַ פריינטלעך געלעכטער, אָבער אים האָט עס געשטאָכן. זייערע חכמהלעך, אמת, גאָרנישט מיינענדיקע, גוט־כוונהדיקע, זענען איבער אַלע זיינע ריפּן אַרומגעלאָפן. און דער פּלוצלונגער איבערגאַנג אויף „דו" האָט אים דען געשמעקט?

— עליק, זאָג נאָר נישט די מעקסיקאַנער, אַז דו ביסט געווען אַן אַפּערע־זינגער. זיי וועלן זיך הייסן צוגעבן אַ שטיק אָפּערע צו יעדן יויזל...

— דו פּאָלג אים נישט, עליק. ווייז זיי דווקא יאָ, וואָס דו

קענסט. נעם דעם ריכטיקן „פיגאַראָ" — און די מעקסיקאַנקעס וועלן דיך נישט לאָזן אַוועקגיין מיטן ליידיקן...

— אבער רעדן? וואָס זאָל איך טאָן, פּאַנימאַיעטיע, אַז איך קען נישט רעדן?...

— וואָס דאַרפסטו רעדן, יאַלד! זינג! ווען איך האָב דיין שטימע, וואָלט איך דען אַמאָל גערעדט?...

דעם גאַנצן ערשטן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער טעריטאָריע, וואָס זיינע נייע „חברים" האָבן אים אויסגעטיילט. ער האָט געקלאַפּט אין די שטיבער און אַן אַ שיעור מאָל איבערגעחזרט די שטיקעבע ווערטער, וואָס ער האָט געקענט:

— סי־סי, גראַסיאַס, אַדיאָס!...

ביינאַכט האָט ער נישט געקענט שלאָפן. ער האָט זיך געוואַלגערט אויפן געלעגער, פון איין זייט אויף דער אַנדערער. דאָס ווייב זיינס איז געלעגן לעבן אים און האָט געשוויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס איז אים קומט פאַר. ער האָט אויך נישט גערעדט, נאָר געקרעכצט, שווער און טיף געקרעכצט. בלויז איין מאָל האָט ער געגעבן אַ דריי אויס דאָס פּנים צו איר און אַזאַ מאָדנעם פראַגע געטאָן:

— זאָג מיר, ליובאַ, ווער ליגט לעבן דיר?...

זי האָט זיך דערשראָקן. אים אָנגעהויבן גלעטן, איינשטילן, אָבער ער האָט זי באַרואיקט, פאַרזיכערט, אַז ער איז נאָך די זעלביקע, ביים זינען. נאָר גלאַט אַזוי, וואָלט ער געוואָלט וויסן: ווער איז ער? ווייל עס איז, פּאַנימאַיעטיע, געווען איינער פון די גרעסטע איבערגאַנגען אין זיין לעבן, האָט ער נאָר געוואָלט וויסן, צי ער איז נאָך ער...

אינגיכן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער הערט טאַקע אויף צו זיין ער און הויבט זיך אָן ביסלעכווייז איבערקאָכן אין אַן אַנדערן. און וואָס מער דער דאָזיקער „אַנדערער" האָט זיך צוגעפּאַסט און אַרויפגעאַרבעט, אַלץ ווייניקער און אַלץ איינגעשרומפּענער איז געוואָרן דער אַמאָליקער „ער", אַלץ מער אָפּגעווישט פון דער מעקסיקאַנישער ערד.

ער האָט געכאַפּט די שפּראַך. ער האָט געכאַפּט דעם שניט פון פאַרקויפן. ער האָט אויפגעהערט קרעכצן ביינאַכט. עס איז געווען וואָס צו עסן. די פרוי איז געווען געזונט. דאָס קינד האָט געשטיפט. ער האָט

גענגעהויבן ביי זיך ווערן פעסטער און זיכערער. ער האָט דערשפּירט אין זיך דעם מאַן, דעם פּאַרזאָרגער. די אַמביציע האָט זיך אין אים צעשפּילט. ער האָט געאַרבעט שווער און פאַרדינט, גוט פאַרדינט.

ביי אים האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם. ער איז געוואָרן אַ מבין אויף אַ קונה. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו זייערע פּרימיטיווע געשמאַקן און קאַפּריזן. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי צו באַלאַנסירן און שפּעקולירן מיט זייערע טעמפּעראַמענטן. ער האָט זיי קיינמאָל נישט געזידלט אויף שפּאַניש, נאָר אויף אידיש אָדער אויף רוסיש. זיי האָט עס נישט געשאַדט, אים אויך נישט. זיי האָבן דאָך נישט פאַרשטאַנען...

איינע פון די גרעסטע שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט איבערצוקומען, איז געווען דאָס צוגעוואוינען זיך צום פערד. ווייל צופוס האָט מען נישט געקענט אַרבעטן איבער דער גרויסער צעוואָרפענער טעריטאָריע אין די שרעקלעכע היצן. האָט ער נאָך אַמאָל געמוזט דורכגיין די פּראָצעדור פון לאָזן מיט זיך קנעלן די „חברים" זיינע. ביי זיי איז דאָס אויך געווען אַ שפּילכל. מען נעמט אַן דאָס פערדעלע, מ'פּאַטשט עס גוט אַן — און מען מאַכט עס זיך אונטערטעניק.

אָבער אים איז שווער געווען צו שלאָגן אַ שטומע חיה. דערווייל האָט ער טאַקע מורא געהאַט צו כאַפּן אַ בריקע מיטן פוס. איז ער געגאַנגען כּסדר מיט גוטן, געגלעט איבער דער פעל, איבער דער גריווע, גע־כיינט, אַז שוין, דאָס פערד קען אים... האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָס פערד האָט, ווייזט אויס, פון אים חוזק געמאַכט, געלאַכט פון אים. אַזאַ טבע האָבן זיי, די פערד. דערשפּירן נאָר, אַז אַ שוואַכער מענטש וויל איבער זיי באַלעבאַטעווען, וועלן זיי זיך נישט לאָזן.

האָט ער זיך געשעמט. זיך פאַר זיי, די „לערער" זיינע, פאַרענטפערט:

— איך בין, פּאַנימאַיעטיע, אַ ווייכער מענטש... נישט געוואוינט צו אַזאַ אַרבעט...

— עס איז, פּאַנימאַיעטיע, נישטאָ וואָס צו לאַכן... איך בין, פּאַנימאַיעטיע...

איינער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— אָבער דו מוזסט דאָך, פּאַנימאַיעטיע, איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אויסלערנען!

און ער האָט זיך אויסגעלערנט.

דאָס דאַרע שקאַפּקעלע, וואָס האָט פריער פון אים געלאַכט און הוזק געמאַכט, האָט פאַר אים שטאַרק מורא געקראָגן. דער ווייכער מענטש איז דאָ פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. ער האָט אָפּט געהויבן די בייטש און זי אַראָפּגעלאָזט אויף דער דינער פעל פונם אָרימען פערדל, דערפאַר, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב איר האָט ער פאַרשפּעטיקט דעם קונה, יענעם. ס'הייסט: עס איז אים נישט געלאָפן גענוג שנעל, נישט גאַך לאָפירט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, צוריקגעהאַלטן זיין טעמפּאָ, וואָס האָט זיך בסדר פאַרשנעלערט, זיין אַמביציע צו מאַכן וואָס שנעלער די נויטיקע סומע געלט אויף צו אַנטלויפן פון דאַנען... האָט ער עס געשלאָגן, דאָס אָרימע, דאַרע שקאַפּקעלע, אומברחמנותדיק געהרגעט.

— איך וויל, פאַנימאַיעש, — האָט ער צו איר גערעדט, — ווערן צוריק אַ מענטש, אַוועק פון דאַנען, אַנטלויפן... און דו, פאַנימאַיעש, קריכסט, ווי אַ פגר... דו ביסט ביי מיר נישט אַמעריקע!... דו וועסט טאָן, ווי איך וועל דיר הייסן, אַז נישט, פאַנימאַיעש...

דאָס פערדל האָט אים בלויז האַלב פאַרשטאַנען. אויף אַזוי פיל האָט עס אים פאַרשטאַנען, אויף וויפיל ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל לויפן שנעלער, וויפיל די כוחות טראָגן. אָבער אַז די כוחות טראָגן נישט... וואָס־זשע וועט העלפן זיין כעס, זיין שלאָגן?...

האָט עס אויפגעעפנט אַ פּאָר פאַרטרערטע גרויסע אויגן און אויף אים געקוקט מיט אַזוי פיל געבעט, אַז אים איז איבערגעגאַנגען דאָס האַרץ.

אין אַזאַ צייט פלעגט ער זיך פאַרשעמען, זייער שטאַרק פאַרשע־ריען, און עס אויפהערן שלאָגן און אָנהויבן זינגען, אַזוי האַרציק זינגען... ער פלעגט וועלן צוריקגיין צו יענע טעג, ווען ער איז נישט געווען קיין „אַבאַנער" און האָט נישט געדאַרפט שלאָגן אַ שטומע חיה, ווען ער איז אינגאַנצן געווען אַן אַנדערער, אַ מענטשלעכערער, ווען ער איז געווען עליק, דער אמתער, פאַניכאַיעטיע, אַפּערע־זינגער...

זיין נחמה

אכט יאר צייט האט מאנועל געדארפט אפזיין אין מעקסיקע, דורכגיין אלע גיהנומדיקע טויערן פון אן אימיגראנט, כדי ערשט נאכדעם צו קענען אנהייבן טראכטן וועגן א תכלית אין לעבן.

מאנועל האט זייער א סך געליטן אין די ערשטע פאר יאר פון זיין לעבן אין מעקסיקע. אויף אזוי פיל האט ער געליטן, אז ער האט אפילו קיין צייט נישט געהאט א קלער צו טאן וועגן פארבעסערן און פארשענערן זיינע אומעטיקע טעג אין דעם נייעם און פרעמדן לאנד.

עס איז נישט בלויז געווען דאס שווערע ארבעטן אליין. צו דעם איז ער געוואוינט געווען. א זון פון ארימע עלטערן, איז אים אויסגעקומען צו ארבעטן שווער כמעט פון זיין קינדהייט אן. עס איז מער געווען דער קלי־מאט, די פרעמדקייט און די עלנטקייט, וואס האט אים אזוי שווער געטראפן.

נאך א שווערן טאג ארבעט, האבנדיק אויסגעשפרייזט צענטליקער מיילן, האבנדיק אוועקגעפטרט א וועלט מיט ענערגיע, צורעדנדיק די מעק־סיקאנער, זיי זאלן ביי אים קויפן עטלעכע ליימענע „געטער", פלעגט ער אהיימקומען מיד און אויסגעשעפט און, נאכן אפעסן, פשוט נישט האבן וואס צו טאן מיט זיך. נאכאמאל א קינא, אבערמאל אין א קאבארעט און ווידעראמאל אין אידישן קלוב, וואו ער און נאך אזוינע ווי ער האבן געשפילט אין ביליארד. ווי לאנג קען דען צופרידנשטעלן אזא לעבן? א יאר, נאך א יאר, נאך א יאר, אבער נישט אייביק!...

דערצו איז ביי אים דער מאגן קאליע געווארן. אמת, ער האט ביי זיין מאמען, דעם שוסטערס ווייב, קיין געבראטענע טויבן נישט געגעסן.

אָבער אַז זי האָט דערלאַנגט אַ קרופּניק, איז דאָס געווען אַ קרופּניק. אַ מחיה געווען צו נעמען אין מויל אַריין. וואָס, אין די כינעזישע אָדער שפּאַנישע רעסטאָראַנען קען ער דאָס קריגן?

דערפאַר האָט ער זיך נאָך אַכט יאָר מאַטערניש פון דער שווערער האָרעוואַניע און עלנטקייט און בויך־קרעמפּן אָרומגעזען, אַז די בעסטע זאַך וואָלט גאָר פאַר אים געווען חתונה צו האָבן.

„וואָס"—האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט—„וועט ער אָפּשוואַרצן און אָפּבידעווען דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַליין? ער איז שוין באַלד אַ דריי־סיקער. אַ פּאָר פּעזעס האָט ער אָפּגעשפּאַרט. אַ שלעכטן מאָגן — אויך. און ווער עס זאָל אויף אים אַכטונג געבן איז נישטאָ. ווער עס זאָל אים דערלאַנגען אַ ריין העמד, ווער עס זאָל אים פאַרצירעווען אַ זאָק, איז אויך נישטאָ. וואָס־זשע פאַר אַ לעבן איז דאָס?"

יאָ, חתונה האָבן — אָבער מיט וועמען? אַז ס'איז דאָ נישטאָ וועמען צו נעמען. עטלעכע אידישע מיידלעך זענען דאָ פאַראַן, רייסט מען זיך איבער זיי. און זיי אַליין, די מיידלעך, מיינען כאָטש, אַז זיי זענען ווער וויים וואָס פאַרא פּרינצעסינס. זאָל ער ווידער טראַכטן וועגן אַריבער־ברענגען אַ מיידל פון אייראָפּע? — יאָ, דאָס איז אַ פּלאַן. ער האָט אפילו איינער אויפן געדאַנק. נחמה, הייסט זי. נחמה, ר' לייבוש דעם גבירס טאָכ־טער. וואָס עפּעס בלויז זי? ער, דער היימישער שוסטערשער זון, זאָל גאָר נעמען ר' לייבושעס טאָכטער?...

אויף דעם איז אפילו פאַראַן אַן ענטפער. נישט אַזאַ גוטער ענט־פער, ווי מען קאָן זיך אויסמאָלן, אָבער אַן ענטפער איז דאָ. ער האָט זיך נאָך אינדערהיים דאָרטן, אין דעם שטעטל זייערן, אין איר פאַרליבט.

אמת, ער האָט עס איר טאַקע קיינמאָל נישט געזאָגט. ווי האָט ער געקענט טאָן אַזאַ זאַך? זי, נחמה, מיט איר שטאָלצן גאַנג, מיט אירע שיינע קליידער, מיט איר שיין פּנימל, און ער, דער שוסטערשער זון...

אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, אין יענע צייטן, אין יענע גוטע יאָרן. אָבער היינט איז אַביסעלע אַנדערש. היינט איז די לאַגע אַבי־סעלע געביטן. היינט איז שוין, ערשטנס, יענער נישט דער גביר פון דעם שטעטל. און היינט איז שוין, צווייטנס, ער אַליין שוין נישט דערזעלבער

מענדל, וואָס געווען. ער הייסט שוין היינט מאַנועל, און ער איז שוין אַ מענטש מיט אַ שיינע פּאָר טויזנט פּעזעס אין קעשענע.

אָבער דאָס איז אַלץ געוואָרן, ווען ער דאַרף זיך פאַרמעסטן בלויז מיטן טאַטן אירן. ער דאַרף זיך דאָך פאַרמעסטן מיט איר אויך, מיט נחמהן. און וואָס איז ער דען מיט איר און פאַרגלייך? זי איז יונג, זי איז שיין (ער האָט זי נאָך איצטער געזען אין זיין געדאַנק ווי זי האָט אויסגעקוקט מיט אַכט יאָר צוריק), זי איז געבילדעט. און ער? וואָס איז ער? ניט קיין שיינער, ניט קיין געבילדעטער. אַ גאָרנישט איז ער.

עך, ווייסט ער דאַרטן וואָס! — האָט ער פון זיך אַליין אָפּגע־חוזקט — ער רעדט נאַרישקייטן! ער טאָר אפילו וועגן דעם ניט חלומען. יענע, אַזאַ־אַ, וועט אים, מאַנועלן, אָדער מענדל... ווייסט ער דאַרטן וואָס ער רעדט!...

ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט גערעדט נאַרישקייטן, אָבער פון זינט דער געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ, האָט ער שוין ניט געקענט פון אים פּטור ווערן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעקלעפּט צום מוח, אַז ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. ווען ער איז אַרומגעגאַנגען מיט זיינע געטשקעס און האָט געלייזט געלט, האָט ער געטראַכט, אַז מיט נחמהן אַלס זיין ווייב וואָלט ער געלייזט מער געלט. ווען ער איז געזעסן אין דעם כינעזישן אָדער שפּאַנישן רעסטאָראַן און האָט געגעסן, האָט ער געטראַכט, אַז נחמהס עסן וואָלט אים געשמעקט בעסער. זי וואָלט אים אַמאָל צוגעזען מיט אַ רויטן באָרשטש, אָדער אַ צוגעברוינטער קישקע. און ער האָט דאָך אַזוי ליב רויטן באָרשטש מיט ברוינער קישקע...

אפילו ביינאַכט, ווען ער האָט ניט געקענט שלאָפן, האָט ער געטראַכט פון נחמהן. ווען דער בויך האָט אים אָנגעהויבן ווי צו טאָן, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— אַי, ווען נחמה איז איצטער דאָ לעבן מיר... זי וואָלט דאָך מיר צוגעלייגט אַ וואַרימע פלאַש וואַסער צום בויך...

איינזעענדיק, אַז ער וועט שוין קיין רו אין זיין לעבן ניט האָבן אָן נחמהן, איז ער אַוועק צום לערער פון שטאָט און האָט געלאָזט אָנשרייבן דעם אמתן בריוו צו אירע עלטערן, אַז אַזוי און אַזוי: ער איז געוואָרן אַ מענטש, ער האָט געלט. און ער טראָגט אַ גרויסע ליבע אין האַרץ פאַר זייער

טאַכטער. ער וועט זי באַהאַנדלען גוט. ער וועט זי גליקלעך מאַכן. ער וועט — — און ער וועט — — — —

עטלעכע טעג נאָכן אָוועקשיקן דעם בריוו איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. ער האָט געהאַלטן אין איין שפּעקולירן, צי מ'וועט אים ענטפערן, צי נישט; צי וועלן זיי פון אים דאַרטן לאַכן, צי נישט; צי וועט נחמה, דערהערנדיק ווער ס'וויל זי נעמען, אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער, צי גאָר אויסברעכן מיט אַ געוויין, — אַט דאָס אַלץ האָט געהאַלטן זיין געמיט אַזוי געשפּאַנט, און אַזוי אָנגעשטרענגט זיין מאַרך, אַזוי אָנגעצויגן די מוסקולן פון זיין האַרץ, אַז ער האָט געהאַלטן ביי אַ צוזאַמענברוך.

אָבער גאָר אומגעריכט פאַר אים איז געקומען אַן ענטפער פון נחמהס עלטערן, אין וועלכן מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נישקשה, מ'קען זיך לאָזן רעדן. זאָל ער נאָר אַרויסשרייבן אַקוראַט וויפיל געלט ער האָט און וואָס פאַר אַ געשעפטן ער פירט, און אַז אַלצדינג וועט זיין אין אָרדנונג, וועט זיך נחמה אַליין מיט אים דורכשרייבן.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרייבעניש און אַ שיקעניש פון געלט און פון פּאַפּירן און פון פאָטאָגראַפיעס. מאָנועלן איז נישט געווען צו דערקענען. ער האָט איצטער געלעבט אין אַ וועלט פון חלומות. נײַן, מער ווי דאָס. ווייל אין זיין חלום האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ גליק. ער איז געוואָרן גוט צו באַקאַנטע. ער האָט אָנגעהויבן צו באַגריסן פרעמדע. ער האָט זיך גענומען קליידן שיין. ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפט צו ראַזירן. די גאַנצע וועלט האָט אים איצטער אויסגעזען ווי נחמה, און פאַר נחמהן דאַרף ער דאָך אויסקוקן גוט און וואויל און לייטיש.

ווען ער האָט דערהאַלטן פון איר אַ בריוו, אַז זי איז אַרויסגעפאָרן, איז ער געווען אויסער זיך פון פרייד און שרעק: פרייד, וואָס זי קומט, און שרעק, טאָמער, חלילה, געפעלט ער איר נישט, און — זי פאָרט צוריק... ער האָט וואָכנלאַנג נאָכגעטראַכט, ווי אַזוי זי צו באַגעגענען, ווי אַזוי ער זאָל זי אָננעמען ביי דער האַנט, ווי אַזוי ער זאָל צו איר רעדן: פּראָסט אידיש, היימישן אידיש, צי געמישט מיט אַביסל שפּאַניש... זאָל זי זען, אַז ער איז נישט אינגאַנצן געראָטן אין זיין טאַטן, דעם שוסטער. זאָל זי זען, אַז ער קען שפּראַכן...

ווען דעם, צי ער זאָל זיך מיט איר צעקנשן ביים באַגעגענען, האָט ער אויך געטראַכט. דער שכל זאָגט אים טאַקע אונטער, אַז יאָ. זי איז דאָך זיין כלה, כמעט אַ ווייב שוין... אָבער טאָמער באַליידיקט זי זיך? טאָמער ווערט זי בייז און אַנטלויפט? וועט דאָך זיין אוים נחמה... און וואָס וועט ער טאָן אָן נחמהן!...

די באַן, וואָס האָט אים געפירט קיין וועראַקרוז, די פאָרט־שטאָט, וואוהין איר שיף האָט געדאַרפט אָנקומען, האָט אים געמאַכט נערוועז. עפּעס איז זי נישט געלאָפן ווי אַ באַן דאַרף לויפן, נאָר זיך גערירט פּונקט ווי אַ בלייענער פויגל. ער האָט נאָר געציטערט, מאַנועל, אַז ער וועט פאַר־שפּעטיקן און די נחמה זייַנע וועט דאַרטן זיצן און זיך אויסקוקן די אויגן אויף אים, דעם לייטישן חתן אירן.

„וואו־זשע איז מיין חתן?" — וועט זי זיך דאַרטן פרעגן. — „איז ביי אים נישט געווען וויכטיק גענוג צו קומען אין צייט מיך אָראָפּ־נעמען? מיר דאַכט זיך, אַז די בעסטע זאַך פאַר מיר וואָלט געווען צוריק־צופאָרן..."

ביי דעם דאָזיקן געדאַנק איז ער אויפגעשפּרונגען פון דעם פּלאַץ. די מענטשן, וואָס אַנטקעגנאיבער אים, האָבן אים אָנגעקוקט שטאַרק פאַר־דעכטיק. באַזונדערס האָט זיי געמוזט זיין אויפפאַלנדיק דער צו־ברייטער גלאַנץ אין זיינע אויגן און די אָפּגעזונדערטע רויטקייט אין זיינע אויערן.

אָבער ער האָט דאָס נישט באַמערקט. ער האָט איצטער בכלל גאָרנישט באַמערקט, אַ חוץ נחמהן, וועלכע איז אים געשטאַנען ווי פאַר די אויגן, אויסגעגאָסן, ווי זי פאָרט אַוועק צוריק אַהיים.

„נחמה פאָרט אַוועק! נחמה פאָרט אַוועק!" — האָבן די באַן־רע־דער געהאַמערט אין זיינע אויערן.

„נחמה פאָרט אַוועק! נחמה פאָרט אַוועק!" — האָט דאָס גע־פּלעכט פון מענטשלעכע שטימעס אָפּגעקלונגען איבער דער האַלב־ליידיקייט פון וואַגאָן.

„נחמה פאָרט אַוועק! נחמה פאָרט אַוועק!" — האָט דער פייף פונם קוימען אָפּגעהילכט אין דער לופטן. — „נחמה פאָרט אַוועק!..."

— גיי שנעלער! לויף געשווינדער! — האָט ער אין געדאַנק אונ־טערגעטריבן די באַן. און די מענטשן, וואָס אַנטקעגנאיבער אים, האָבן גע־

האַלטן אין איין קוקן אויף דעם אויסגעבריטערטן גלאַנץ פון זיינע אויגן און אויף דער דיקערער און מאַסיווערער רויטקייט פון זיינע אויערן. — גיך! גיכער! איך וועל אַנווערן נחמהן! נחמהן, ר' לייבוש דעם גבירס טאָכטער!...

* * *

ווען ער האָט זי אויף־צו־מאָרגנס אינדערפרי, נאָך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, דערזען שטיין אויפן שיף־גאַניקל (ער האָט זי גלייך דערקענט!) און זיך באַגעגנט מיט אירע שוין גאַנץ מידלעכע, עלטער־מיידלשע בליקן, וואָס האָבן אָבער אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי בליקן פון אַ יונג, לאַשטשענדיק, שפּילעוודיק קעצל; ווען עס האָט אויף אים אַ שיין געטאָן איר שוין היפּש אָפּגעבליאַקעוועט מיט דינע קנייטשעלעך פאַרצויגן פּנים, וואָס האָט אָבער אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ פּנים פון אַ יונגן אויסגעמאָלטן גיפּסענעם מלאך, — האָט ער צום ערשטן געגעבן אַ שפּרייט־אויס די הענט זיינע און זיי געגעבן אַ שטרעק־אויס אין איר ריכטונג, און — גענומען לויפן. און לויפנדיק אַזוי, מיט די הענט אין דער לופטן, האָט ער דעם גאַנצן וועג געשריגן:

— אָט קום איך, נחמה! אָט קום איך!

און יעדער אויסגעשריי האָט מיט זיך מיטגעריסן אַ שטיק האַרץ. יעדער געבריל זיינער האָט אויפגעריסן זיין מוח. און ביז וואַנען ער איז צוגעקומען צו דער שיף, אויף וועלכער זי האָט זיך געפונען, איז שוין זיין האַרץ געווען במעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, איז שוין זיין מוח געווען במעט אינגאַנצן איבערגעקערט.

* * *

עטלעכע וואָכן איז מאַנועל אָפּגעלעגן קראַנק. נחמה האָט זיך געקרימט און געוואַרפן און געהאַלטן ביים צוריקפאָרן אַהיים. די איינציקע זאַך, וואָס האָט זי אָפּגעהאַלטן, איז געווען די חרפּה פאַר אירע היימישע חברטעס.

אָבער מאַנועל איז געזונט געוואָרן. דער לוסט צו לעבן צוליב נחמהן האָט אים צוריקגעשטעלט אויף די פיס. און ער איז געווען גליקלעך, אַזוי גליקלעך ווי עס קען נאָר זיין אַ היימישן שוסטערס אַ זון, וועלכן עס

טרעפט אַזאַ מין גליק, ווי חתונה צו האָבן מיט ר׳ לייבוש דעם גבירס טאָכ־טער...

ער האָט זי באַהאַנדלט אַ סך בעסער ווי ער האָט צוגעזאָגט אירע עלטערן אין די בריוו. ער איז געווען צו איר גוט אפילו דאָן, ווען זי האָט אים באַליידיקט און פון אים חוזק געמאַכט. און דאָס האָט זי געטאָן זייער אָפט. זי האָט אַ סך מאָל, און אויפן הויכן קול, באַוויינט און באַקלאָגט איר דאָליע, וואָס זי וועט דאַרפן אָפּפינסטערן אירע יאָרן מיט אַזאַ מין מאַן...

און ער האָט געשוויגן. גאָרנישט געזאָגט. איז זיך האָט ער גע־טראַכט, אַז זי איז אפשר גערעכט. נאָך אַלעמען, האָט ער געטראַכט, איז זי דאָך פאָרט נחמה, די יונגע, שיינע, שטאָלצע גבירישע טאָכטער. און ער — וואָס איז ער דען? אַ פּראָסטאַק, אַ גאָרנישט.

אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ איז געווען, וואָס מענטשן, זיי־טיקע מענטשן, האָבן, זעענדיק דאָס פּאָרל צוזאַמען, צווישן זיך אַזוי גערעדט:

— אַ מאָדנע זאַך! — פלעגט איין מענטש זאָגן — ער איז נאָך אַזאַ יונגער, אַזאַ שיינער, און זי — גיט נאָר אַ קוק ווי פאַרוועלקט און פאַרוויאַניעט זי איז. זי קען דאָך שוין באַלד זיין זיין מאַמע...

— וואָס רעדט איר! — פלעגט דער צווייטער מענטש ענט־פערן — ער איז דאָך די גוטקייט אַליין. ער אַרבעט שווער גאַנצע טעג. און זי לאָזט ער קיין שטויבעלע פון דער ערד נישט אויפהייבן. ער האַלט פאַר איר צוויי דינסטן. נו, איר זענט עפּעס אַ מבין אויף אַ גליק פון אַ פרוי?... זי זעט דאָך אויס אפשר מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון אים!...

און עס איז געווען גוט, וואָס זיי האָבן דאָס דאָזיקע גערעדט צווישן זיך און מאַנועל האָט עס נישט געהערט. ווייל ווען ער וואָלט עס געהערט, וואָלט ער זיכער געווען געטראַכט, אַז די מענטשן זענען אַראָפּ פון דעם זינען.

און נחמה — נחמה וואָלט מסתמא אויך אַזוי געמיינט...

אַ ברית

אַלע צימערן פֿון דער באַשיידענער וואוינונג זענען געווען אָנגע־פּילט מיט מענטשן, מענער און פֿרויען, עלטערע, מיטליאַריקע, יונגע און קינדער; און אַלע זענען געווען לעבעדיק און אויפֿגעלייגט. אַלע זענען געווען אָנגעשטעקט מיט אַן אייגנאַרטיקן יום־טוב.

און די דאָזיקע שׂמחה האָט זיך טאַקע אויסגעצייכנט מיט איר אַנדערשקייט, כאָטש עס איז געווען נישט מער ווי אַ ברית. אָבער דאָס איז געווען נישט אַזאַ געוויינלעכער ברית, ווי אַלע בריתן, וואָס ווערן געפּראַוועט ביי אידישע עלטערן, נאָר אַ ברית, וואָס אַ אידישער טאַטע האָט איינגע־אָרדנט מיט דער צושטימונג פֿון זיין מעקסיקאַנישער פֿרוי.

אין דעם גאָר־גרויסן צימער איז געווען פֿאַרזאַמלט דאָס יונג־וואַרג, — אַ יונגוואַרג, ווי אין יעדן אימיגראַנטן־לאַנד, שטאַרק אַסימילירט שפּראַכלעך. מען רעדט צווישן זיך בלויז שפּאַניש. קיין אידיש וואָרט קען מען אויף אַ רפֿואה נישט הערן. מען רעדט, מען דערציילט זיך וויצן, און די שפּאַנישע „ריישן" קנאַקן אונטער זייערע אידישע ציין אַזוי נאַטירלעך אויך עכט, אַ האָר נישט ערגער ווי ביי די מעקסיקאַנער. אַלע טייַלן און קנייטשן פֿון זייער שפּראַך האָבן אין זיך דעם אמתן חן פֿון מעקסיקאַנער פֿאָלקס־לשון.

איינער פֿון זיי האָט אַנגעדרייט דעם ראַדיאָ און ביליקע, הייזע־ריקע פּליטן, וואָס זענען געווען צו איר צוגעטשעפּעט, האָבן אָנגעהויבן אַרויסגרילצן פֿון דאָרטן. אָבער דאָס יונגוואַרג האָט זיך נישט געמאַכט קיין צימעס דערפֿון. זייערע נישט־מוזיקאַלישע אויערן זענען נישט פֿאַרציטערט

געוואָרן. פאַרציטערט געוואָרן זענען גאָר די פּיסלעך זייערע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן צום טאַקט פון דער „מוזיק"; און באַלד האָט מען זיך טאַקע אָוועקגעלאָזט אין איינעם פון די רעדלדיקע קאָפּ־דרייענדיקע, אויגן־שווינדלענדיקע דזשאַז־מאַכערייקעס.

אין דעם צווייטן, קלענערן, צימער זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע איבעריקע געסט, ווייל מער קיין צימערן האָט שוין די וואוינונג נישט פאַרמאָגט. דאָ זענען געווען מענער מיט זייערע ווייבער. עס זענען געווען פרויען אַליין מיט זייערע קינדער, און עס זענען געווען מענער אַליין, טאַקע גאַנץ אַליין. די מערסטע מענער זענען געווען פון פאָטערס צד, און די מערסטע פרויען זענען געווען שכנטעס, לאַנדספרויען, אַ פריינדינע פון אַ לאַנדס־פרוי, און אַזוי ווייטער. וואו נישט־וואו האָט זיך דורכגעזיפּט אַ פרוי אינגאַנצן נישט קיין געבעטענע, דורכאויס אַ פרעמדע, וואָס בלויז די נייגעריקייט פון דעם מאָדנעם ברית־פאַראַד האָט זי געבראַכט אהער.

דער באַלעבאָס איז אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, פון איין צימער אין אַנדערן. אַרויס פון ערשטן — אַריין אין צווייטן, אַרויס פון צווייטן — אַריין אין ערשטן. אַרויס אויפן הויף, אַריין פונם הויף.

— כאַקאָבאַ — האָט מען אים געפרעגט — ווען מען זוכסטו?

— וואָס? ווען? כ'זוך דעם מוהל. האָט איר נישט געזען ערגעץ דעם מוהל?

כאַקאָבאַ איז געווען צעפלאַמט און האָט אויסגעזען יום־טובדיקער פון אַלעמען. אָבער זיין יום־טובדיקייט איז פון אַ ספּעציעלן סאָרט. אין דער צייט, ווען די יום־טובדיקייט ביי יענע, ביי די געסט, איז געווען מער אַ לייכטע, אַ שפּילעוודיקע, אַ טשעקאַווע, איז עס ביי אים, פאַרקערט, געווען אַ יום־טוב אַן ערנסטער, אַ גוואַלטיק־ערנסטער, אַ פייערלעכער. ווייל ווען ער, כאַקאָבאַ, האָט חתונה געהאַט מיט דער קריסטלעכער פרוי זיינער, אַן אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, אין געריכט בלויז, האָט ער געוואוסט, אַז ער טוט עס פאַר ליבע, יאָ, פאַר אמתער ליבע צו זיין קאָנטשאַז (אָדער ווי ער רופט זי אויף זיין ליטווישן שפּאַניש: קאָנצאַ). קיין מעדאַל קומט אים טאַקע נישט דערפאַר, אָבער איצטער, ווען עס איז געקומען אַ קינד, און דווקא אַ אינגל, האָט ער באַשלאָסן עס צו אידישן.

דערפאַר האָט אים נישט שטאַרק געוואונדערט, וואָס מען האָט

אים כסדר געהאלטן אין איין קלאפן אין דער פליצע (באטש אלע קלעפ צוזאמענגענומען האבן זיך פונדעסטוועגן געלאזט פילן) און שלום עליכמס אפשטעקן און מזל טוב ווינטשעוועז. כאקאבא האט דאס אלץ אנגענומען פאר זייער פשוט און נאטירלעך, ווייל ער האט באשיינפערלעך געזען און פארשטאנען, אז ער האט דעם אידישן פאלק היינט אונטערגעטראגן א לעקעכל, און דאס אידישן פאלק נעמט עס צו מיט א גרויסן דאנק.

אבער וואו קען ערגעץ פארט זיין דער מוהל?

שא, ער איז דא!

— דער מוהל איז דא! דער מוהל איז דא! — האט מען אנגע־הויבן שרייען פון אלע זייטן, איבערגעבנדיק איינער דעם אנדערן די גוטע בשורה, — דער מוהל מיטן לאנגן מעסער!

און דאס טאנצנדיקע יונגוואַרג, די וואס זענען געווען אין גרויסן צימער, ביי וועלכע די מוזיקאלישע אויערן זענען געשלאפן און די פיס זענען געווען וואך, האבן טאנצנדיק צום טאקט פון דעם הייזעריקן ראדיא, אנגעהויבן אויפזינגען:

„שא, שא, דער מוהל גייט,
אוי, אוי, דער מוהל גייט;
שא, שא, דער מוהל שפאנט
מיטן מעסער אין דער האנט".

און איינער, א קליין־געוויקסיקער, א קורץ־געשוירענער, מיט אי־בערגעבליבענע עטלעכע געקרויזטע האר, וואס האבן אים געגעבן דעם אנ־בליק פון א שעפס אין הויזן, האט אויפגעהויבן די האנט און אויפגעעפנט דאס מויל און פארגעזעצט דעמזעלבן מאטיוו ווייטער:

„אוי, מוהלניו,
טו־זשע מיר א טובהניו:
האלט דאס מעסער
אוי, וואס בעסער,
ווען דו גייסט צום קינד;
טו א פיק,
און מאך נישט כיק,

מען טאר קיין בלוט נישט מער פארגיסן..."

דער מוהל, וואס איז אויך געווען שוחט ובודק, מסדר־קדושין, שדכן, משגיח און א יאטקע, מיט א צוגאב פון א פיר־פינף אנדערע פרנסות אן דער זייט, האט געמאכט א ברוגזע מינע.

די צערעמאניע האט זיך אנגעהויבן. כאקאבא איז צוגעגאנגען צום בעטעלע, וואו עס איז געלעגן דאס קינד, און זיך אזוי רואיק געשלאפן און טער קאנטשאס מוטערלעכע פייכטע אויגן. און מחמת דעם, וואס דאס קינד האט איצטער אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי א קליין פרינצל, אזוי פיל שיינקייט און חן האט עס פארמאגט, האט ער אזוי ווארים ארומגענומען קאנטשאן און איר א קוש געטאן אויף אירע בלייכע ליפן. דער דאזיקער קוש האט בארארפט אנטהאלטן דאנק און אנערקענונג, וואס זי האט אים געשענקט אזא געראטענעם זון, און דעם אידישן פאלק — אזא געראטענעם איד; און כדי זי אויפצומונטערן אביסעלע, האט ער איר א פרעג געטאן:

— צולא, ווי אזוי פילסטו? (געמיינט האט ער איר צו זאגן: "טשולא", וואס איז כמעט דאסזעלבע וואס "דארלינג" אויף ענגליש, אדער "נשמה־מיינע" אויף אידיש: אבער אויף זיין ליטווישער צונג איז פון "טשולא" געווארן "צולא").

זי האט אנגעהויבן וויינען, זייער שטארק צו וויינען. זי האט דערזען ביים מוהל דאס מעסער אין האנט, האט איר מוטערלעך הארץ אנגעהויבן צאפלען:

— כעסוס! — וואס גייט מען טאן מיט איר קינד?

כאקאבא האט זי גענומען איינשטילן.

— צולא, — האט ער צו איר גערעדט, — מען גייט גאר נישט טאן קיין שלעכטס דערמיט.

עס זענען צוגעקומען עטלעכע ווייבער און האבן זי גענומען איינשטילן. מען האט מיט איר גערעדט א האלבן שפאניש און א חצי־אידיש. קאנטשא האט זיך איבערגעגעבן צו זייערע גוטע רייד און ווארימער באנעמונג. קאנטשא איז געווען אן עלנדע, און האט דא קיינעם נישט געהאט, א חוץ איר כאקאבאן. ער האט זיך מיט איר באגעגנט אין שפיטאל, בשעת זי איז דארטן געלעגן קראנק, און זי איז דארטן געווען א קראנקן־שוועסטער. זי איז צו אים געווען גוט, פונקט ווי א מאמע, האט ער דערפאר ביי

זיך באַשלאָסן, אַז אויב ער גייט פון דאַנען אַרויס אַ געזונטער, האָט ער מיט איר חתונה. און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

קאַנטשאַ, ווי אַלע מעקסיקאַנישע פרויען, האָט נישט געהאַט קיין אייגענע אַמביציע, קיין אייגענעם „איך". באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט מיט כאַקאַבאַן חתונה געהאַט, איז איר גאַנצער „איך" פאַרשלונגען געוואָרן פון אים. פריער, איידער זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי געהאַט איין גאָט: כעסוסן. נאָכדעם האָט זי צוגעקראָגן נאָך אַ גאָט — כאַקאַבאַן. ווי אַזוי אַט די צוויי געטער האָבן געקאָנט לעבן בשלום אין איר האַרץ, האָט נאָר איין קאַנטשאַ געוואוסט.

וואָס כאַקאַבאַ האָט געזאָגט, איז געווען געזאָגט. וואָס כאַקאַבאַ האָט געטאָן, איז געווען געטאָן. אַפילו אין אַזאַ פאַל, ווי אידישן זייער קינד, האָט זי זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט. אַז כאַקאַבאַ האָט באַשלאָסן אַזוי צו טאָן, מסתמא איז גוט אַזוי.

אָבער פאַר דעם מעסער, וואָס זי האָט דערזען אין מוהלס האַנט, האָט זי זיך דערשראָקן. האָט זי דעריבער אַזוי שווער און ביטער געוויינט.

— פירט אַרויס די אידענע פון דאַנען! — האָט דער מוהל באַפוילן — עס וועט מיר ציטערן די האַנט.

— וואָס פאַר אַ אידענע אויף זיין קאָפּ! — האָבן די ווייבער צווישן זיך פּראָטעסטירט — אַזאַ איד זאָל נישט וויסן קיין אונטערשיד...

ווען דאָס קינד האָט זיך שטאַרק צעשריגן אונטערן מוהלס מעסער, האָט מען קאַנטשאַן אין צווייטן צימער געדאַרפט מינטערן מיט זייער שטאַרקע טראָפּנס. אָבער מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, האָט מען זי שוין געזען צוזאַמען מיט כאַקאַבאַן צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. זי האָט געהאַלטן צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זיין אַקסל, און ער האָט איר געהאַלטן איין אַריינרעדן אין אויער אַריין:

— צולאַ, פילסט שוין איצטער בעסער? וועסט זען, אַז מאַיעס וועט אויפוואַקסן אַ פיינער איד, פונקט אַזאַ פיינער איד ווי איך, דער טאַטע זיינער...

— וואָס זאָגסטו, צולאַ, קאַנצאַ, — אַ יאָ, ער וועט אויפוואַקסן אַ פיינער איד?

אַ בערגל ערד דערציילט...

דאָס איז געווען אין גואַדאַלאַכאַראַ. אויף מיין צוריקרייזע פון מעקסיקע אין די פאַרייניקטע שטאַטן, בין איך פאַרבייגעפאָרן די שטאָט און בין דאָרטן געבליבן האַלטן אַ לעקציע.

די דאָרטיקע אידן האָבן מיר דערציילט פאַרשידענע עפּיזאָדן פון זייער לעבן אין דעם נייעם, פרעמדן לאַנד. דאָס זענען געווען זייער טשעקאַווע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געקענט פּאָרקומען נאָר אין אַזאַ לאַנד, ווי מעקסיקע, און נאָר צווישן אַזעלכע מענטשן, ווי די מעקסיקאַנער.

פלוצלונג רופט זיך אָן צו מיר איינער פון דאָרטיקע אידן:

— האָט איר שוין געזען אונזער בית עולם?

האָב איך אים געענטפערט, אַז נישט, און האָב נאָך צוגעגעבן, אַז איך בין נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זען עס אויך. איך בין נישט געקומען האָבן קיין אינטערוויוס מיט די טויטע. וואָס מיך אינטערעסירט איז לעבעדיקע זאַכן.

דער יונגערמאַן, האָב איך באַמערקט, איז געווען עטוואָס אַנטוישט און באַליידיקט פון מיין ענטפער. ער האָט אַ ווייַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט אַ פרעמדער דאָ, ווייסט איר נישט, וואָס אונזער בית עולם באַדייט פאַר אונז. גייט אים אָנקוקן, קוקט זיך גוט איין אין די פרישע קברים, הערט זיך צו צו די ווערטער פון די שטומע מצבות, זיי וועלן אייך דאָרטן עפּעס דערציילן. פון זיי וועט איר זיך דערוויסן אַזוינע טרויעריקע און רירנדיקע מעשיות פון אונזער אימיגראַנטן־לעבן, וואָס אונז, די

לעבעדיקע, וועט איר עס נישט גלויבן. גייט, מיין פריינט, און ווען איר וועט פון דאָרטן צוריקקומען און זיך נאָך אַלץ באַציען צו דעם מיט דעם זעלביקן ביטול, ווי איצט, איז אייער האַרץ געמאַכט פון זאַמד און פון שטיין.

איך בין געגאַנגען. איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגן, צי מיין האַרץ איז נישט געמאַכט פון זאַמד און פון שטיין. דער פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער קהלה, ה׳ גאָמינסקי, האָט מיר אַרויסגעוויזן גאַסטפריינטלעכקייט. ער האָט מיך אַהין גענומען און מיר געוויזן דאָס „הייליקע אָרט". זיבן פרישע קברים פון זיבן פרישע לעבנס. לעבנס אַזוינע יונגע און אַזוינע צאַפּלדיקע, וועלכע זענען דאָ, אין דעם נייעם, פרעמדן לאַנד, אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט זיך אַנצעוואָרימען אין דער היגער טראָפּישער זון. פאַר דער צייט זענען זיי אומגעקומען, אָט די יונגע מתים. כמעט קיין איינציקער פון זיי איז נישט געשטאָרבן מיט זיין נאַטירלעכן טויט. און דער כלומרשט נאַטירלעכער טויט איז אויך געקומען אונטער די ספּעציעל־געשאַפענע נייע באַדינגונגען.

בין איך אַזוי געשטאַנען ביי די פרישע קברים און האָב זיך צוגעהערט צו דעם טויטן געוויין, וואָס איז געקומען פון אינעווייניק אַרויס, פון אונטער דער ערד אַרויס. אַ געוויין איז דאָס געווען אַ דערשטיקטס. אַ יאָמערן אויף די אָפּגעשניטענע יאָר. און כאָטש אַרום מיר האָט געבליט דאָס גרינס און איבער מיין קאָפּ איז געהאָנגען אַ בלויער פלעקנלאָזער הימל, איז דאָס זאַמדיקע, שטייניקע האַרץ מיינס אָנגעפילט געווען מיט חושך און פאַר די אויגן האָט געשוועבט אַזאַ דיקע כמאַרע...

ביי איין קבר זענען מיר געשטאַנען לענגער ווי ביי די אַנדערע. דאָס איז געווען אַ קבר אָן אַ מצבה. בלויז דאָס שוואַרץ, אויפגעאַקערט שטיקל ערד האָט געקענט דערציילן די געשיכטע פון איר אייביקן איינוואוינער. און אָט איז זי, די געשיכטע:

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אין שטאָט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ יונגערמאַן. אַ נידעריקער און אַ דאַרער. פלעגט מען אים טאָג־טעגלעך זען אַרומשמייען איבער די וואַדאַלאַכאַרער גאַסן. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט און קיינער האָט

צו אים נישט גערעדט. עס האט אויסגעוויזן, אז ער איז אהער אראפגעקו־מען צוליב געשעפט און ער האט דאס געוואלט דורכפירן אליין, אן דער הילף אדער עצה פון די שטאטישע אידן.

האבן די שטאטישע אידן אים אויסגעמיטן. מען האט אים געלאזט גיין זיין גאנג. אזוי האט עס אנגעהאלטן א וואכעדיקע דריי־פיר וואכן.

איינמאל, אין א געוויסן טאג, נאכדעם ווי מען האט אים מיט א שעה פריער געהאט געזען אין גאס, איז די פאליציי אריין צו א איד, אן אייזן־סוחר, און האט אים געמאלדן, אז זיינער א לאנדסמאן, א „פאליא־קא", איז אוועקגעפאלן אין גאס א פארחלשטער און מ'האט אים אוועקגעפירט אין שטאטישן שפיטאל.

איז דער אייזן־סוחר, צוזאמען מיט זיין שותף, באלד געלאפן אין שפיטאל אריין. געקומען אהין, האט מען זיי געזאגט, אז דער פאציענט זשיפעט נאך, אבער עס איז נישטא וואר עס זאל אים ראטעווען, ווייל דער שפיטאל־דאקטאר איז אויסער דינסט.

זענען די צוויי אידן געלאפן זוכן א פריוואטן דאקטאר. אבער ווען זיי זענען מיט אים אנגעקומען, האט מען זיי געזאגט, אז דער פאציענט איז שוין טויט, אויסגעגאנגען.

ווען זיי האבן געזאגט, אז זיי ווילן אים זען, האט די שפיטאל־פארוואלטונג זיי דאס אפגעזאגט. ער איז שוין געלעגן אינם פאלמעס־צימער, צוזאמען מיט אנדערע מתים. אזוי האט געפאדערט דאס געזעץ. ווייל ער איז געשטארבן ראפטום, דאס הייסט מיט נישט קיין נאטירלעכן טויט.

די ידיעה האט זיך דערוויל שנעל צעטראגן איבער דער שטאט און אלע אידן זענען צוזאמענגעקומען און גענומען זוכן מיטלען ווי אזוי ארויסצוקריגן דעם מת פון די גויאישע הענט, כדי צו קענען אים מקבר זיין אויפן אידישן בית עולם, לויטן אידישן דין.

מען איז געלאפן אהין, מען איז געלאפן אהער, מען האט געזוכט פראטעקציע ביי מלכות. קוים עס איז געלונגען אויסצעפועלן א דערלויבעניש ארויסצונעמען דעם בר־מנן פון שפיטאל.

ווען א דעלעגאציע פון עטלעכע אידן איז אנגעקומען אין שפי־טאל אריין און געוויזן די באשטעטיקונג, האט מען זיי אריינגעפירט אינם טויטן־שטיבל, און אנווייזנדיק אויף עטלעכע מתים, וועלכע זענען געלעגן

אין טרומנעס, מיט ליכט און צלמים צוקאַפּנס, האָט מען צו זיי געזאָגט:

— מיר ווייסן נישט, וועלכער עס איז אייער „פּייסאַנאַ" (לאַנדס־מאַן). קלויבט אייך אויס וועלכן איר ווילט און נעמט אייך אים.

לאַנג האָבן די אידן געדאַרפט זיך צוקוקן צו די צעשניטענע קער־פּערס. מען האָט זיך געאייגיקט אויף איינעם און מען האָט אים מיטגענומען מיט זיך.

אַלע אידן פון שטאָט זענען געקומען צו דער מערקווירדיקסטער לוויה, וואָס דער נייער, יונגער ישוב האָט ווען עס איז געהאַט. פרעמד און אָפּגעריסן איז מען טאַקע געווען ביים לעבן, אָבער דער טויט, דערצו נאָך אַזאַ שרעק־לעכער און ראַפּטומדיקער טויט, האָט זיי דערנענטערט, צוזאַמענגעבונדן.

ר' באַצקל, אַ איד אַ גרויער און פון נידעריקן וואוקס, האָט זיך עוסק געווען מיט דער צערעמאָניע. פאַרן אַראָפּלאָזן דעם בר־מנן אין קבר, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מאַכן אַן אל מלא רחמים דעם טויטן.

„אל מלא רחמים!..." — האָט ער אַרויסגעזונגען מיט אַ ציטער־דיקער שטים, און אַלע הערצער פון די אַרומשטייענדיקע האָבן מיטגעפּלאַ־קערט אין אוניסאָן. עס איז געווען אַ שטילע און רירנדיקע סצענע; פון יענעם סאָרט שטילקייט, וואָס קען אַרויסרייסן דעם מענטשנס אינגעווייד. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפילו די גראָזן פון דער ערד האָבן דערפילט דעם הייליקן ציטער פון דעם מאָמענט און האָבן שטילערהייט צו זיך געפּליסטערט:

— ששששאַרש!... ששששאַרש!... אַזאַ אומגליק!... אַזאַ מוראדיקער פאַל!... ששששאַרש!...

„אל מלא רחמים, שוכן במרומים!..."

וואָס ווייטער, אַלץ געבראָכענער איז געוואָרן ר' באַצקלס קול. אַלץ שטאַרקער האָבן געפּלאַטערט די הערצער פון די אַרומיקע אידן און אַלץ פיינלעכער און ווייטיקדיקער האָבן געשאַרשעט די גראָזן אויף דער ערד. אָבער דער קלימאַקס איז ערשט געקומען שפּעטער, ווען ר' באַצקל איז צו־געקומען צו דער שטעל „את נשמת". ער האָט זיך פאַרהאַקט און נישט געקענט גיין ווייטער.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט עס נישט געוואוסט דעם נאָמען פון דעם מת. ער האָט נישט געוואוסט צי דער פאַרשטאָרבענער

איז געווען א באווייבטער, אדער א בחור. קיינער פון די ארומיקע האט עם נישט געוואוסט. ער האט געקוקט אויף אלעמען און אלע האבן געקוקט אויף אים. דער סוף איז געווען, אז מען האט געמוזט מקבר זיין דעם נאמענ־לאזן זעלנער, וועלכער איז אהער געקומען קעמפן פאר א ניי און שענער לעבן, און האט גאר, אנשטאט דעם, געפונען דעם טויט.

יא, דער גוואדאלאכארער פריינט מיינער האט מיר געגעבן א גוטע פראבע מיך אויסצופרואוון, צי מיין הארץ איז נישט געמאכט פון שטיין און פון זאמד. זייער א שטארקע פראבע!...

מעקסיקאַנישע ליבע

אַפּזייענדיק בלויז עטלעכע טעג אין מעקסיקע, האָב איך באַלד אָנגעהויבן דערפילן אין זיך דעם פיבער — דעם אייגנאַרטיקן קלימאַטישן פיבער, צוזאַמען מיט דעם פיבער פון ליבע, מיט וועלכן דאָס לאַנד איז אַזוי רייך. וואָס אַ שעה איז דער פיבער אין מיר מער געוואַקסן, וואָס אַ טאָג האָט ער זיך אין מיר איינגעגעסן מער און מער. און צום ענד מיך אינגאַנצן באַהערשט.

איך האָב נאָך נישט געוואוסט גענוי וואָס דאָס איז, ווייל דער געדאַנק ווערט דאַמאָלס זייער שווער און טעמפּ. די פּוילע און זאָרגלאָזע ליידיקייט גיט זיך אַ לייג־אַרויף אויפן מאַרך. אַזאַ קינדערשע אַטראַפּירנ־דיקע פרייד איבערגעוועלטיקט דאַמאָלס! מען דערפילט זיך מיט אַמאָל אַזוי יונג און אַזוי פריי און אָן שום פליכטן, ווי נאַר־וואָס געבוירן...

איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס האָט געקענט זינגען, און נישט נאָר מיטן האַלז און מיטן מויל האָט זי געקענט זינגען, נאָר מיטן גאַנצן קערפּער אירן, מיט אַלע אברים. אפילו די שטילקייט אירע איז אויך געווען אַ מעלאָדישע, איר שווייגן האָט אין זיך געהאַט אַזאַ פיינעם און ראַפינירטן ריטם, ווי דאָס שענסטע ליד.

געהייסן האָט זי סעליאַ און געווען איז זי אַ דינסט־מיידל.

איך האָב זיך באַקענט מיט סעליאַן דורך אַ צופאַל. איך בין איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז און האָב פון דאָרטן דערהערט אַ געזאַנג. אַ וואונדערלעכע סאָפּראַן־שטים איז דאָס געווען.

עס איז געווען אינמיטן טאָג. די גאַס איז געווען אַ שטילע און

אַרויס פון דער שטאָט. האָבן זיך די טענער געשפּריײט און געקוילערט און דערגאַנגען צו מיין האַרץ. האָב איך זיך צום אַלעם ערשטן פאַרליבט אין דעם קול, איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין:

„ווער עס קען אַזוי זינגען, דער האָט גאָטס בענטשונג"...

האָב איך שוין נישט געקאָנט פון דאָרטן אַוועקגיין, ביז וואַנען איך וועל האָבן די זכיה צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן די, וועלכע טראָגט אויף זיך די ברכה פון גאָט. בין איך אַזוי געשטאַנען און האָב געוואַרט. אָבער זי האָט זיך נישט באַוויזן. דאָס קול אירס איז איבער דער צייט עטלעכע מאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָט ווידער זיך געלאָזט הערן.

איך האָב אַליין נישט געוואוסט, ווי לאַנג איך האָב אַזוי געוואַרט. עס האָט געמוזט זיין לאַנג גענוג, ווייל די פיס האָבן מיר שוין אָנגעהויבן וויי צו טאָן. אָבער אַוועקגיין האָב איך נישט געקאָנט. דער פאַרלאַנג כאָטש אַ קוק צו טאָן אויף איר איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַריין אין דעם גרויסן הויף, פון וואַנען דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן.

ווען איך בין אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן. די טענער זענען ווי איינגעזאַפּט געוואָרן אין מיינע שיך. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ כיוון, כדי צוריק אויפצולעבן דאָס געזאַנג. עס איז געבליבן שטיל. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן פאַר זיך. איך האָב דערזען שטיין אַ מיידל, אַ יונגע, אפשר פון אַ יאָר זעכצן, און זייער אַ באַחנטע.

זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אַ גרויסן הילצערנעם קעסל און האָט געוואַשן וועש.

אייגנטלעך האָט זי בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וואַשט, ווייל זי האָט מיך נאָך געהאַט דערזען פריער און מיך גוט באַאָבאַכט.

ווען איך האָב זיך אָנגעטראָפן מיט אירע אויגן, איז אַ קינדעריש קליידל געבליבן פאַרגליווערט אין אירע הענט. אירע בליקן האָבן מיך געפרעגט:

— ווער אַזוינס ביסטו, פרעמדער?

אוודאי האָט זי געהאַט אַ רעכט צו שטוינען, קוקנדיק אויף מיר

און מיין הולד. אַ בלאָנדער, מיט אַן אַמעריקאַנישן ספּאָרט־אַנצוג, בין איך פאַר איר אויסגעקומען נײַ און טשעקאָווע.

ארומקוקנדיק זיך און נישט זעענדיק מער קיינעם, אויסער איר, האָב איך זי אַ פרעג געטאָן:

— דאָס האָסטו אַזוי שיין געזונגען?

איך האָב גערעדט צו איר ענגליש און זי האָט מיך נישט פאַר־שטאַנען. האָב איך אָנגעהויבן רעדן דורך צייכנס, מיט די הענט און מיט די אויגן.

זי האָט מיך אָנגעהויבן פאַרשטיין און זיך שטאַרק, שטאַרק גע־רויטלט, ווען זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי איז עס טאַקע די זינגערין.

די נישטיקע צאָל שפּאַנישע ווערטער, וואָס איך האָב געקענט, זענען מיר פונדעסטוועגן צונוץ געקומען. איך האָב פאַרשטאַנען — אמת, מיט גרויס אָנשטרענגונג — וואָס זי האָט מיר דערציילט. און דערציילט האָט זי מיר, אַז זי איז דאָ אַ דינסט און אַ יתומה און האָט נישט קיי־נעם אויף דער וועלט. קיין טאַטן געדענקט זי נישט און די מאַמע איז איר געשטאָרבן, ווען זי איז אַלט געווען צען יאָר.

ביי די איצטיקע באַלעבאַטים אירע דינט זי שוין פיר יאָר. זי אַר־בעט פון פרעצן ביז זעכצן שעה אַ טאָג און האָט נישט מער ווי דאָס עסן, אפילו קיין קליידל נישט.

— פאַרוואָס־זשע ביסטו אַזוי פריילעך? — האָב איך זי געפרעגט.

— ווייל עס לוינט זיך נישט צו זיין טרויעריק. — האָט זי מיר אַן ענטפער־אָפּ געגעבן, דווקא גאַנץ פילאָזאָפיש. און איך האָב זיך פון איר דערוואוסט, אַז איצטער איז די גאַנצע פאַמיליע פונם הויז אַוועק אויף אַ דאַטשע. איבערגעבליבן זענען בלויז צוויי פרויען, זי און דעם אויפזעערס ווייב — און ווייטער קיינער נישט.

אַן אומרואיקייט האָט מיך אַרומגענומען, ווען זי האָט, בליש־טשענדיק אויף מיר מיט די אויגן אירע, אַרויסגעזאָגט די פראַזע „און ווייטער קיינער נישט". אַן אומרואיקייט געמישט מיט נערוועזקייט איז'ס געווען. און ווען איך האָב זי געפרעגט, צי איך מעג צו איר קומען פאַרנאַכט, און צי זי וועט פאַר מיר זינגען, האָט דער בלישטש אין אירע אויגן זיך געצונדן

העלער, און מיר האט זיך געדאכט, אז דורך די ליפּן אירע האבן אלע הייסע בלוטן אין איר צו מיר געשריגן:

— קום, פרעמדער! קום, ווייסער! קום!... סעליא וועט פאר דיר זינגען, און סעליא וועט פאר דיר טאנצן! סעליא וועט פאר דיר אלץ טאן, אלץ טאן!...

פון יענעם פארנאכט אן, בין איך שוין צו איר געקומען אלע נאכט.

דאס זענען געווען נעכט פון גרויסער פרייד. זי איז געווען יונג און איר ליבע איז געווען הייס און נאכגיביק. אירע באגריפן פון ליבע זענען געווען פרימיטיווע, אן קונצן און אן שום אויסרעכענונגען. אירע אויסברוכן פון ליידנשאפט זענען געווען אזוי עכט און אזוי ריין, אזא פולשטענדיקע הארמאניע האט געהערשט צווישן איר ליבע און געדאנק, אז די פרייד פון דעם געגנוס־מאמענט איז ביי איר געווען די העכסטע און הייליקסטע. זי פלעגט וויינען נאכדעם, וויינען פון עקסטאז און גליקזעליקייט.

א קנאפּע וואך צייט האט אזוי אנגעהאלטן אונזער גליק, אין וועלכן קיינער האט אונז נישט געשטערט. די אנדערע פרוי פונם הויז האט געוואוסט פון אלץ — און גארנישט געזאגט. זי איז געווען א פרוי פון א יאר פערציק, אבער אויסגעזען האט זי עלטער.

מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז גאר געווען צופרידן פון מיין קור־מען אהער. דאס האט מיך געוואונדערט. עס קומט א פרעמדער, פון אן אנ־דער ראסע, און נעמט־צו די ליבע פון איינער פון אירע שוועסטער, קומט אים דען א דאנק דערפאר? אבער שפּעטער האב איך אויסגעפונען די אורזאך.

סעליא האט מיר איינמאל געזאגט, אז כאסע קומט צופארן. כאסע איז געווען דער אויפזעער פונם הויז און דער מאן פון דער עלטערער פרוי, וועלכע איז דא איבערגעבליבן. ער האט אפּגעפירט די פאמיליע אויף דער דאטשע, זיי דארטן איינגעארדנט, און איצטער קומט ער צוריק.

— וואס וועט איצטער זיין? — האט מיך סעליא געפרעגט, און די גרויסע פייכטע אויגן אירע זענען אנגעפילט געווען מיט שרעק.

איך האב נישט פארשטאנען.

— וואס מיינסטו, סעליא?...

— ווייל כאסע איז זייער אן אייפערזיכטיקער — האט זי גע־זאגט — ער וועט מיך אפשר הרגענען...

— אבער פארוואס זאל ער דיך הרגענען, סעליא? וואס קאן ער דאַרן צו דיר?... קאנסטאנסיא איז דאך זיין ווייב...

סעליא האט אויף מיר געקוקט מיט גרויס רחמנות. א טאפלטער רחמנות איז דאס געווען: אויף זיך, וועמעס גליק עס וועט זיך, מיט כאסעס קומען, באלד ענדיקן, און אויף מיר, וועלכער איז אזוי נאאיוו און אזוי נאריש, אז איך פארשטיי נישט, אז איך געפין זיך אין מעקסיקע, וואו דער מאן מעג אלץ און קאן אלץ טאן.

זי האט מיר דערציילט, אז כאסע צווינגט זי צו פארברענגען מיט אים נעכט. און קאנסטאנסיא, זיין ווייב, ווייסט דערפון. אבער זאגן, זאגט זי גארנישט. זי האט מורא פאר איר מאן. ער שלאגט זי. און פון דעם פרעמדנס קומען אהער איז זי צופרידן. דאס איז ביי איר א שטיקל נקמה אן כאסען, וואס ער, דער פרעמדער, גנבעט אוועק, לויט איר באַגריף, עטלעכע ליבע־נעכט פון איר מאן.

— אבער איצטער ענדיקט זיך שוין אלץ. — האט סעליא אויף מיר געקוקט מיט פארטרערטע אויגן — כאסע איז א שלעכטער און א בייזער, און איך האב אים פיינט. ער וועט מיך אפשר הרגענען. צי וועלן מיר נאכן טויט אויך קענען זיין צוזאמען?

צי מיר וועלן נאכן טויט קענען זיין צוזאמען, איז ביי מיר גע־ווען א גרויסער צווייפל. סעליא האט מיר טאקע פארשאפט א סך פרייד, אבער דאס לעבן דערפאר האב איך נישט געוואלט אפגעבן. און ווען איך האב איר געזאגט, אז ליבע צווישן טויטע האט נישט קיין לעבעדיקן טעם, האט זי אליין מיך אנגעהויבן צורעדן, אז איך זאל איצטער אוועקגיין. בלויז א צוזאג זאל איך איר געבן, אז איך וועל צו איר אמאל צוריקקומען, כאטש ווען נישט איז אויף א קליינער ווײלע.

— וועסטו קומען?

— ווי קען איך דיר צוזאגן, סעליא? איך בין דאך א פרעמדער אין לאנד, מען וועט מיך נאך אפשר הרגענען. זאל איך קומען צו דיר טויטערהייט?...

— ניין! — האָט זי געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים — מען וועט דיך נישט הרגענען, איך וועל בעטן פאַר דיר.

זי איז געפאַלן אויף די קני, אַראָפּגעכאַפּט דעם צלם פון איר האַלז און מיט אים איבערגעקרייצט עטלעכע מאָל מיך, דעם פרעמדן. נאָכדעם האָט זי פאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ און געבעטן ביי גאָט, ער זאָל מיך, דעם אַזוי נאָענטן־פרעמדן, באַשיצן אויף מיין ווייטערדיקן וועג...

מעקסיקאַנישע נעכט

מעקסיקע! לאַנד פון ראָמאַנטיק! לאַנד פון עקזאָטיק! לאַנד פון לעגענדעס! דו ביסט אויך אַ לאַנד פון געשיכטע! ווייל צו וואָס מען רירט זיך צו, וועלכן שטיין מען באַטרעט, אויף וועלכן קעגנשטאַנד דאָס אויג גיט אַ פאַל — גיבן זיך אַן עפן־אויף קוואַלן גאַנצע מיט פאַסירונגען שויין לאַנג פאַרגעסענע, וועלכע רייצן אַזוי די פאַנטאַזיע, וועלכע רעגן אַזוי דאָס געמיט...

שמאָלע גאַסן מיט שמאָלע טראָטואַרן מיט שיין־געבויטע הייזער מיט פאַרגראַטעוועטע פענסטער אין אַלט־שפּאַנישן סטיל. אַלטע מאַסיווע מויערן מיט געזימסנדיקע דעכער און באַלקאָנען. אַלטע קאַסטבאַרע קאַטעדראַלן, איצטער נעבעכדיקע, פאַרלאַטעטע. ברייטע האַסיענדאַס (הויפן) מיט טראָפּישע געוויקסן, פאָנטאַנען און סטאַטועס — סימנים פון שפּאַנישן פעאָדאַליזם.

קרומע געסלעך, נישט־ברוקירטע. קויט. שמוץ. אָפּפאַל, טויטער און לעבעדיקער, מישט זיך אויס: אין די רינשטאָקן, אויף די טראָטואַרן, אין די הויפן. מען ליגט צוזאַמען און מען פוילט צוזאַמען. אויך דאָס איז אַ ירושה פון דער שפּאַנישער הערשאַפט, וועלכע האָט אַזוי שאַרף איינגעטיילט קלאַסן.

אַלץ רעדט — אַן ווערטער. געשיכטע רעדט. דערציילט פון שלאַכטן אומנויטיקע, געפעכטן לוקסוסדיקע, מאָרדן בלויז פאַר פאַרגעניגן.

געשיכטע רעדט. אינקוויזיציע. שייטערהויפנס. אַ ליידיקער פּלאַץ אַרומגעצאָמט מיט דראָט. אָט איז די ערד, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט

די לעצטע געשרייען פון די פאַרמשפּטע. אַט זענען די טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט די „אומריינע" אַהין, אַהין...

געשיכטע רעדט. בילדער דערציילן פונם אַצטעקישן פּעריאָד, ווען מעקסיקע איז געווען מעקסיקע; ווען נאַקעטקייט איז געווען אַ קולט; ווען אינדיאַנער האָבן געשניטן שאַרבנס.

און די הייזער מיט די גראַטיקע פענסטער דערציילן אויך עפּעס. אַ שיין טשעקאַווע מעשהלע דערציילן זיי:

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען צוויי פּאָר שוואַרצע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זיך איינגעשניטן טיף איינע אין די אַנדערע, האָט געמיינט, אַז אַ גרויסע ליבע האָט אויפגעפלאַקערט צווישן אַן עלעגאַנטן סעניאָר און אַ יונגער רייצנדיקער סעניאָריטאַ. פלעגט ער קומען צו דעם פענסטער אירן, נאַכט אויף נאַכט, אָפּשטיין שעהנלאַנג און אויסגיסן זיין האַרץ פאַר איר, וועלכער ער באַגערט אַזוי שטאַרק. ער פלעגט איר אַנזינגען און אָפּשפּילן אַלע סערענאַדעס פון דער וועלט. און זי פלעגט זיצן אין איר צימער און נישט טאָרן צוגיין צום פענסטער אַ קוק טאָן אויף דעם, צו וועלכן איר האַרץ האָט אַזוי געצאַפּלט און געצויגן. די פרום־קאַטוילישע דערציאונג האָט פאַרבאָטן אַזאַ פרייהייט פון באַנעמונג. אָבער אַמאָל, בלויז אַמאָל, פלעגט זי נישט קאָנען אויסהאַלטן און כאַפּן אַזאַ פאַרגנבעטן בליק פונדערווייטנס אויף איר געליבטן, און דער ליידנשאַפטלעכער גלאַנץ אין זיינע אויגן פלעגט זי געבן אַ צינד־אָן און אַרויסרופן אין איר אַזאַ מין זינדיקן ציטער, וואָס איז דורכאויס געווען פאַרבאָטן פון דעם קאַטוילישן גלויבן. דער סוף איז כמעט אַלעמאָל געווען דערזועלביקער: אין אַ שיינער נאַכט האָט דער איידעלער, ריטערלעכער קאַבאַליעראָ אַרויסגעגנבעט דורכן פענסטער זיין באַגערטע נאָוויאַ (געליבטע) און איז מיט איר אַנטלאָפן. דאָר איז געווען אַ שטראָף די עלטערן (זיינע, צי אירע) פאַר נישט וועלן מסכים זיין צום שידוך.

און פון דאַמאָלס אָן טאַקע האָט מען אָנגעהויבן בויען הייזער מיט פאַרגראַטעטע פענסטער.

* * *

פון אַ באַלקאָן, איבער מיין קאָפּ, האָט זיך דערהערט אַ פּישטשערײַ פון אַ הינטל, באַגלייט פון אַ קינדעריש דראַענדיק קולכל. איך האָב אַ קוק

געטאָן אַרויף און געזען ווי אַ קליין אינגל, אפשר ניין יאָר אַלט, שטייט און שלעפּט אַ הינטעלע ביים האַלז־קייטעלע צום ענד פונם באַלקאָן צו, שטופּט עס דורך די שטאַכעטלעך, מיט דער כוונה אַראָפּצושליידערן עס. דאָס הינטל, האָב איך געזען, וועלכעס האָט מסתמא פאַרשטאַנען און געפילט, וואָס אַזוינס דאָס אינגל וויל דערמיט טאָן, האָט זיך געוועהרט, שטאַרק און עקשנותדיק און פאַרצווייפלט זיך געוועהרט, איינגראָבנדיק די לאַפּקעלעך אין דעם שטיינערנעם באָדן און אַנציענדיק און אַנשטייפנדיק דאָס פעלכל אַלס קעגן־כוח אויף דעם שונאס פאַרמעסט. נאָכדעם האָט עס אָנגעהויבן בייסן דעם אינגלס פינגער, וואָס דאָס האָט, קענטיק, פאַרשטאַרקט זיין צאָרן און זיין באַשלוס. דאָס הינטעלע איז געפלויגן אַראָפּ, אַראָפּ: דאָס קעפּל אַרויף, דאָס קעפּל פאַרדרייט, די דינע לאַפּקעלעך אין דער לופטן, פאָכענדיק, דריגענדיק, זוכנדיק אַן אָנהאַלט, אַ שטיץ־פּונקט, און אַריינפאַלנדיק, צום סוף, גלייך אין מיינע אויסגעשטרעקטע הענט אַריין.

אויפן באַלקאָן זענען שוין איצטער, אַ חוץ דעם אינגל, געשטאַנען: אַ פרוי, אַ הויכגעשטאַלטיקע, אַ טונקלהויטיקע, אַ מיטליאַריקע; אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן מיט אַ קוליע אונטערן אָרעם.

אַלע דריי האָבן געקוקט אויף מיר — ניין: האָבן געקוקט אַראָפּ אויף דעם געראַטעוועטן הינטל, וואָס אויף מיינע הענט, און וועלכעס האָט מיר געהאַלטן אין איין לעקן דאָס פּנים מיינס, אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט אוודאי, דערפאַר וואָס איך האָב עס אָפּגעראַטעוועט פון טויט.

די מיטליאַריקע פרוי, קענטיק זייער מוטער, האָט צו מיר אָנגעהויבן רעדן אַראָפּ און מאַכן צייכנס, איך זאָל אַרויפקומען. דאָס לשון האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער די צייכנס — יאָ. אויף שטום־לשון האָב איך געפרעגט, וואו עס איז, ס'הייסט: וועלכע טיר? דאָס מיידל מיט דער קוליע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף זיך, אַז זי גייט מיר אַנטקעגן, מיך אָפּוואַרטן ביים אַריינגאַנג.

לעבן דער טיר האָט זי, אַרויסנעמענדיק דאָס הינטל פון מיינע הענט, געזאָגט:

— פּאַסע, סעניאָר (אַריין, הער).

די מוטער:

— פּאַסע אוסטעד, סעניאָר! (קומט אַריין, הער).

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן פאַרנעמען צימער, וואָס איז געווען אַ מוזיק־סטודיאַ. עס זענען געשטאַנען צוויי גרויסע פּיאַנאָס, אויפגעעפנטע, מיט אויסגעלייגטע נאָטן. עטלעכע מוזיק־שטענדערס, מיט אויפגעוויקלטע ביכער נאָטן. אויף די ווענט זענען, אַ חוץ בילדער פון גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס, געהאַנגען פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: פידלען, טשעלאָס, מאַנדאָלינעס, אַ גיטאַר, אַ האַרף.

אַ זייער אַלטער מאַן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ ווייכן סאַמעטענעם פאָטעל, האָט זיך, ביי אונזער אַריינקום, אויפגעשטעלט און מיר אַנטקעגנגעטראָגן אַן אַדערדיקע האַנט, אַזאַ ציטערדיקע, אַז איך האָב זיך געאיילט זי אָנצוכאַפּן, מורא האָבנדיק, ער זאָל זי, חלילה, נישט פאַרלירן אויפן וועג. דערביי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט:

— סעניאָר דאָן אַלבערטאָ ערנאַנדעז, פּראָפעסאָר דע מוסיקאַ דע לאַ סיודאַד מאַנטעררעי.*)

מיין נאָמען איז געווען פּונקט אַ זעקסטל די גרויס.

איינס נאָך איינס האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט מיט גרויס ווירדע און פאָרמעלקייט:

— סעניאָראַ דאָניאַ אַלבערטאַ ערנאַנדעז — זיין פרוי.

— סעניאָריטאַ לוקרעסיאַ מאַריאַ — דאָס מיידל מיט דער קוליע, זיין אינגערע טאָכטער.

— סעניאָר טשיקאָ (קליינער הער) כואַן פּיליפּאָ ערנאַנדעז — דאָס אינגל, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס הינטל.

פון אַן אַנדער צימער איז אַריינגעקומען אַ מיידל, שטילערהייט און כמעט אומבאַמערקט. זי איז געגאַנגען אַנגעטאָן אין שוואַרצן און האָט אויסגעזען — צוליב די ווייכע, קוים־הערבאַרע טריט אירע און איינגעהאַלטענע באַוועגונגען — ווי אַ פאָטאָגראַפישער סילועט.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— סעניאָריטאַ אַנאַ עאוכעניאַ ערנאַנדעז — די עלטערע טאָכטער.

האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ דאַנק־סדרה:

---

*) הער דאָן אַלבערטאָ ערנאַנדעז, לערער פון מוזיק פון דער שטאָט מאַנטעררעי.

פריער דער אַלטער:

— גראַסיאַס, סעניאָר!

נאָכדעם די פרוי:

— מוטשאַס גראַסיאַס, סעניאָר!

די עלטערע טאָכטער:

— מוטשיסימאַס גראַסיאַס, סעניאָר!

די אינגערע:

— מואי מוטשאַס גראַסיאַס, סעניאָר!

מען דאַנקט מיר, הייסט עס, און מען דאַנקט מיר אַ סך, און אַ סאַכיטשקע, און גאַר־גאַר אַ סך, פאַר אַפּראַטעווען דאָס הינטל.

בלויז דער בעל־דבר אַליין — דאָס אינגל — האָט מיר נישט געדאַנקט. און איך האָב אים פאַרשטאַנען. ער איז געווען אַנטוישט, וואָס זיין שטראַף־עקספּעדיציע איז דורכגעפאַלן. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געשוויגן. אויף מיר האָט ער פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן, וואָס זענען געווען ווייט־ווייט פון ליבע־בליקן.

נאָכן פאַרשטעלן זיך און נאָכן באַדאַנקען, האָט מען מיך געבעטן זיצן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר קענען זיך גאַרנישט צונויפרעדן. דער איינציקער, וועלכער האָט געקענט אַביסל ענגליש, איז געווען טאַקע דאָס אינגל אַליין.

איז אויסגעקומען זייער מאָדנע. דאָס דאָזיקע אינגל האָט מיר געמוזט איבערזאָגן די ווערטער פון זיין פאָטער און די ווערטער פון זיין מוטער (וועלכע איז געווען אפשר מיט פערציק יאָר אינגער פון איר מאַן): ווערטער גאַרנישט גינסטיקע פאַר אים.

אַז אַ ברעקל פאַרלעגנהייט, אָדער בושה, האָט ער מיך — אין די עלטערנס נאָמען — דערציילט וועגן זיך, אַז ער איז אַ רעטעניש פון אַ קינד. ער האָט זייער אַ גוטן, כמעט גאוניש קאָפּ אויף זיך. לערנט זיך גוט און שנעל און פליייסיק. אַזוי שפּאַניש, אַזוי ענגליש, אַזוי מוזיק. נאָר איין זאַך קאָנען זיי נישט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז: ער האָט אַ נייגונג צו פּייניקן יענעם, ספּעציעל חיות, און נאָכן פּייניקן — הרגענען. ער האָט שוין עטלעכע הינט אָוועקגעפּטרט, עטלעכע קעצעלער. ער הרגעט אויך

פייגל, טויבן, פיש. מען קאן צוליב אים קיין לעבעדיקע זאך אין הויז נישט אריינגעמען.

איך האב געקוקט אויף דעם נפשל, וואס איז אינגאנצן אפשר אכט אדער ניין יאר אלט, ווי געלאסן און אין אזא מין רואיקן, גלייכגילטיקן טאן ער האט מיר איבערגעגעבן די אומנאטירלעכע אייגנשאפטן זיינע. ער האט זיך צומאל קיין רויטל נישט געגעבן. איך האב נישט געקאנט זען דעם גלאנץ פון זיינע אויגן, בשעת בעשה, ווייל ער האט געהאט א טבע צו קוקן אוועק, גלייך ער וואלט נישט גערעדט צו איינעם א מענטשן, נאר צו א סך, א סך מענטשן. און גערעדט האט ער קלאר און אין א גאנץ גוטן ענגליש, און ס'האט אויסגעזען, ווי ער וואלט גאר די גאנצע מעשה דערציילט נישט וועגן זיך, נאר וועגן אן אנדערן, וועגן אזא איינעם, וואס איז אים פערזענלעך גאנץ ווייטלעך, וועלכער גייט אים גארנישט אן.

ווען איך האב אים, צום סוף, געפרעגט, פארוואס ער טוט דאס אלץ, האט ער מיר געענטפערט, אז עס פארשאפט אים פארגעניגן צו זען ווי יענע מאטערן זיך, צאפלען זיך אין יסורים, ווי זיי גייען, סוף כל סוף, אויס פאר זיינע אויגן. און ווען איך האב אים נאכאמאל געפרעגט, פארוואס עפעס בלויז חיות, שטומע באשעפענישן, וואס קאנען זיך נישט ווערן, האט ער מיר זייער ערלעך און אויפריכטיק געענטפערט, אז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער אפשר דאסזעלבע טאן מיט מענטשן. דערווייל איז ער צו קליין.

מיך האט דאס קינד פאראינטערעסירט. איך האב דורך אים אויסגעדריקט א פארלאנג צו זיינע עלטערן זיך מיט זיי דורכצורעדן וועגן אים. זיי האבן גערן זיך אנגעכאפט אן מיין פארשלאג און מיך געפרעגט, צי איך וואלט געקאנט צוקומען פארנאכט, וועט ביי זיי זיין זייערער א פריינט, וועלכער רעדט גוט ענגליש: ער איז אמאל געווען א וויצע־קאנסול אין א פראווינציעלער שטאט אין די פאריייניקטע שטאטן.

*　*　*

דער געוועזענער וויצע־קאנסול איז געווען נאך א יונגער מענטש, זייער א העפלעכער און סימפאטישער, מיט שיינע מאניערן, גערעדט געלאסן און אפגעהיט, גענוצט דעם שענסטן, ראפינירטסטן ענגליש.

נאך א קורצן שמועס, וואס איז געווען אן אויסטויש פון מיינונגען

וועגן אַמעריקע און מעקסיקע, איז וועלכן מיר האָבן זיך קעגנזייטיק קאָמפּלימענטירט מיט אונזערע לענדער און מנהגים, זענען מיר אַרויף אויף דער טעמע וועגן דעם אינגל.

איך האָב אויסגעדריקט מיין מיינונג, וואָס האָט זיך ביי מיר געשאַפן לויט דעם געשפּרעך מיט דעם אינגל, אַז ער האָט אַ נייגונג צו סאַדיזם, און נישט געקוקט אויף זיינע גוטע פעאיקייטן, וואָס ער ווייזט אַרויס ביים לערנען, איז עפּעס מיט אים געשען, אָדער עפּעס קומט נאָך מיט אים פאָר, וואָס שטויסט אים אויף אַ שלעכטן, שעדלעכן וועג פון אומנאָרמאַלקייט. צי ווייסן נישט די עלטערן די אורזאַכן דערפון? צי גיט מען אים אַן אויפמערקזאַמע דערציאונג?

ער האָט דאָס פאַר זיי איבערגעזאָגט אויף שפּאַניש און זיי האָבן אַ לענגערע צייט צווישן זיך גערעדט. דאָס אינגל האָבן זיי אַרויסגעשיקט פון צימער. דער אינגערער טאָכטער דאָס מיידל מיט דער קוליע — אויך. בלויז די עלטערע איז געווען, די, וואָס אין שוואַרצן געקליידט, און וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאָטאָגראַפישער סילועט. זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, צי אויס גוטער דערציאונג און רעספּעקט צו עלטערע, צי האָט זי טאַקע נישט געהאַט וואָס צו זאָגן... פון צייט צו צייט האָב איך זיך געגעבן אַ טרעף־אָן מיט אירע בליקן און דערפילט, ווי מען וואָלט מיר אַ שאַרפן שניט געטאָן איבער די ריפּן. זי האָט אויך גיך אַוועקגעכאַפּט אירע אויגן —, און מיינע ריפּן האָבן זיך אויך גיך פאַרהיילט... זי איז נישט געווען קיין שיינע, נאָר עפּעס מער ווי דאָס. עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס זענען אַזוי פיל מער וויפיל זיי ווייזן אויס צו זיין. זאַכן, דאַכט זיך, אַזוינע פּשוטע, אַזוינע אויבנאויפיקע — און לאָזן זיך אַזוי שווער דערקלערן פאַרוואָס זיי געפעלן, ציען־צו דאָס אויג, שמידן־צו דאָס אויער, צינדן־אָן דאָס האַרץ, ברויזן־אָן די געפילן...

סעניאָריטאַ אַנאַ עאוכעניאַ ערנאַנדעז איז, אויפן קוק, אַזאַ איינפאַכע, אַזאַ געוויינלעכע. אַ מיידל אַ טונקעלע, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן און שוואַרצע קליידער. פאַר די עטלעכע שעה, וואָס איך געפין זיך אין שטאָט, האָב איך שוין, דאַכט זיך מיר, געזען צענטליקע אַזעלכע. און פון קיין איינער פון זיי האָבן מיר די ריפּן נישט געשניטן, ווען זיי

האָבן אויף מיר געקוקט. וואָס־זשע אַזוינס איז פאַראַן אין איר? איך ווייס נישט. ניין, צו אַל־די־רוחות, איך ווייס נישט...

דער וויצע־קאָנסול האָט פון איר, ווייזט אויס, אויך נישט קיין באַרוטע מינוטן. ווען ער קוקט אויף מיר, איז זיין קול זיכערער, פעסטער, גאַטירלעכער, ווי ווען ער כאַפּט אַ קוק אויף איר. דאַמאָלס בייט זיך זיין קול איבער מאַמענטאַל. עס ווערט עפּעס שוואַכער, ציטערדיקער, נערוועזער. ער הייבט אָן עטוואָס אונטערצושטאַמלען, פּלאָנטערן מיט דער צונג.

און זי — ניין, אויף איר איז גאָרנישט צו דערקענען, צי ווייסט זי עפּעס, צי פאַרשטייט זי, צי פילט זי, וואָס מען טראַכט וועגן איר, וואָס פאַר אַ געפילן זי רופט אַרויס. ניין, אויף איר איז גאָרנישט צו דערקענען. זי איז שטיל און פאַרבאָרגן ווי אַ שאָטן; שטום און אומפאַרשטענדלעך ווי אַ מיסטעריע.

דער וויצע־קאָנסול האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די עלטערן פון דעם אינגל ווייסן נישט פון קיין איין דירעקטן און באַשטימטן פאַל, וואָס זאָל האָבן רואינירט דעם קינדס וועזן. סיידן — האַלט די מוטער — פון אַ פאַל. ער איז איינמאָל געפאַלן און האָט זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, אין סאַמע מיטן קאָפּ. דער פאָטער איז געניגט צו גלייבן, אַז דאָס קומט גאָר פון אַ ביס פון אַ הונט, וועלכן דער קליינער האָט געוואָלט אָפּ־פאַרטיקן. ראַנגלענדיק זיך מיט אים, האָט דער הונט אים אַ ביס געטאָן אין פוס, פון וואָס ער איז שיר פון זינען נישט אַרונטער. עטלעכע טעג איז ער דאַמאָלס אָפּגעלעגן אין בעט.

בשעת דער אַלטער האָט גערעדט, איז מיר דורכגעלאָפן אין געדאַנק, אַז עס קאָן זיין, אַז אַט די אַלע זאַכן האָבן טאַקע אַ שייכות צום אינגלס אומנאָרמאַלע נייגונגען, נאָר די שטאַרקסטע שייכות אויפן קינדס מוחל האָבן אפשר דעם אַלטנס יאָרן... ווייל איצטער מוז ער שוין אַלט זיין אַ יאָר אַכציק. דאָס אינגל איז אַרום ניין יאָר. אויב דאָס קינד איז טאַקע זיינס, דעם אַלטנס, איז׳ס אַ געראָטן קינד — מיט אַלע פעלערן.

נאָכדעם האָבן זיי מיך געפרעגט, וואָס מיין ציל איז אין מעקסיקע. איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך האָב דאָ קיין שום ציל נישט און אַז געטריבן אַהער האָט מיך בלויז מיין וואַנדערלוסט. און אַז איצטער בין איך

גאַר אויף צרות, איך האָב נישט קיין געלט און אפילו דאָס אַנטוועכץ מײַנס האָב איך נישט מיט זיך, עס איז געבליבן אויף יענער זײַט גרענעץ.

ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, האָט מײַן אויפריכטיקער טאָן זיי אימפּאָנירט. נאָך אַ קלײנער ווײַלע רעדן צווישן זיך, האָט מען מיך געפרעגט, צי וואָלט איך נישט וועלן ווערן דער ענגלישער לערער פון דעם אינגל זייערן און אויך פון דער אינגערער טאָכטער (דאָ האָט מײַן האַרץ שטאַרק געקלאַפּט: אפשר וועלן זיי מיר פאָרשלאָגן דער עלטערער טאָכטער אויך אַלס שילערין. אָבער מײַן האַרץ האָט אומזיסט געקלאַפּט. זיי האָבן נישט פאַרשלאָגן...). וועגן באַדינגונגען, גלייבן זיי, וועט מען דורכקומען.

אוודאי איז מיר דער פאַרשלאָג געווען זייער און זייער אָנגעלייגט. אין דער דאָזיקער לאַגע מײַנער, איז דאָס פאַר מיר אַן אויסערגעוויינלעך גליק. אָבער איך ווייז נישט אַרויס מײַן פרייד. עס קאָן נאָך שאַטן צו דער רעפּוטאַציע. זאָלן זיי מיינען, די העפלעכע מעקסיקאַנער, אַז איך טו זיי אַ טובה. און פאַרשטעלן זיך, קאָן איך גאַרנישט שלעכט. נישט אומזיסט קום איך פון אַזאַ מין ציוויליזירט לאַנד, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

איך זאָג זיי, אַז דער פאַרשלאָג געפעלט מיר זייער, און איך וואָלט אים גערן אָנגענומען, נאָר זיי מוזן פאַרשטיין אַזאַ מענטש ווי איך. איך האָב נאָך נישט דערגרייכט מײַן ציל. איך האָב נאָך נישט פאַרפולקומט מײַן אַוואַנטיורע. איך האָב נאָך גאַרנישט געזען אין מעקסיקע. איך וויל זיך לאָזן ווייטער, טיפער, זען דאָס לאַנד, שטודירן...

— אָבער ווי קאָנט איר אָן געלט?

— אין דעם — ענטפער איך — באַשטייט טאַקע דער גאַנצער רייץ פון וואַנדערן. וואָס פאַר אַ קונץ איז צו פאָרן מיט געלט?

— אָבער איר קאָנט דאָך דאָ אָפּזיין אַ שטיקל צייט, זאָל זיין: אַ האַלב יאָר, און נאָכדעם פאַרזעצן דאָס וואַנדערן אונטער בעסערע באַדינגונגען — האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין.

— מען קאָן טאַקע אַזוי אויך טאָן — האָב איך אָנגעהויבן ווייכער צו ווערן, אָבער... אָבער דער היגער קלימאַט איז נישט פאַר מיר. איך בין נישט געוואוינט צו אַזעלכע גרויסע היצן.

דער וויצע־קאָנסול האָט איבערגעגעבן מײַנע טענות.

דערפון האָט זיך דער עלטער אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז

ער האט דערביי אזש ארונטערגעלאזט די ברילן, אנגעהויבן צו הוסטן און ניסן און קייכן און סמארען מיט דער נאז און צו דעם אלעם האט ער נאך פארגאסן א פאר טרערן אויך. דאס זענען נישט געווען קיין וויין־טרערן, נאר לאך־טרערן.

אויף מיר איז בשעת מעשה געווען א גאטס רחמנות. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טאן: באליידיקן זיך אויף דעם אלטן און מאכן א ברוגז פנים, האב איך, קוקנדיק אויף דעם נעבעכדיקן פארשוין, נישט גע־האט דאס הארץ; פריילאזן דאס געלעכטער, וואס האט זיך פון מיר אזוי שטארק געריסן, האב איך אויך נישט געקאנט. ציוויליזירטע מענטשן מוזן זיין העפלעך און אויסגעהאלטן אונטער אלע אומשטענדן. האב איך אנגע־נומען א קאמפראמיס־ליניע: איך בין געזעסן נייטראל און האב געדולדיק געווארט ביז דאס געלעכטער וועט פאר מיר אנטפלעקן דעם געדאנק.

דער געדאנק איז געווען אזא:

ערשטנס, איז פאר אים א נייעס, אז מענטשן זאלן מורא האבן פאר ווארימקייט. עס קומט אים פאר זייער שטארק קאמיש. און וואס מער: אז דא איז גאר אינגאנצן נישט היים. אט איז דאך א סימן: ער טראגט א וועסטל, א רעקל, אן אויבערמאנטל — און ס'איז אים קיל... צווייטנס, דער „סעניאר אמעריקאנא" וועט קאנען לערנען מיט די קינדער זיין „טאפא טשיקא". דארטן האט ער א הויז. און דארטן — האפט ער — וועט שוין דעם „סעניאר אמעריקאנא" זיין גאנץ קיל...

און ווידער דאסזעלבע פייכטע זיפיקע געלעכטער, דורך וועלכן עס זענען דורכגערונען הוסטעלעך און ניסעלעך און לאנג אויסגעצויגענע קייכעלעך.

* * *

„טאפא טשיקא" — דער קליינער בארג — איז א מין זומער־רעזארט, נישט ווייט פון שטאט, וואס איז געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן פון א גרויסער קייט בערג, גרעסערע און קלענערע, צווישן וועלכע ער אליין, „טאפא טשיקא", איז געלעגן איינגעראמט און איינגעפלאכטן און זיך געהאלטן, ווי עס האט אויסגעקוקט, בלויז אין דעם זכות און אויף דעם חסד פון די גרעסערע און שטארקערע ברידער־בערג, צו וועלכע ער איז

געלעגן צוגעטוליעט, ווי מורא האבנדיק זיך אפצורייסן פון זיי אויף א רגע, ווי מורא האבנדיק צו פארבלייבן אליין אינמיטן פעלד...

ווייל ער איז געווען דער אינגסטער און דער קלענסטער בארג. אבער יחוס האט ער פארמאגט א גאנץ נישקשהדיקן. ער האט פארמאגט מינע־ראלע וואסערן. דערפאר איז ער געווארן א זומער־רעזארט. זענען מענטשן ארויסגעקומען אהין אויף דאטשע. די פאמיליע ערנאנדעז האט דארטן געהאט איר זומער־וואוינונג.

ווען איך האב אנגענומען צו זיין דער לערער פון די צוויי קינדער, האט מען מיר דאס אלץ אנגעגעבן אין נדן, צולייגנדיק דערביי, אז די גאנצע פאמיליע וועט דארטן וואוינען אין די הייסע זומער־חדשים. יא, די „גאנצע" פאמיליע, אויסער... דעם אלטן, וועמען עס איז גאנץ קיל אין שטאט אויך, און... דער סעניאריטא אנא עאוכעניא, וועלכע מוז פארזעצן די צוגרייטונג פאר א קאנצערט, וואס זי וועט אינגיכן דארפן געבן. זי וועט בלויז ארויסקו־מען אויף די סוף־וואכן.

„כאטש גוט דאס" — אטעמט אפ מיין הארץ שטילערהייט —
„זאל כאטש זיין אויף די סוף־וואכן..."

* * *

דער באגריף פון גוט און שלעכט איז טיילמאל אזוי אומבאשטימט, ווי עס איז אומבאשטימט ביי א קראנקן דער טעם פון א מאכל; ווי עס איז אומבאשטימט ביי א בלינדן דער קאליר פון א זאך. ווייל זאכן, וואס זענען באשטימט גוט, און זאכן, וואס זענען דורכאויס שלעכט, עקזיסטירן נישט. עס איז אלעמאל: גיי וועמען עס טרעפט, ווי אזוי דער איינער ווערט באַ־גווירקט.

לויט אלע פארשטענדלעכע טעמים האט מיר דא באדארפט זיין גוט. ווייל צו עסן האב איך געהאט, און צו טרינקען אויך. און א גוט בעט צו שלאפן אויך. און לופט. און זון. וואס נאך? עס איז געווען נאך: איך האב זיך געבאדן אין מינעראלן וואסער, אבער געהיילט בין איך נישט געווארן. ניין. כאטש איך בין אויף קיין זאך קראנק נישט געווען, האב איך באדארפט האבן א גרויס היילונג — א גענעזונג קעגן א מאדנער קאפריזנער חולאת, דער חולאת פון בענקשאפט.

יא, מיין בענקשאפט איז געווען א גרויסע און א טיפע און א

ווייטיקדיקע: מעגלעך, אפשר, דערפֿאַר, ווייל מיר איז דאָ געווען צו־גוט. און אַלעמאָל אַזוי, ווען עס ווערט מיר צו־גוט, הויבט מיך אָן לאַנגווייליקן און נאָגן דאָס האַרץ נאָך עפּעס אַנדערש, נאָך עפּעס נייעס, נאָך עפּעס ערגערס...

מיינע פּליכטן זענען געווען קליינע און זיי האָבן מיך נישט שטאַרק באַלעסטיקט. דאָס אינגל איז געווען אַ גוטער שילער און פּינקטלעך נאָכגע־קומען די לעקציעס און האָט אויסגעפֿאָלגט אַלע מיינע אינסטרוקציעס. כ'האָב אים אַביסל באַאָבאַכט און באַמערקט, אַז דאָס קינד גייט מערסטנס אַרום איינער אַליין, אַ פֿאַרטראַכטער, און ער ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. איך האָב עס געזאָגט דער מוטער זיינער און זי געוואָרנט, אַז דאָס אינגל מוז זיין פֿאַרנומען און האָבן מיט וואָס זיך צו שפּילן. דאָס כסדרדיקע אַליין־זיין פֿאַר אַ קינד אין זיינע יאָרן איז זייער שעדלעך.

זי האָט זיך דערפֿון נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט עפּעס זען צו טאָן וועגן דעם — און באַלד פֿאַרגעסן. זי איז נאָך געווען גאַנץ יונג, יונג גענוג, מורא צו האָבן פֿאַר דער אָנקומענ־דיקער עלטער. מיט איר מאַן, וועלכער איז געווען אפשר מיט פֿערציק יאָר עלטער פֿון איר, האָט זי זיך מסתּמא קיינמאָל נישט אויסגעלעבט. זי האָט געמוזט מיט אים חתונה האָבן צוליב זיין פּראָפֿעסיע, צוליב זיין רייכקייט. האָט זי דעריבער אַ סך פֿון איר צייט אָפּגעגעבן מיט מאַסאַזשן פֿאַר איר פּנים, מיט פּאַרפֿיומירן איר קערפּער, מיט שמירן אירע ברעמען און מיט ברענען אירע וויעס. מען האָט זי אָפֿט געזען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מענער. מערסטנס האָט זי געהאַט אַ שוואַכקייט צו מיליטער־לייט, צו „גענעראַלן" (אין מעקסיקע זענען פֿאַראַן אָן אַ שיעור „גענעראַלן"...).

איך האָב עטלעכע מאָל געמאַכט פֿאַרזוכן אַריינצוציען דאָס אינגל אין אַ שפּיל. אָבער עס איז נישט געגאַנגען. ער האָט זיך נישט געפֿילט שטאַרק באַקוועם מיט מיר. די מעקסיקאַנישע קינדער זענען נישט אַזוי פֿריי אין דער באַנעמונג צו עלטערע פֿון זיך, ווי די אַמעריקאַנער קינדער; זיי זענען געצאַמטער, שעמעוודיקער און מער דרך־ארצדיק.

די אינגערע טאָכטער, לוקרעסיאַ מאַריאַ, האָט זיך געלערנט גאַנץ שוואַך און האָט טאַקע דערפֿאַר ווייניק פּראָגרעסירט. דאָס מיידל האָט זיך בכלל מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, אַ חוץ מיט איר קרענקלעכן טעמפּעראַ־

מענט, צו וועלכן יעדער בעל־מום איז אונטערגעווארפן, און וועלכן זי פלעגט אויסגיסן אויף דעם ברודערל אירן און אויף דער דינסט.

צופוסנס פון „טאפא טשיקא״ איז געלעגן א דאַרף, וואס האט אויך געטראגן דעם זעלבן נאמען. אהין האב איך ליב געהאט ארונטערצוגיין און באטראכטן דאס לעבן פון די מעקסיקאנישע פויערים. זיי האבן געמאכט דעם איינדרוק פון גאנץ שטילע און פרידלעכע מענטשן, וועלכע נעמען דאס לעבן גרינג און געלאסן. ארבעטן ווייניק אדער גארנישט און פארברויכן אויך עטוואס מער פון גארנישט. וואוינען אין קליינע ליימענע כאטקעלעך, אן מעבל און אן דעם מינדסטן סימן פון באקוועמלעכקייט. אויב וועלכע פון זיי האבן פרויען, ארבעטן זיי שוין פאר די מענער. בכלל זענען די מעקסיקאנישע פרויען פיל מער ארבעטזאם, ווי די מענער.

די ערשטע צייט האב איך זיך זיי געווארפן אין די אויגן מיט מיין ספארט־אנצוג, מיט די קורצע הויזן און לאנגע זאקן. פאר זיי איז אזא מין הולך געווען ניי און קאמיש. האבן זיי מיר טאקע נאכגעקוקט מיט באהאל־טענע שמייכלען און געלעכטערס אין זייערע בליקן. די קינדער זענען מיר די ערשטע צייט פשוט נאכגעלאפן און האבן געגאפט קוקנדיק אויף מיר. אבער ביסלעכווייז האבן זיי זיך צו מיר צוגעוואוינט, און איך האב געקאנט ארומ־גיין פריי, אומגעשטערט און אומבאלעסטיקט.

שיין זענען געווען די אוונטן. זיי פלעגן צופאלן אזוי פלוצלונג און אומגעריכט, אז מען האט כמעט קיין בין־השמשות נישט געפילט. און אזוי קלאר זענען זיי געווען און לויטער און דורכזיכטיק דורך דער פינסטערניש, אז איך, א פרעמדער, האב געקאנט אין זיי גיין און גיין, אויף קרומע, געדריי־טע, געשלענגלטע וועגן, און טרעפן אהיים, ווען איך האב געוואלט.

דינע געווירצטע אראמאטן האבן זיך אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער אטמאספער ארום, אריינגעטריפט אין יעדן ווינקעלע און באגלייט און ארומגענומען די שטילע, פארבענקטע ראמאנסן, וועלכע די איינוואוינער האבן אויסגעזונגען און אויסגעפליסטערט. פרימיטיווע און הארציקע געזאנ־גען זענען דאס געווען פון ליבע און לײדן און באגערן; פון טאדל און פרע־טענזיע; פון טרייסט און מוסר; פון שטראף און נקמה געפילן... האבן זיך די טענער געגאסן, געגאסן אין דער לופטן, ווי געשמאקע, געווירצטע געטראנקען,

וועלכע האבן א שיכרות אנגעווארפן, אזא באטעמטע, אזא בארוישנדיקע שיכרות...

איינמאל האב איך מיטגענומען דאס אינגל, ער זאל מיר פאר־טייטשן דעם מיין און דעם זין פון די לידער. ער האט מיך געפאלגט. איינ־קע פון זיי זענען געלאפן אזוי:

האסט מיך ליב, ביסט מיר פאלש —
איך וויים עס, איך וויים עס;
ביסט מיר נמאס, ביסט מיר טייער —
איך וויים עס, איך וויים עס...

אין דיינע הענט ליגט מיין הארץ —
איך וויים עס, איך וויים עס;
דו קושסט עס, דו שלאגסט עס —
איך וויים עס, איך וויים עס...

איך האס דיך, דו האסט מיך —
איך וויים עס, איך וויים עס;
איך ליב דיך, דו ליבסט מיך —
איך וויים עס, איך וויים עס...

אן אנדער ליד:

אין דיינע אויגן טאנצן ארום וועלף —
וועלפעלע, וועלפעלע.
אין דיין הארץ טאנצן ארום שלענג —
שלענגעלע, שלענגעלע.

אין דיינע האר טאנצן ארום לייבן —
לייבעלע, לייבעלע.
אין דיין מויל טאנצן ארום ליגנס —
ליגנערל, ליגנערל.

אין דיינע אויערן טאנצן ארום קעץ —
מיאו, מיאו.
אין דיין האלז טאנצן אחום הינט —
האו, האו.

אין דיינע הענט טאנצן ארום מלאכימלעך —
גיב זיי מיר, גיב זיי מיר.
אין דיינע פיס טאנצן ארום שדימלעך —
נעם זיי דיר, נעם זיי דיר.

טייל מאל האבן אט די שטילע געזאנגען זיך אנגעשלאגן אן די הארטע, גרילציקע טענער פון דזשעז, וועלכע האבן זיך ארייגעגאסן אין דער אידילישער אטמאספער פון ערגעץ־וואו א ראדיא. די דאזיקע שרייענדיקביליקע, אויער־פארטויבנדיקע מוזיק האט דא אנגעמאכט אזא שארפן דיסאנאנס, וואס האט זיך דורכאויס אהער נישט אריינגעפאסט: האבן טענער זיך געמישט און געראנגלט און געקוילערט זיך איינס אין דאס אנדערע אין א שטומען, פארביסענעם געפלעכט. עס האט אויסגעקוקט ווי א סימבאלישער פארמעסט צווישן דער אלטער וועלט און דער נייער.

שלעכט איז מיר געווען, ווען אנא עאוכעניא איז ארויסגעקומען. ווי א פאטאגראפישער סילועט פלעגט זי זיך געבן א באוויין, אפזיין די צוויי טעג — און פארשווינדן, פונקט אזוי שטיל, ווי זי איז געקומען.

מיט מיר האט זי נישט גערעדט, נאר געשמייכלט האט זי צו מיר יא אמאל. איז דאס געווען אזא מין ווייך, פארזיכטיק, אריסטאקראטיש שמייכעלע, אז ביז וואנען עס איז דערגאנגען צו מיר, איז פון דעם גארנישט געבליבן. עס איז געווען אזוי איידל און דעליקאט, אז עס איז זיך אויפן וועג צעגאנגען. ווען איך האב פרובירט צו פארפירן מיט איר א שמועס (אין דער ליידיקער צייט האב איך זיך אליין געלערנט שפאניש און שוין געהאט איז מיין באזיץ א היפשע צאל פון ווערטער און אויסדרוקן), האט זי מיר געענטפערט, דווקא גערן און העפלעך געענטפערט, ווי דער שטייגער איז ביי די מעקסיקאנער, בפרט ביי די גוט־דערצויגענע, אבער זי האט זיך באלד צוריקגעצויגן, אנגעבנדיק עפעס אן אורזאך.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר דער מוטער אירער. מען האָט איר געמוזט פאַרזאָגן. צוליב וועלכע מאָטיוון, האָב איך נישט געוואוסט. קען זיין, אַז זיי זענען גאָר קיין שלעכטס נישט אויסן גע־ווען. דער מנהג זייערער האָט עס פשוט געפאָדערט. אַזוי, צי אַזוי, מיר איז דערפון נישט גרינגער געוואָרן.

די נעכט זענען דאָ געווען זייער קורץ, אָבער פאַר מיר זענען זיי געווען זייער לאַנג. איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן. די קופּ איז געווען אַזוי כישופדיק, אַזוי אָנגעטרונקען מיט טראָפּישער תאווה און גלוסטונג, אַז דאָס לייב האָט געברענט און געפיבערט און געמאַנט. אַ שטענדיקער מאַטערנדי־קער אומרו האָט זיך איינגעגעסן אין די בלוטן און גערופן און געמאַניעט.

ווען איך בין אויף אַ ווײַלע אַנטשלאָפן געוואָרן, האָב איך גע־חלומט פון אַנאַ עאוכעניאַ. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז מיר געווען שלעכט אין מויל און שווער אויפן האַרץ. איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב נישט קיין שום אויסזיכטן אויף איר נאָענטקייט. כאָטש זי שלאָפט אַזוי נאָענט פון מיין צימער. אָבער זי שלאָפט נישט אַליין. זי שלאָפט מיט איר מוטער.

מיך האָט שטאַרק געוואונדערט אויף איר. ווייל איך האָב זיך גע־נוג אָנגעהערט וועגן דער ראָמאַנטישקייט פון די מעקסיקאַנישע מיידלעך. איז עס מעגלעך, אַז זי איז טאַקע אַזאַ קאַלטע און צנועהדיקע, ווי זי מאַכט דעם איינדרוק? זי איז שוין אוודאי אַלט אַ יאָר צוואַנציק־איין־און־צוואַנ־ציק. איז עס מעגלעך, אַז זי האָט נישט און וויל נישט קיין געליבטן?

איך האָב באַשלאָסן עפּעס אַרויסצוקריגן פונם אינגל. אונזערע באַ־ציאונגען זענען געווען זייער גוטע און איך האָב געוואוסט, אַז איך קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

ניין, ער האָט נישט געוואוסט פון קיין זאַך. זיין שוועסטער האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען מיט אַ מאַן אַליין, אַ חוץ מיטן פאָטער. סיידן ווען זי איז געווען אין פאַריז, אין רוים... פון יענער צייט ווייסט ער נישט.

אַהאַ, אין פאַריז, אין רוים. אַ גרויס־וועלטישע דאַמע. זייער שיין פאַרט זיך עס מיט איר באַשיידענער, צנועהדיקער האַלטונג.

— מיט וועמען איז זי דאָרטן געווען? — האָב איך געפאַרשט ביי דעם אינגל.

— מיטן פאַטער.
— ווי לאַנג צוריק?
— עטלעכע יאָר, צוויי, דריי.
אהאַ, צוויי, דריי, נישט קיין סך. אויב אַזוי, קאָן זי שוין פאַר מיר נישט באַגייסטערט ווערן, ווי פיל אַנדערע מעקסיקאַנישע מיידלעך, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין אויסלענדער נישט אַנגעזען. אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ וועלט־דאַמע!
— ווייסט, — האָבן איך זיך געקלאָגט פאַר דעם אינגל, האָבנדיק אין זינען אפשר עפּעס אויסצוגעפינען אויף אַן אומדירעקטן וועג — ווייסט... דיין שוועסטער האָט מיך נישט ליב, דיין עלטערע שוועסטער...
— אַ, ניין, סעניאָר! זי שעצט אייך!
— זי שעצט מיך? פון וואַנען ווייסטו?
— איך ווייס, סעניאָר. זי שעצט אייך זייער.
— האָט זי עס געזאָגט?
— ניין, סעניאָר. מיין שוועסטער רעדט נישט, אָבער...
— אָבער — וואָס?
— זי פרעגט מיך וועגן אייך. זי זאָגט מיר, איך זאָל אייך פאָלגן. זי זאָגט מיר...
ניין, מער האָב איך נישט געוואָלט הערן. פאַר מיר איז דאָס אויך געווען גענוג. אַנאַ עאוכעניאַ שעצט מיך. זי פרעגט זיך אַז וועגן מיר. זי... אָבער ווער דאַרף דאָס אַלץ האָבן — אַז איר אַליין! צום ווינציקסטן, וואָלט איך עס כאָטש געוואָלט הערן פון איר מויל אַליין. זי זאָל עס מיר, כאָטשבי, זאָגן מיט אירע אויגן, מיט אירע הענט, ליפּן, האַרץ. זי זאָל עס מיר, כאָטשבי, זאָגן מיט איר גאַנצן מיסטעריעזן, ראַפינירטן קערפּער.
אָבער ניין! אַנאַ עאוכעניאַ רעדט נישט. נישט מיטן מויל און נישט מיט די אויגן און נישט מיטן האַרץ. ווי אַ פאָטאָגראַפישער סילועט גיט זי זיך אַ באַווייז, גיט אַ מאַד־אַן אַ ווייטיק און אַ נאָגעניש אין מיין האַרץ, שלאָפלאָזע נעכט — און פאַרשווינדט. קומט ווידער, באַנייט און פאַרשאַרפט די בענקשאַפט און נאָגעניש, פאַרגרעסערט די שלאָפלאָזיקייט — און פאָרט ווידער אַוועק.
און איך? איך האָב גאָרנישט געקאָנט זאָגן. גאָרנישט געקאָנט טאָן.

אפּהענגיק און אפּאַטיש און טרויעריק בין איך אַרומגעגאַנגען און האָב איינגעחזרט די פּרימיטיווע פאָלק־לידער, וואָס איך האָב דאָ געהערט אין די פאַרנאַכטן. די הארציקע, אויסגעצויגענע ניגונים האָבן זיך אַזוי געפּאַסט צו מיין געמיט, האָבן זיך אַזוי איינגעבאַקן אין מיין האַרץ...

„אין דיינע הענט ליגט מיין האַרץ —
איך וויים עס, איך וויים עס;
דו קושסט עס, דו שלאָגסט עס —
איך וויים עס, איך וויים עס...״

* * *

קלאָרע, גערינצלטע טייכלעך. שמאָלע, גלאַנציקע אַזערעס. קליי־נינקע קאַקטוס ביימלעך. הויכע, שטעכיקע פּאַלמעס. פייגל. מעוועס. גרילן. ווילדע שלאַנגען. סמיקע גראָזן — און איך.

וואָס טו איך דאָ? צי בין איך נישט אַמאָל אַליין אויך אַ ווילדער געוויקס אויף דער ערדס פּנים? ווער דאַרף מיך דען האָבן? וואָס פאַרא נוצן ברענג איך אויף דער וועלט? דאָס עקזיסטירן אַליין איז דאָך אַזוי נישטיק אין ווערט. אַזוי אומבאַרעכטיקט. אַזוי לייכט. יעדער קאָן דאָס. אפילו אַ גרעזעלע. אפילו אַ ווערעמל. יעדער קאָן עס. אפילו איך...

איך שוועב אַרום אין דער וועלט. טיילמאָל מיין איך, אַז איך טו דערמיט אויף אַ סך. שוועבט דען נישט דער פויגל שנעלער און שענער פון מיר? ער גיט אַ שפּרייט־אויס זיינע פליגל — אַך, ווי שיין ער טוט דאָס! און איך? מיינע פיס — —

„אין דיינע פיס טאַנצן אַרום שרימקעך —
נעם זיי דיר, נעם זיי דיר...״

אַ שטאַרקער געררויש צווישן די גראָזן. אַ שיפּען פון אַ שלאַנג, אַ בייז און פאַרצווייפלט שיפּען. אַן אויפגערעגט קינדעריש קולכל, דאָסזעלבע, וואָס איך האָב געהערט דאָמאָלס אין גאָס„ פונם באַלקאָן אַראָפּ. אַ בייז, דראָענדיק קולכל, נישט ווייט פון מיר. איך בין אויף גיך צוגעלאָפן צו יענעם פּלאַץ און האָב געטראָפן דאָס אינגל, אַ שטאַרק צערייצטן, צעהיצטן, שטיין

מיט אַ שטעקן אין האַנט און האַקן דער שלאַנג איבערן קאָפּ, האַקן און שרייען און גוואַלטעווען. דאָס זענען געווען קולות פון דראַאונג, קולות פון פּרייד, פון זיג, פון עקסטאַז — דער עקסטאַז פון מאָרד.

און די שלאַנג האָט זיך געדרייט, געדרייט און געוויקלט און געקאָרטשעט און געשיפּעט אַזוי היים און אַזוי פאַרצווייפלט און אַזוי היקפּלאַז; די גלאַנציקע פעל האָט זיך געצויגן און געגרינצלט און געמינערט, איינשלינגענדיק זיך אַליין, שטיק נאָך שטיק, אַריינעסנדיק אין זיך איין קאַליר נאָכן אַנדערן, איין קאַליר נאָכן אַנדערן.

— כואַן! וואָס טוסטו, כואַן?

— איך הרגע שלאַנגען! איך הרגע שלאַנגען!

דאָס האָט ער אויסגעשריגן מיט גרויס באַגייסטערונג, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אין מיין זייט. איך גלייב, אַז ער האָט מיך אפילו נישט געזען און נישט געהערט. מעגלעך, אַז דיזעלבע פריידיקע אויסגעשרייען; „איך הרגע שלאַנגען!" האָט ער געשריגן פריער אויך, איידער איך בין צוגעקומען.

— פאַרוואָס האָסטו זי געהרגעט, כואַן?

— איך האָב פיינט שלאַנגען!

— הרגעסט דאָך הינט אויך...

— איך האָב פיינט הינט!

— הרגעסט דאָך קעץ אויך...

— איך האָב פיינט קעץ!

פיינט! פיינט! דאָס גאַנצע הערצעלע זיינס, וואָס קאָן אַנהאַלטן אין זיך אַזוי פיל סם! פיינט! גרינע, גליאיקע פייערלעך אין זיינע אויגן.

— אַ סאַדיסט ביסטו, כואַן! דו קליין אינגל כואַן!

* * *

איך האָב זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצורופן אַנאַ עאוכעניאַן אויף צו טרעפן זיך. איך מוז מיט איר זיין אַליין און רעדן צו איר און איר דערציילן וועגן מיין גרויס בענקשאַפט. איך וועל איר זאָגן, אַז איר פאַרבאָרגנקייט מאַניעט מיך, אַז איר מיסטישער אויסזען און אירע האַנדלונגען רייצן מיך. איך וועל איר זאָגן, אַז איך בין דאָ אַליין און זי וועט מיך פאַרשטיין. קען זיין, אַז זי וועט מיך פאַרשטיין.

און אַז מיר וועלן אויספּעלן ווערטער, וועל איך צו איר רעדן מיט די אויגן. מעגלעך, אַז איך וועל צו איר רעדן מיטן האַרץ...

אָבער ווי אַזוי זאָל איך דאָס מאַכן? מיט איר פּערזענלעך האָב איך די לעצטע צייט נישט קיין געלעגנהייט אַרויסצורעדן קיין צוויי ווערטער. דורך דעם ברודערל אירן טויג אויך נישט. עס איז צו־ריזיקאַליש. סוף־כל־סוף, איז ער דאָך אַ דיסציפּלינירט אינגל. ער קאָן דערציילן דער מוטער. סיידן דורך דעם דינסטמיידל.

אַ גוטער פּלאַן. איך וועל אָנשרייבן אַ צעטעלע, זייער אַ פּאָרזיכטיקס און זייער אַ דיפּלאָמאַטישס, אַזאַ אַז ווען אפילו עס זאָל אַריינפאַלן צו דער מוטער אין די הענט, זאָל עס אויך נישט אַרויסרופן קיין גרויסן חשד.

איך וועל איר שרייבן, אַז איך וויל מיט איר רעדן פון מוזיק. איך וועל זיך באַמיען צו מאַכן עס קורץ און קלוג. די הויפּט־זאַך, אָבער: צי קען איך זיך פאַרלאָזן אויף דער דינסטמויד?

איך גלייב, אַז יאָ. ווייל אָט דאָס דאָזיקע מיידל איז צו מיר גאָר נישט גלייכגילטיק. ווען זי דערלאַנגט מיר דאָס עסן, קוקט זי אויף מיר אַזוי, אַז מיר דאַכט זיך, אַז אין אירע אויגן ליגן גאַנצן ימען מיט געבעט און באַוואונדערונג. וואָס אַזוינס זי בעט ביי מיר, ווייס איך נישט. און וואָס אַזוינס זי באַוואונדערט אין מיר, ווייס איך אוודאי נישט.

די ערשטע צייט, ווען איך בין נישט געווען געניט אין די מאכלים זייערע און האָב מיר בלויז געהייסן געבן אַזוינע זאַכן, צו וועלכע איך בין געווען צוגעוואוינט פון פריער, ווי: אייער, טאָמאַטן, סאַלאַד, עוף, קאַרטאָפל, מילך א. א. וו., האָט זי געהאַט אויף מיר גרויס מיטלייד. צי דערפאַר, וואָס איך האָב זיך געמוטשעט אויסצורעדן די ווערטער אויף שפּאַניש, צי דערפאַר, וואָס איך בין אַזאַ מין געשטראָפטער מענטש און ווייס נישט דעם אמתן טעם פון זייערע נאַציאָנאַלע עסנס. פלעגט זי דעריבער צו יעדער באַשטעלטער פּאָרציע מיטברענגען עפּעס אַ נייעס, אַ צולאָג פון אַ מאכל, וואָס איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי מען עסט עס. און מיט די שוואַרצע פייכטע, גלאַנציקע אויגן פלעגט זי מיר בשעת מעשה בעטן איך צורעדן צו עסן; אַז עס איז גוט און געשמאַק, סעניאָר...

דאָס איז געווען געטריישאַפט פון איר זייט. און מיר איז עס

געפעלן. און אויס דאַנקבאַרקייט צו איר, האָב איך אַמאָל, ווען קיינער האָט נישט געזען, זי אַנגענומען ביי דער האַנט, אַ הייסער, פלאַטערנדיקער האַנט. זי האָט שוין געמוזט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן.

ווען מיר פלעגט אויסקומען צו עסן אַליין, מחמת דעם, וואָס איך האָב זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט, פלעג איך באַמערקן אַזאַ סצענע: נאָכדעם, ווי זי האָט מיר דערלאַנגט דאָס עסן, פלעגט זי זיך אַוועקשטעלן ערגעץ אין אַ ווינקל, פאַרבאָרגן צווישן ביימער (איך האָב מערסטנס געגעסן אין גאָרטן), פאַרשטעלט פון צווייגן — און קוקן אויף מיר. קוקן אַזוי נייגעריק און אָנגעשטרענגט, אַז איך פלעג בשעת מעשה פילן, ווי דאָס פּנים מיינס ווערט פּשוט אָפּגעבריט פון אירע הייסע פאַרגנבעטע בליקן.

אין אָנפאַנג האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס דאָס מיידל האָט צו מיר געפילט: באַוואונדערונג צו איינעם, וואָס איז פאַר איר ניי? גלאַט קוריאָזיטעט, צי עפּעס אַנדערש? צי עפּעס מער? אפשר האָט מיין יונגער אויסזען גערייצט איר יונגע מיידלשע פאַנטאַזיע? איך האָב נישט געוואוסט. געוואוסט און געפילט האָב איך אָבער יאָ עפּעס: אַז דאָס דאָזיקע יונגע פּרימיטיוו־אויסזעענדיקע מיידל וועט פאַר מיר טאָן זאַכן, לייכטע, צי שווערע — זי וועט פאַר מיר טאָן אַ סך זאַכן!

און ווען איך האָב איר דערלאַנגט אַ צעטעלע אויף איבערצוגעבן דער סעניאָריטאַ אַנאַ עאוכעניאַ, און איר דערביי אויף מיין לשון געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיינער, אַבסאָלוט קיינער, אַ חוץ איר, טאָר דערפון נישט וויסן, האָט זי זיך שטאַרק־שטאַרק אַ נויג געטאָן, אַזאַ אונטערטעניקן, געהאַרכזאַמען פאַרנויג, און געזאָגט:

— סי, סעניאָר!... סי־סי!...

* * *

ראַפּטום, ווי אַלעמאָל, האָט דער אָוונט געגעבן אַ פאַל־צו. אַ וואונדערלעך־שיינער אָוונט מיט אַ האַלבער לבנה. איך בין אַרומגעגאַנגען אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואו איך האָב אַרויסגערופן אַנאַ עאוכעניאַן אויף צו טרעפן זיך. איך בין געווען נערוועז און געשפּאַנט. איך בין געווען זיכער, אַז אַנאַ עאוכעניאַ וועט קומען. כאָטש דערפאַר אַליין, וואָס זי איז אַזאַ העפלעכע, אַזאַ ראַפינירטע. וועט זי מיך דען וועלן פאַרשעמען? און אַנאַ עאוכעניאַ שעצט דאָך מיך. „זי שעצט אייך זייער, סעניאָר"...

און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט קומען און איך וועל זי נישט באַמערקן? מיט אַט די אַלע נאַכטיקע שאָטנס, וואָס אַרום, וועט זי, וואָס זעט אַליין אויס ווי אַ פאָטאָגראַפישער סילועט, זיך געבן אַ מיש־אויס, זיך געבן אַ שמעלץ־צונויפמען... און איך וועל וואַרטן אויף איר, וואַרטן. ווי לאַנג וועל איך אַזוי וואַרטן?

פון ערגעץ אַ ראַדיאָ־סטאַנציע זענען געגעבן אַ לויף־אַן אַ מחנה רזשעז־טענער און האָבן זיך געגעבן אַ צעטאַנץ אין אַ ווירבלדיקן קאַראַהאַר. די שטילע, אויסגעצויגענע, ראָמאַנטישע מאָטיוון פון די דאָרף־איינוואוינער זענען, פאַרשעמטע און צעשלאָגענע, דערטרונקען געוואָרן אין דעם געפּילדערטן ווירוואַר. דער סימבאָלישער פאַרמעסט צווישן דער אַלטער וועלט און דער נייער האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון דער צייט.

עמיצער האָט מיך אָנגערירט ביי דער האַנט. עס איז געווען דאָס דינסטמיידל. זי האָט אויף מיר אַ בליאַסק געטאָן מיט אירע אויגן און מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע, אַן ענטפער פון עאוכעניאַן. איך האָב צעוויקלט. אַ שטיק לבנה־שיין איז אויף דעם געגעבן אַ גיי־אַרויף. איבערגעלייענט. איין וואָרט:

„אימפּאָסיבלע” (אוממעגלעך). אונטערגעשריבן איז געווען דער פולער נאָמען.

איך בין געבליבן שטיין אַן אַנטוישטער, אַ צעקנייטשטער. אויף דעם האָב איך זיך, פונדעסטוועגן, נישט גערעכט. איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז איך ווער דאָ אינגאַנצן אַן איבעריקער. דאָס דינסטמיידל איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף מיר מיט גרוים רחמנות. אירע גרויסע, שוואַרצע, פייכטע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיל מיטגעפיל און וואַרימקייט, אַז דאַרטן, אינעווייניק אין מיר, האָט זיך אויך עפּעס גענומען שמעלצן און וואַרימען. איך בין צוגעגאַנגען צו איר, גענומען איר האַנט, און זי צוגעצויגן צו זיך:

— סעניאָר!...

זייער אַ פאַרשטיקט קול. זייער אַ הייסער, צאַפּלדיקער, נאָכגיביקער קערפּער, אַ ברייענדיקער, אָפּשרפּענדיקער אָטעם.

— אַ, סעניאָר!... מואי סעניאָר מיאַ!...

צווייטער אָפּטייל:

אַלערליי

צוויי יונגען

טאַם און דזשאָו האָבן פאַרענדיקט דאָס זאָגן. דזשאָו האָט מיט כוונה צוזאַמענגענומען דאָס תהילימל, עס צוגעטראָגן צו טאַמס ליפּן און געזאָגט:

— נאַ, טו אַ קוש...

טאַם האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין פּנים איז געווען רויט און פאַרשוויצט. ער האָט אַוועקגעבלאָזן די ביטערע היץ, וואָס איז אים באַפאַלן, אַ שאַר געטאָן די שטול מיטן פוס, איינגעצויגן דעם פּאַסיק פון די הויזן אויף עטלעכע לעכלעך שטייפער און געענטפערט:

— כ'האָב דיך אַטאַ־דאַ־אַ... — אַ פּעטשל געטאָן זיך אין הינטער־חלק — שפּילסט אַ פאַלשע קאָרט...

אָפּגעזאָגט, אָן כעס, אַז אַ סימן פון פאַרדראָס, איז ער אַוועק פונם טישל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים שפּיגל באַטראַכטן די פרישטשעס אויפן פּנים.

ניין, טאָם האָט זיך נישט גענומען צום האַרץ, וואָס ער האָט אַראָפּגעלאָזט עטלעכע דאָלאַר צו דזשאָוען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז יענער האָט אַ טבע צו מאַכן קונצן מיט די קאָרטן. אַ דאגה האָט ער. אין אַלגעמיין איז טאָם געווען אַ יונג, ביי וועלכן דער זאָרג־אַפּאַראַט האָט עפּעס נישט געאַרבעט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. ווייל דער קאָפּ זיינער, גרויס און גראָב ווי ער איז געווען, האָט נישט געהאַט קיין אָרט פאַר אַזוינע נאַרישע זאַכן. סיידן אין אַז אויסנאָם־פאַל, אין אַ גרויסן נויטפאַל, ווי איצטער, פלעגט אַ קוים־קוים טונקל שאָטנדל פאַרבלאָנדזשעט ווערן, אריינכאַפּן

זיך דורך אַ דין הינטער־טירעלע פון זיין גרויסן קאָפּ און נעמען עטוואָס, אָבער טאַקע קוים־קוים, אַז עגבער טאָן — און אויפהערן, גלייך אויפהערן.

דזשאָו, וועלכער איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אים — און מיט אַנדערהאַלבן קעפּ קליגער, — האָט געמאַכט אַ ברוגזע מינע, גלייך טאָם וואָלט קעגן אים באַגאַנגען די גרעסטע עוולה.

— ווער, איך? — ער גלייבט זיך עס יאָ און ער גלייבט זיך עס נישט — זאָל איך שטאַרבן אַ טויטער! איכל טאָן אַזאַ זאַך אַ גוטן ברו־דער? ס'אימאַ גלאַט געגאַנגען אַ קאָרט. כ'האָב היינט געזאָגט קדיש נאָך מיין מאַמען: מיט אַזאַ האַרץ, מיט אַזאַ ברען...

ביים וואָרט „גוטער ברודער" האָט טאָם זיך צעשמייכלט. ביידע ליפּן האָבן זיך ביי אים געגעבן אַ דריק צוזאַמען און אַ ברייטער־אויס. און געטראַכט האָט ער דערביי, אַז טאָמער גיט דער דזשאָו אַ מאַך־צו אַן אויג, וועט ער, טאָם, דאַרפן נאָך אים זיצן שבעה. ווייל ווער זיצט עס נישט קיין שבעה נאָך אַ גוטן ברודער?...

ער האָט זיך דערמאָנט זיין פריינטס לעצטע ווערטער וועגן קדיש זאָגן נאָך דער מאַמען.

— אַ, נאָך דער אַלטער פעל פון דער פראַנטשישקאַנער, מיינ־סטו?...

טאָם האָט עס אַרויסגעזאָגט גלאַט אַזוי זיך, גאָרנישט מיינענדיק. בלויז כדי עפּעס צו זאָגן. ער האָט געהאַלטן אַ פרישטשיקל פון זיין פּנים צווישן צוויי פינגער און עס געצערטלט מיט אַ דריטן.

— גערענקסט, — האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערמאָנען דעם פריינט זיינעם, — זי פלעגט בלויז וועלן נעמען דייטשע מאַרקן...

איצטער איז שוין דזשאָו אויף אַן אמתן בייז געוואָרן.

— טאַנכעלע, זאָלסט האַלטן צוגעמאַכט דעם שמעטניק! איך וואָרן דיך... אַ טויטן לאָז צורו. טויטע זענען הייליק. וואָס אמת איז אמת: מיין מאַמע, אונז צו לענגערע יאָר, אַז זי האָט געלעבט, האָט זי צוביסלעך... ווייסט דאָך: האָט זי זיך צוביסלעך... סעי, ס'מאַ געהרגעט ווערן, אַז ס'מאַך נאָכאַמאָל דערמאָנען... סט'איינגעמען אַ מיתה ביינאַכט... זאָל איך אַזוי דערלעבן ביז מאָרגן, טאַנכעלע, ווי זי וועט דיך קומען ווערגן...

טאָם איז געשטאַנען און אַ גרויסע גדולה האָט אים אַרומגעכאַפּט.

וואָס ער האָט געזען זיין פריינט אַזוי אין כעס. ער איז אים, חלילה, נישט געווען קיין שונא, דעם פריינט זיינעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי געפרייט, ניין. ס'איז געווען גלאַט אַזוי זיך אַ הנאה. יענער האָט זיך תמיד פאַר אַ גאַנצן חכם, און דאָ האָט ער מיט איין וואָרט, קען מען זאָגן...

עפּעס האָט זיך עס גענומען גליטשן ביי טאַמען אין האַרץ. אַזאַ מין גרינגע זאַך האָט גענומען אַרומשפּרינגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן, אַרומטאַנצן הין און צוריק. און נאָכאַמאָל אַזוי. דערנאָך האָט זיך אַ גע־לעכטער גענומען רייסן פונם האַלדז אַרויס, נאָכדעם פונם מויל.

זי וועט אים קומען ווערגן...

דאָ, אינם שפּיגל, האָט ער געזען שטיין אַ יונג, גרויס און גראָב — ווי אַ באַיבאַק, מיט אַ פּאָר פּלייצעס, מיט אַ פּאָר ידים. ער האָט זיך אַ באַטאַפּ געטאָן דעם האַלדז, איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געטראַכט — און האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען פון געלעכטער. דאָס פּנים איז ביי אים גע־וואָרן נאָך רויטער ווי געווײַנטלעך, די אויגן זענען געוואָרן קליין, זענען אײַנגאַנצן פאַרדעקט געוואָרן פון די אונטערשטע און אייבערשטע דעקלעך. אויפן שטערן האָבן זיך ביי אים אָוועקגעשטעלט צוויי אָדערן.

אַזוי שטאַרק איז אים געפעלן דער וויץ. זי, די אַלטע, צעפּוילטע שקאַפּע, ווי ער האָט זי געזען אין געדאַנק, מיט אירע קליינע, דאַרע הענט־לעך, מיט אירע... הע, הע, מיט אירע... וועט אים, טאַנכעלען, מיט אַזאַ האַלדז, מיט אַזוינע צוויי ידים, כאַ־כאַ־כאַ...

טאָם איז געווען אַ שווערער אויפן לשון. פּונקט ווי ער איז געווען שווער אויפן קאָפּ. פּונקט ווי ער איז געווען שווער אויף די פיס. דער־פאַר איז ער געווען גרינג אויפן לאַכן. אַלעמאָל, ווען ער האָט געהאַט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך צו זאָגן און נישט געקאָנט — די צונג איז אים געווען אין וועג — האָט ער אָנגעהויבן לאַכן. מיט דעם האָט ער שוין דערזאָגט וואָס מיטן מויל איז אים געווען שווער. אָט פּונקט ווי איצטער, אַ שטיי־גער, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַזוי נייטיק צו זאָגן דזשאַוועז, אַז ער זאָל, למען השם, זאָגן דער אַלטער זיינער, אַז זי זאָל נישט נעמען קיין „טשענס"*) מיט אים, טאַנכעלען, פאַר איר אייגענער טובה וועגן.

---

*) נישט ריזיקירן.

דזשאָו האָט אים געקענט. ער האָט אים פאַרשטאַנען אויפן וואונק. ער האָט געוואוסט, אַז טאַם איז געזונט ווי אַן אָקס. און כאָטש ער איז טאַקע אַ גוטער יונג, איז מען פונדעסטוועגן זיכערער, אַז מען ברענגט אים נישט אין כעס אַריין. ער האָט דען נישט געוואוסט, אָט־דער דזשאָו, זיין אייגענע שוואַכקייט: דאָס מאַכן מיט די פינגערלעך ביי די קאָרטן? ער האָט עס געוואוסט. ער וואָלט עס נישט גערן געטאָן. בפרט נאָך אַן אייגענעם חבר. אַ וויסטע געוואוינהייט אַזאַ. אים איז נישט געגאַנגען אין די עטלעכע דאָלאַר. זאָל ער קרענקען. אים האָט נישט געפעלט קיין געלט. ער און טאַם האָבן געהאַט צוויי היפשע באַנק־ביכלעך, פעטע אַזוינע, ווי די שפּענצערס, וואָס זיי האָבן געטראָגן ביי דער אַרבעט אין בוטשער־שאַפּ.1) יאָ, זיי זענען געווען בוטשערס.2) ער האָט זיך נישט געשעמט. אין אַמעריקע איז עס נישט קיין בושה. אין דער היים, אין וואַרשע, וואָלט ער זיך געשעמט צו זיין אַ קצב. אין דער היים וואָלט ער זיך אין אַלגעמיין געשעמט צו אַרבעטן. ער האָט טאַקע נישט געאַרבעט אויך. זאָל ער אַזוי דערלעבן ביז מאָרגן. זיי האָבן ביידע, ער און טאַם, באַלאַנגט צו אַ חברה „קאָמפּענאַטאָרס" אָדער געלט־אויפמאַנער ביי יאָלדן, וועלכע זענען געגאַנגען מיט „זייערע" מיידלעך. ער, דזשאָו, האָט זיך נישט געשלאָגן. טאָמען, וועלכער האָט דאָרטן געהייסן טאַנכעלע דער פּושידופּניק — אים האָט מען געשיקט. נאָך אַזעלכע. אָבער ער — ניין, אים האָט נישט געפּאַסט.

אָבער דאָ, אין אַמעריקע, קאָן מען אַזעלכע שטיקלעך נישט פּראָווען. דאָ איז אַן אַנדער מין לאַנד. ווי קומט עס צו וואַרשע, צום סמאַ־טשע געסל? ער, אויך מיר אַ מדינה, אַמעריקע...

מ'האָט זיי גערעדט שידוכים, אים און טאָמען. מ'האָט זיי גע־האַלטן אין איין רעדן שידוכים. די מיסיס פאַנצער, ביי וועלכער זיי האָבן געוואוינט, האָט „געטרייעט איר בעסט"3) צו געבן זיי מיידלעך. אָבער ס'אי דאָ אַ סך צו רעדן: אַמעריקאַנער שוויצערינס. אַז ס'אי צעלאָזט זיך אויף זיי דאָס שמירעכץ, שטינקט פון זיי אַ מייל אַ מינוט. זאָל ער אַזוי דער־

---

1) יאַטקע.
2) קצבים.
3) געטאָן דאָס בעסטע, וואָס זי האָט געקענט.

לעבן ביז מאָרגן. ווידער, קיין גרינע ווען זיי נישט נעמען. ווי פּאַסט עס פּאַר זיי צו נעמען צוויי גרינע חיות און זיי געבן צו עסן? ער איז שוין באַלד געווען אַכט יאָר אין לאַנד. טאָם אויך אַזוי. זיי האָבן שוין באַלאַנגט צו עטלעכע „סאָשעל קלאַבס“.[4] ער האָט שוין אפילו די ערשטע „פּעיפּערס“[5] אַרויסגענומען. דאָס מיינט, אַז ער איז שוין געווען אַ האַלבער אַמעריקאַנער. וועט ער גיין נעמען אַ גרינע חיה?... הם, ער וואָלט זיך געשעמט פאַר לאַנדסלייט די אויגן צו ווייזן. זאָל ער אַזוי דערלעבן ביז מאָרגן.

טאָם איז מיט אים געווען איינשטימיק. וועגן די היגע שטרויענע פּאַנעס האָט ער גאָר נישט געוואָלט הערן. פון איין בלאָז פאַלן זיי אַוועק. אַ דאגה אים. ער מוז דען חתונה האָבן? אין דער תורה שטייט, דאַכט זיך, געשריבן, אַז צו אַכצן יאָר דאַרף מען אַ ווייב. נו, האָט ער עס געמאַכט אַ קאַפּיטשקע פריער. די תורה דאַרף זיין צופרידן...

זיי האָבן זיך נישט געלאָזט דערגיין די הערצער, ער און דזשאָו. ס'איז ביי זיי שוין געווען כמעט ווי אַ מנהג: אַלע זונטיק גיין צו אַ מיידל. צוזאַמען איז געווען פריילעכער. דזשאָו פלעגט שוין דערטאַפּן די סחורה. ער אַליין, טאָם, האָט זיך נישט אויסגעטויגט דערצו. אָבער די לעצטע פּאָר וואָכן האָט דזשאָו עפּעס אָנגעהויבן צו פאַלשעווען. האָט ער נישט געוואוסט, טאָם, צי דזשאָו האָט טאַקע גאָרנישט געהאַט, צי האָט ער אים נישט געוואָלט מיטנעמען. אויף יאָסעלע פאַנדרע איז זיך אַלץ צו גלייבן.

איז ער איצטער אַזוי געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל און האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם רויטן פּנים זיינעם מיט די שוויסיקע ווינקלען און אויף די פּרישטשעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרמערן אַלע טאָג, און ער האָט געהאַט גאַנצע טענות צו דזשאָוען:

— סעי, כ'האָ' „פּימפּלס“[6] אויפן פּנים... קענסט נישט עפּעס צוזוכן?...

---

4) קלובן.

5) בירגער־פּאַפּירן.

6) פּרישטשעס.

דזשאַו איז שוין איצטער ווידער געזעסן מיט אַ מינע פון אַ זיגער. אַ גאוהדיקע מינע, מיט אַ שמייכלענדיקן חוזק. דעם פריערדיקן כעס, וואָס אויב מ׳וויל איז׳ס קיין אמתער כעס נישט געווען, נאָר אָנשטעל, טאָם זאָל מיינען, וואָס אַרט עס אים, — איז אָט דעם כלומרשטן כעס באַט ער שוין אין דער אמתן לאַנג געהאַט פאַרגעסן. ס׳אַרייט, ער האָט פאַרשטאַנען אַן עסק, אַט דאָס דזשאַועלע, דאָס דאַרע דזשאַועלע, מיט די פלינקע הענט־לעך, מיט די צוויי גנבהשע אייגעלעך, שפּיזיקע אייגעלעך אַזעלכע... ער האָט געקאָנט נעמען אָט דעם טאָמען, וואָס אין דער היים האָט מען אים גערופן טאַנבעלע דער פּזשידופּניק, און מאַכן פון אים... ס׳דאַ וואָס צו רעדן... ער האָט געקאָנט מאַכן פון אים אַ רויטן באַרשט,׳ אַ בעזים אויס־צוקערן דעם מקום. וואָס האָט ער דען נישט געקאָנט פון אים מאַכן?!...

איז ער איצטער געזעסן און האָט געשמייכלט. ס׳אַרייט, ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען. ער האָט שוין געהאַט די ריכטיקע סחורה. טאָם וועט איינגעמען אַ מיתה. אַ רויטע, אַ פעטע, פונקט וואָס דער בויאַק האָט ליב... אָבער ער האָט אים וואו די אידן האָבן גערוט. ער וועט אים אָביסעלע אַרויסציען די געדערים.

— ליסן... — אַזוי האָט טאָם אָנגעהויבן, און דזשאַו האָט אָנגעהויבן פילן, אַז אַ גרויס רחמנות נעמט אים אַרום אויף דעם רויטן יונג, דעם חבר זיינעם, מיט די צוויי געזונטע ידים, וועלכער איז אַזוי געשטאַנען פאַר אים און האָט נישט געקאָנט אַרויספּלעכטן דאָס געבעט. זאָל ער אַזוי דער־לעבן ביז מאָרגן, ווי ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרנעמען.

האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו אַנטדעקן אים דעם סוד:

— אַזוי און אַזוי. אַזוינס ווי אַזעלכעס. מאַטינעי און „אָווער־טיים״.7) דער מאַן אירער וויסט. זאָל ער קרענקען, צי ס׳אַרט אים.

טאָמען האָט באַהערשט אַזאַ גרויסע פריידי. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דזשאָום היטל פון טיש און עס אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד.

טאָם איז געגאַנגען אין גאַס און האָט געהויבן די הויזן. אים איז געווען היים, אַז די הויטן האָבן אויף אים געברענט. ער האָט געשטעלט

---

7) איבער־שטונדן.

גרויסע שפּרייזן און געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן זיין פריינט דזשאַו, ער זאָל גיין שנעלער. דאָס דזשאַוועלע האָט אָבער נישט געקאָנט נאָכקומען. האָט ער זיך געבייזערט אויף טאַמען, אים געשאָלטן, געוואָרנט, אַז אויב ער וועט רעדן אַ סך, זיין אַ קלוגער, וועט ער אים נישט נעמען אַהין, וואו אַלע לייטישע מענטשן קומען. טאָם האָט זיך דערשראָקן, געקלאַפּט דזשאַוען איבער דער פּלייצע און זיך פאַרענטפערט. ער האָט גענומען זיין פריינט אונטערן אָרעם און פאַרגרעסערט דעם שפּאַן.

ער האָט אים כמעט געטראָגן אין דער לופטן. ווינציק־וואָס אויפ־מערקזאַמקייט געשענקט די פאַרביילויפנדיקע אויטאָמאָבילן און שווער־באַ־לאָדענע לאַסט־וועגענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, ווען זיי האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אַ גאַס אָדער אַן עוועניו. אים איז אַ סך געלעגן אין קאָפּ זיך אויסצוהיטן. ווען דער טראַפיק פּאָליסמאַן האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו בלייבן שטיין, האָט טאָם זיך געטראַכט: „פייף אַהין, פייף אַהער. דער סוף וועט זיין, וועסט זיך אַליין אָנפייפן...‟ און ווען אים איז גע־לונגען אַדורכצעקרייצן אַ גאַס אינמיטן לויף פון די אויטאָס, האָט ער, גע־פינענדיק זיך שוין אויפן צווייטן טראָטואַר, צוגעלייגט דעם גראָבן פינ־גער צו דער נאָז, דאָס איבעריקע בינטל פינגער אַרויסגעשטעלט פאָרויס, ווי איינער רעדט: „אַהאַ, כ׳האָב אייך אָפּגעטאָן...‟ מ׳האָט געקאָנט זען, אַז אַ שטיק געזונט איז אים צוגעקומען.

דזשאַו, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער זיין אָרעם, ווי אין אַ קלאַמער, האָט שוין דערווייל אויפגעגעבן אַלע פאַרזוכן פון אָפּווערן זיך, און גרינג, ווי אַ כפרה־הינדעלע, האָט ער זיך געלאָזט טראָגן.

מיסטער כאַטעם איז געזעסן און האָט געשפּילט אין דאַמקע מיט איזעלע, זיין זון. איז אים געגאַנגען שלעכט. איזעלע האָט געהאַלטן אין איין געווינען. איין קאָן נאָכן אַנדערן. האָט ער עס גאָר נישט געקאָנט פאַר־שטיין, דער מיסטער כאַטעם, וואָס עס איז דער מער מיט זיין קאָפּ, און וואו דער חברה־מאַן זיינער האָט זיך עס אַזוי אויסגעלערנט שפּילן. האָט עס אים טאַקע, וואָס אַז אמת, אַביסעלע פאַרדראָסן נישט אַזוי פאַר־דראָסן, ווי ער האָט זיך געשעמט. דאָס ווייב זיינס איז געשטאַנען דערלעבן

און האָט אַנגעקוואָלן. זי האָט צוגעגעבן איר אינגל היץ, ער זאָל „שלאָגן" דעם טאַטן, ער זאָל אים אַלע שטיינער אָרונטערקנאַקן.

און איזעלע האָט געקנאַקט. די קליינע, דאַרע הענטלעך זענען אַרומגעלאָפן איבערן געקעסטלטן בּרעטל, האָבן זיך אַריינגעריסן אין פּאַטערס טעריטאָריע און דאָרטן אַנגעמאַכט אַ שחיטה. אַ רחמנות איז עס ביי אים געגאַנגען. ער האָט נאָך געקוקט אויף דעם פּאַטער זיינעם מיט די קליינע שוואַרצע אייגעלעך, אין וועלכע עס איז געלעגן אַ שטעכיקער חוזק, און האָט געזאָגט:

— טאַטע, ביסט אין דר'ערד מיט די ביינער!

דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט איזעלע געירשנט פון דער מאַמען. ער אַליין האָט נישט געוואוסט געגוי, וואָס עס מיינט. ער איז בכלל געווען אַ קליינער בקי אין אידיש. וואָס איז ער, אַ „מאַקי"?*) ער האָט איינמאָל, שפּילנדיק זיך מיט קינדער, אַריינגעוואָרפן עטלעכע אידישע ווערטער, אומשולדיק און צופעליק, האָבן די אינגלעך פון אים געלאַכט. גערופן אים גרינהאָרן. ער האָט זיך פאַרענטפערט, זיך פאַרטיידיקט, געשפּאַרט זיך מיט זיי, אויפגעוויזן, אַז ער איז שוין פינף יאָר אין לאַנד און אַז ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן דאָס אידיש רעדן. אָבער יענע האָבן געטענהט, אַז ער וועט נישט אַנערקענט ווערן אַלס אמתער אַמעריקאַנער ביז ער וועט נישט פאַרגעסן אַלץ. האָט ער זיך טאַקע פון דאַמאָלס אָן באַמיט, וואָס שנעלער צו פאַרגעסן דאָס „מאַקי"-לשון. און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין שלעכטן קאָפּ, איזעלע, איז'ם אים נישט אַנגעקומען זייער שווער. טאַמער פלעגט זיך שוין יאָ אַמאָל ביי אים אַרויסכאַפּן אַ אידיש וואָרט, האָט ער זעלטן געוואוסט דעם טייטש דערפון. מערסטנס איז'ם געווען אַיבערגעקייעט פון אַנדערע.

— טאַטע, ביסט אין דר'ערד מיט די ביינער!

מיסטער כאַטעסן האָט עס אַ ברי געטאָן. זיין קינד, זיין אייגן איזעלע, וויל, אַז ער, דער טאַטע, זאָל גיין אין דר'ערד מיט די ביינער. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד איז

*) חוזק־וואָרט אין אַמעריקע אויף אַ אימיגראַנט, וואָס רעדט ענגליש מיט אַ שלעכטן אַקצענט.

נישט שולדיק, נאר זי, די מאמע, די „מאטקע באסקע״. זי לערנט עס איס אועלכע זאכן. ער ווייסט, אז זי איז אים א שונא. עס פארדריסט זי, צום אלעם ערשטן, למאי ער איז א קליינער, א דארער, מיט א הוילן קאפ, אן האר, און זי איז, פארקערט, א הויכע, א געזונטע, מיט פלייש און מיט פעטס און מיט אלע אנדערע כאליערעס. זי לאכט פון אים, מאכט חוזק, פארוואס ער דערגרייכט מיט זיין קעפל פונקט צו איר אקסלען. איז ער שולדיק. זי האט צו אים טענות, פארוואס ער האט נישט קיין האר אויפן קאפ. גלייך ער וויל נישט האבן קיין האר. זי ווייסט נישט, אז ווען ער איז הויך און ווען ער האט האר אויפן קאפ, וואלט ער זי געגעבן אזא הייב־אויף ביי א פיסל און ער וואלט געזאגט:

— זאת חלפתי, זאת כפרתי...

דערגייט זי אים די יארן. זי האט זיך אפגענארט זאגט זי, אויפן גאנצן געלט. אזא באשעפענישל, ווי ער, וואס האט אזא ווייב, ווי זי, באדארף איר וואשן די פיס אלע טאג. ער באדארף זי באהאנדלען ווי א פוילישער מלכה. רעדט ער איר נאך אקעגן. נישט נאר אקעגן, ער זידלט זי פשוט פאר מענטשן אין די אויגן. „מאטקע באסקע״, רופט ער זי. „מיסים אכאשווייערעש״, און אנדערע שלעכטע נעמען. זי מיט א קראנקער מיידל ארבעטן און גיבן אים אנצעפרעסן, טויג אים נאך נישט. ווען ער איז א מאן און קען פארדינען, וואלטן זיי דאך נישט געדארפט טאן דאס, וואס זיי טוען...

דאס „קראנקע״ מיידל האט געהייסן טילי און געוואויגן האט זי סך הכל הונדערט־און־אכציק פונט.

זי איז געווען הויך און דיק און האט ליב געהאט זיסע זאכן. איר „קראנקהייט״ איז געלעגן אין די הונדערט־און אכציק פונט. א חוץ דעם, האט איר גארנישט וויי געטאן.

די מוטער האט זיך אביסל געשראקן. עס קאן שאטן צו א שידוך. האט זי בסדר מיט איר איינגעטענהט, זי זאל נישט עסן אזוי פיל זיס־ווארג.

יא, זי האט געוואלט, אז טילי זאל חתונה האבן. נישט אזוי צעליב דער טאכטערס טובה, ווי צעליב דעם מאנס רעה. ס׳וועט אוועק־פאלן א „האנט״, וועט ער מוזן גיין ארבעטן.

איזעלע האָט בייהע פיינט געהאַט — דער מאַמען מיט דער שוועס־טער. דערפאַר, ווייל זיי זענען געוועזן פעטע. איזעלע האָט נישט ליב גע־האַט קיין פעטע מענטשן. ער איז זיי געווען אַ דם־שונא. זיי נעמען־צו אַזוי פיל איבעריק פּלאַץ...

צווישן מיסטער כּאַטעסן און זיין ווייב איז שוין פון לאַנג אָנגעט־גאַנגען אַ קאַמף אַריבערצעגווינען איזעלען. מיט דער טאַכטער האָט מען געוואוסט וואו מען האַלט. זי איז געשטאַנען מיט דער מאַמען. אָבער מיט איזעלען האָט מען אַ צייט נישט געוואוסט, ביי וועמען ער וועט זיך אָפּשטעלן. ער איז דאָך נאָך געווען אַ קינד. אים איז שווער געווען אונטער־צעשיידן ווער עס איז אים געטרייער: דער פאַטער, צי די מוטער. אָבער אײנגיכן האָט ער עס אויסגעפונען. דער פאַטער — ער איז אים דער אמתער פריינט. ער האָט עס דערשנאַפּט מיט זיין דין נעזל, איזעלע.

די מאַמע פלעגט אים אַפילו נאָכגעבן אַ סך זאַכן. זי פלעגט אים געבן פענים און ניקעלס.*) זי האָט אים אָפט געקושט — ניין, זי האָט אים בלויז געוואָלט קושן. אָבער ער — אַהאַ, ער האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט נישט ליב געהאַט, אַז מ'האָט אים געקושט. וואָס איז ער? אַ קינד איז ער? אַ בעיבי? אָבער מיט איין זאַך האָט זי זיך ביי אים פאַרמיאוסט. די מוטער זיינע: זי האָט נאָר געוואָלט, ער זאָל לערנען. אין סקול, אין דער היים, נאָר לערנען. די לעצטע צייט האָט זי אים גאָר פאַרמאַטערט מיט אַ בר־מצווה דרשה. ער ווערט דרייצן יאָר אַלט, שטייט אים אַ גליק אָן. מוז ער גאַנצענע טעג זיצן און חזרן אַ „ספּיטש"*) אויף „דזשואיש"**) אַ „פּאָני"***) לשון עפּעס...

צום פאַטער האָט ער זיך טאַקע געפילט אַ סך נענטער. ער האָט אים, איזעלען, אַפילו אַ נאָמען געגעבן „אַנטיסעמיט", דערפאַר ווייל ער וויל נישט רעדן קיין אידיש, אָבער ער פלעגט מיט אים שפּילן אין דאַמקע, ווי מיט אַ גלייכן. ער האָט קיינמאָל צו אים קיין טענות נישט געהאַט, ער זאָל

---

*) איינסענטיקע און פינפסענטיקע מטבעות.

*) אַ דרשה.

**) אויף אידיש.

***) קאַמיש.

לערנען אדער הזרן דעם ספיטש. ער האט אים קיינמאל נישט געוואלט. קושן. און ער האט געקענט זאגן אזעלכע וויציקע ווערטלעך...

מיסטער כאטעם האט געוואוסט, אז ער האט אפגעהאלטן א נצחון. איזעלע איז געווען זיינער. קיין גרויס חידוש איז אים נישט געווען. איזעלע איז געווען א קלוג קינד, האט ער געוואוסט. אינגאנצן געראטן אין אים...

ס'פלעגט אים אלעמאל אנכאפן אזא געלעכטער, ווען די מיסים זיינע פלעגט אנהייבן רעדן, ער זאל גיין ארבעטן. אין אנפאנג האט ער געמיינט, אז זי מאכט זיך א קאטאוועס. אבער ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, האט זי עס געמיינט ערנסט. פרויען, ווייזט אויס, האבן די אמתע חוצפה. ער זאל גיין ארבעטן און פאשען אזוינע צוויי געגנז. זי שאצט אפנים גאר נישט אפ, וואס ער האט מיט איר חתונה און איר געשענקט דעם נאמען זיינעם — כאטעם, מיסים כאטעם. אז דאס האט נישט קיין איין געהיר אין קאפ.

די טאכטער זיינע, טילי, איז אויך א וואוילע שטוקע. ווען זי איז נאך געווען א כפרהלע פון צען יאר, איז זי שוין ארומגעלאפן מיט שקצים — און דווקא נאר מיט גרויסע. די מוטער זאגט, אז מ'האט דאס קינד אומגליקלעך געמאכט צו דרייצן יאר. אבער ער מיינט, אז זי איז שוין געווען א נאפקע ביי דער מאמען אין בויך.

א דאגה אים. ער איז סיי ווי נישט געווען זיכער, צי זי איז זיין קינד. ער האט געהאט געגוג סיבות אזוי צו גלייבן. ער האט געשוויגן, זיך געמאכט פארן נארעלע. אז ביי דער האנט האט ער זי נישט געכאפט, דער איישעם איש זיינער. נישט מער: יוזשיק, דעם סטרוזשס זון, וועלכער איז געהאט צוריקגעקומען פון די זעלנער, איז איינמאל ארויסגעשפרונגען דורכן פענסטער פון זיין וואוינונג, ווען ער, כאטעם, איז אנגעקומען. דאס אלץ. ביי דער האנט האט ער זי, וואס אן אמת, נישט געפאקט...

האט ער טאקע געהאט נישט מער ווי איין קינד. האט ער טאקע געחלומט צו זען זיין איזעלען אויסוואקסן א לייט. קלוג איז ער, וועט ער אים מאכן פאר א לאיער*) אלא, ער וויל נישט לערנען. מנע, דער

*) אדוואקאט.

גרעסטער חסרון אין אַמעריקע. וועלכער לאַיער וויל יאַ לערנען? איזעלע, מיט זיין קעפּל, מיט זיין צינגל, אַז ער וועט זיך געבן אַ נעם, וועט דאַך פּרעזידענט „קוליטש"*) אַליין קומען צו אים פרעגן עצות. הם, זיין אי־ זע... שאַ, מ'קלאַפּט, דאַכט זיך, אין טיר.

— אַנטיסעמיט, זע ווער עס איז!

— אַ! — האָט ער אויסגערופן און איבערראַשטער — זע נאָר ווער ס'איז דאָ: דער יונגערמאַן מיטן אַלטן פּנים! און ווער איז דאָס? — האָט ער אָנגעוויזן אויף טאַמען? — ער באַלאַנגט שוין אויכעט צו דער חברה משניות? ס'אַרייט, יונגערמאַן, פיל זיך היימיש. ראַבל, — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב, — וועסט מאַכן טיי מיט לימענע!

טאַם איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט די הענט זיינע. מילא, מיט די פיס, איז נאָך געווען צו דערליידן. ער האָט זיי אָוועקגעשטעלט און זיי געהייסן שטיין, האָבן זיי געמוזט פאָלגן. אָבער נישט די הענט! איבער זיי האָט ער איצט קיין שום שליטה נישט געהאַט. דער גאַנצער אומרו, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, פון זיין גאַנצן אינעווייניק אַרויס, האָט זיך אָפּגעזעצט אין די הענט. וואָס דאָס האָט זיי געמאַכט אַזוי רירעוודיק. האָבן זיי זיך דערפאַר געריסן דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס, דאָ פאַרויס — אין אַלע זייטן, אַז זיין, טאַמס, ווילן און דערלויבעניש.

מיסטער כאַטעס האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט:

— וואָס שאַקלסטו זיך אַזוי, יונגערמאַן? מיינסט דו שטייסט ביים יאַטקע־קלאָץ?

האָט טאַם נישט געוואוסט, וואָס ער באַדאַרף איצטער טאָן: באַליידיקן זיך, צי נישט. ער האָט געקוקט אויף דזשאַוען, ער זאָל אים קומען צו הילף.

דזשאַו, וועלכער האָט זיך דאָ, קענטיק, געפילט גאַנץ היימיש, האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך אָננעמען פאַר אַ חבר.

— מיסטער כאַטעס, — האָט ער אַזוי געמאַכט צום באַלעבאָס פונם הויז, — באַליידיקט נישט קיין מענטשן!

---

*) קולידזש — דאַמאַלדיקער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

— מענטשן? — האט דער מיסטער כאטעס איבערגעפרעגט א פארוואונדערטער — אהער־א וועלן קומען מענטשן? הי־הי־הי!... איישעס איש! — האט ער אריינגעשריגן צום ווייב אין צווייטן צימער — הערסט כאטש, וואס דא טוט זיך? מענטשן זענען דאך צו דיר געקומען...

און ער איז זיך אויפסניי פארגאנגען אין א געלעכטער.

האט ער נישט געלאכט ווי יעדער איינער, נאר ס'האט זיך ביי אים געגאסן. די אדערלעך האבן זיך ביי אים אנגעבלאזן, ווי קליינטשיקע רערלעך, און ס'געלעכטערל האט אנגעהויבן דורך זיי דורכרינען. האט עס דורכגעמאכט א כסדרדיקן מארש: פון אדערל צו אדערל. קיין קלאנגען האבן זיך דערביי נישט געהערט, נאר איין לאנגער אויסגעצויגענער קייך. די בעקלעך זענען ביי אים געווארן אנגערויטיקט פונם בלוט, וואס איז אים בשעת מעשה אריין אין פנים, און די אויגן זענען אים איבערגעגאנגען.

די מיסיס כאטעס האט דערווייל דארטן, אין דער צווייטער שטוב, דערשמעקט, וואס דא טוט זיך. איר מאנס חכמהלעך מיט זיין געלעכטערל זענען איר שוין געווען גוט באקאנט. האט זי פארשטאנען, אז זי באדארף זיך דא אריינמישן, פארגלעטן. האט זי אזוי איידל און פארזיכטיק, ווי נאר מעגלעך, צוריק אריינגעשריגן:

— פאס־אויף, קארל, וועסט זיך פארקייכן...

זי האט דערביי געהאט דריי כוונות. ערשטנס, האט זי געוואלט ווייזן פאר פרעמדע איר געטריישאפט צום מאן. זי האט זיך, הייסט עס, געוואלט דערמיט אויספיינען. צווייטנס, האט זי טאקע געוואלט אביסעלע פון אים חוזק מאכן אויך, גיבנדיק אים אט־די שטעכיקע ווארנונג, ער זאל זיך נישט פארקייכן, פונקט ווי מ'גיט א קינד. דריטנס — און דאס איז געווען דאס וויכטיקסטע — האט זי געוואלט אפסמען דעם איינדרוק, וואס די ווערטער זיינע מיט די חכמהלעך קאנען מאכן אויף די „געסט".

און ס'האט טאקע געהאלפן. דזשאו האט אויפגעכאפט דעם וויץ און אנגעהויבן לאכן. טאם, זעענדיק דאס, האט פארשטאנען, אז ס'ש [illegible]ט דא אוודאי עפעס א סטוטשקע. עס האט זיך אים אבער נישט געוואלט לאכן. צו הילף איז אים געקומען דער מיסטער כאטעס אליין, וועלכער, ביי ווערנדיק פון זיין ווייבס באמערקונג, האט צוריק אהין אריינגעשריגן:

— נישט דיינע פארכאזערטע ביזנעס, עגמת נפש מיינס. ס'מיצג

דיר שוין דאָרט: אַריין אַ שטרוי אין אויג...

און ווען ס'איז אים אַביסל אָפּגעגאַנגען דער כעס, האָט ער זיך אָפּגערופן צו איזעלען:

— אַנטיסעמיט, גיי רוף אַריין דיין שוועסטער!

טאַטע האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט געוואָרט. עפּעס אַזוי פיל פוילע שטיק צו פּראַווען ביז מ'קומט צום עיקר! ער איז נישט געקומען אַהער טרינקען טיי, עסן „קעיק".*) ער האָט נישט געפילט דעם מינדסטן טעם אין דעם. אַזוי פיל איבעריקע צייט אוועקצופּטרן...

דזשאָועלע, אין אַלץ איז ער שולדיק. ער פירט דאָ אָן די קאָמאַנדע. פונקט ווי אַ באַלעבאָס פילט ער זיך דאָ. ווער ווייסט ווי לאַנג ער קומט שוין אַהער אָן זיין וויסן. אַ חבר ער האָט זיך אויסגעקליבן. אַ פאַלשער בייזן...

דאָ איז אונטערגעקומען אַ נייע צרה: זינגען. מיסטער כאַטעס האָט געוואָלט, איזעלע זאָל זינגען „אַ חזנדל אויף שבת". האָט מיסיס כאַטעס דווקא נאָר געוואָלט „אלי, אלי". און דזשאָו, וואָס אומעטום מישט ער זיך אַריין, האָט געשריגן:

— פאַלג זיי נישט, איזי. האַק אַריין דעם „אידישן גלח"!

צום לעצט איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה. איזעלע האָט זיך אוועקגעשטעלט זינגען „טשיקן". טאַמען האָט עס אָנגעהויבן געפעלן ווערן. האָט ער אָנגעהויבן מיטצעברומען. האָט ער אָבער אַרויסגעלאָזט אַזעלכע טענער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן איזעלעס שטימעלע און האָבן זיך נישט געקאָנט צעזאַמענגיסן. זענען טאַטעס טענער צוריקגעלאָפן צו אים גלייך אין מויל אַריין.

ס'האָט געזונגען טילי. ניין, זי האָט בלויז געמאַכט מיט די ליפּן. ווייכע, קעלבערנע ליפּן. זי האָט געקוקט אויפן ברודערל מיט גרויס רעספּעקט. די מיסיס כאַטעס איז געשטאַנען און האָט אַריינגעקרייעט איזעלען אין די אויערן. איז איזעלע בייז געוואָרן, האָט זיך פאַרשטעלט די אויער־

---

*) לעקאָר.

ווינקלען מיט די פינגער און אויפגעהערט זינגען. מיסטער כאַטעס, אַ צע־פרידענער פון איר מפּלה, האָט פאַרגעזעצט אַליין דאָס זינגען און האָט צו־געוואונקען צו דזשאָועז, ער זאָל אים נישט פאַרלאָזן אין דער גרויסער נויט. טאָם, האָט ער שוין געזען, קאָן אים קיין הילף נישט געבן, ווייל ער האָט אַלע ווײלע פאַרלוירן דעם שליסל און האָט זיך גענומען פּלאָנטערן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אינגאַנצן געמוזט אויפהערן.

טאָם האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט גוט צו באַטראַכטן דער מאַמען מיט דער טאָכטער. ער האָט געוואָרפן זייטיקע, פאַרגנבעטע בליקן דאַ אויף איינער, דאַ אויף דער צווייטער. געשאַצט אין געדאַנק און געישובט זיך, וועלכע ס'איז בעסער. זיין געשמאַק האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זיי זענען ביידע נישט שלעכט. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט קריגן די בעסערע, כדי דזשאָו זאָל זיך נאָכדעם נישט קענען רייצן מיט אים.

ער האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק.

ווען וועלן זיי שוין אַמאָל אויפהערן? ער האָט אָנגעהויבן געבן צייכנס דזשאָועז, מיט די אויגן און מיט די פינגער. איז'ס ביי אים אַרויס־געקומען אַזוי אומגעלומפּערט, פאַרטשעפּענדיק דערביי די לופט, אַז דער מיסטער כאַטעס האָט עס באַמערקט.

— סעי, — האָט ער געמאַכט צו טאָמען, — גרויסער פּאַרדי־נער, וואָס כאַפּסטו מיר דאַרטן צו די פליגן! האָסט שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן?

אויפן וועג אַהיים האָט טאָם דערציילט דזשאָועז אַ מעשה. קענען זיין טבע, איז ער געגאַנגען און האָט געריידט. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן און דערציילן און זיך נישט געקאָנט אָפּליבן פון דער מיסיס כאַטעס, ווי גוט זי האָט אים באַהאַנדלט. ער האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. און ווייל דזשאָו איז געווען אַ נידעריקער, האָט זיך טאָם געמוזט אָנבייגן, כדי זיין פריינט זאָל אים גוט הערן און זיך מיטפרייען מיט אים. אָבער דזשאָו האָט זיך נישט געפרייט. נישט גערעדט אפילו. ער איז געגאַנגען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי נאָך אַ שרפה, פון וועלכער ער איז אַרויס אַ פּאַראַרימטער. דער תמיד פריילעכער, באַרעדעוודיקער דזשאָו איז איצט געווען טרויעריק און אין אַ שלעכטער שטימונג. עפּעס האָט ער זיך געפילט ווי אַן אָפּגענאַרטער.

איז ער געווען ביז אויף טאָמען? ניין. אויף זיכער וואָלט ער פונדעסטוועגן נישט געקאָנט זאָגן. זאָל ער אַזוי דערלעבן ביז מאָרגן, ווי ס'וואָלט אים שווער געווען דערויף צו ענטפערן, ווען עמיצער שטעלט אים די פראַגע. כאָטש ער האָט געוואוסט אויף זיכער, אַז ער, טאָם אַליין, איז נישט געווען שולדיק. דער מיסטער כאַטעם אַליין איז געווען דער אײַנטײַלער. דער זעלבער מיסטער כאַטעם, וועלכער רעכנט זיך פאַר זײַנעם אַ פרײַנט. זינגט מיט אים צוזאַמען. זאָל ער קרענקען, צי. ער וועט זיך נאָך מיט יענעם נישט אָפּרעכענען דערפאַר! ער וועט אים אַנרײַבן אַ מאָרדע, אַז ער וועט אים האָבן צו געדענקען. ער זאָגט עס צו.

אין דזשאָנס שווײַגן האָט טאָם געזען אַ סימן, אַ שלעכטן סימן. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן שולדיק. ער האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן און נישט געפונען די נייטיקע ווערטער. האָט ער אים כאָטש געוואָלט טרייסטן.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו דזשאָנס פּנים, אים אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן, און געזאָגט:

— ליסן*), ס'צווייטע מאָל מאַ'זאָך בײַטן — אַרײַט?...

דאָס זאָגנדיק, האָט ער געהיט די מינע זײַנע. ער איז געווען נײַגעריק צו זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס וועט מאַכן אויף דעם פרײַנט זײַנעם. דזשאָ, ווידער, דערפילנדיק אויף זיך אַזוי נאָענט טאָמס אָנגעשטרענגטן, פאַרשנדיקן בליק, האָט, נישט קענענדיק זיך קאָנטראָלירן, אַ שמייכל געטאָן. אויף דעם טאָקע האָט טאָם געוואַרט. אים איז גלײַך אַרונטער אַ שטיין פונם האַרץ. פון גרויס צופרידנקייט האָט ער דערלאַנגט דזשאָוען אַ קליין פּעטשל אין דער פּלייצע, פון וואָס יענער האָט זיך געגעבן אַ שאָקל, ווי אַ לולב.

— איצטער־אַ — האָט טאָם געזאָגט — האָב איך דיך טאָקע נאָכאַמאָל אָט דאַרטן־אַ!...

און ער האָט פאַרהויבן אַ טייל פונם רעקל, כדי צו ווייזן זײַן פרײַנט, וואָס ער מיינט.

---

*) הער נאָר.

דער פערצנטער דורכפאַל

אַפּיסער דזשימי אַ׳קאַנאַר האָט אַרומגעשפּאַנט אויף זיין דינסט־פּלאַץ הין און צוריק, פילנדיק אַ פולע האַרבסטיקע קעלט אַנזעצן זיך אויף זיינע ביינער. עס איז שוין געווען איינס אַזייגער, און ער האָט אָנגעהויבן ווערן מיד און שלעפעריק. פון גרויס נודנאַטע און לאַנגווייל האָט ער זיך צעגעניצט, ברייט און ברחבהדיק, אַרויסשיקנדיק דורכן צעעפנטן מויל אַ קללה דער נאַכט אַריין:

— אָ־ו־פּפּ... דעם יו!...*)

ער איז שוין דרייצן יאָר אין דינסט. וואָס האָט ער אויפגעטאָן איבער דער צייט? ער האָט דרייצן אוניפאָרמען אָפּגעטראָגן, דרייצן עקזאַמענס דורכגעמאַכט און איז דרייצן מאָל דורכגעפאַלן. אַלע יאָר האָט ער, אינם טאָג פון אויסהערן, זיך אויך געמוזט צוהערן, וואָס זיין ווייב, פּעטסי, האָט אים צו זאָגן:

— דזשימי אַ׳קאַנאַר, היינט מוזסטו עס מאַכן. אַ טאָפּלטע פּאָר־ציע העם און בינס**) איז פאַרגרייט. אַזוי פיל יאָרן געדינט און אַ בענדל איז געננוג. איך בין דיר נישט ערגער פון דער פּעטער מרס. פיטצפּעטריק, און פון דער רויט־האָריקער מרס. מעק גוואיר, און פון דער הינקעדיקער מרס. דאַדלי, און דער מרס. מעק׳מיגען מיט די קלייען אויפן פּנים. צלם דיך אָפּ, דזשימי אַ׳קאַנאַר, איידער דו גייסט. וואָרט... נישט אַזוי שנעל.

---

*) ער, דו פּאַרדאַמטער...

**) חזיר־פלייש מיט בעבלעך.

היינט איז דיר אַן ערנסטער טאָג. גיב אַ קוש דיין טאָכטער פּעגין. וואָרט... זאָג אַן דעם קליינעם דזשימין, ער זאָל זיך נישט אַרומשפּילן ווי אַ ווילדער, נישט שלאָגן זיך מיט קיינעם, נישט אויספּראַוון דעם רעוואָלווער. וואָרט... אַ קוש דעם ווייב פאַרגעסטו? דזשימי אָ'קאָנאָר!...

און ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ, האָט זי אים נאָכגעשריגן:

— פאַרגעס נישט: אַ טאָפּלטע פּאָרציע העם און בינס...

עס איז געווען טונקל. די שיין פונם לאָמטערן, וואָס איז געשטאַנען אין ראָג פון דער גאַס, האָט זייער שוואַך באַלויכטן די וויטערע טיילן. אים האָט עס נישט געאַרט. אים איז אַלצאיינס. סיי ווי קומט קיינער נישט גנבענען אַהער. שוין עטלעכע יאָר, ווי ער שטייט דאָ, נאַכט אויף נאַכט, און היט געשעפטן, אידישע געשעפטן. וואָס וועט ער האָבן פון דעם היטן זיינעם? אַז אידן זענען רייך, האָבן שניט־קראָמען, פוטערוואַרג טייערע, יאָוועליר געשעפטן, אויסלענדישע טעפּיכער, אַנדערע אַנטיקן, — דאַרף ער, דזשימי אָ'קאָנאָר, אויף־זיין גאַנצע נעכט און דאָס אַלץ אָפּהיטן? אים קומט פאַר, אַז זיי מאַכן חוזק פון אים, דער קעפּטן זיינער מיט די סאַרדזשענטס. „אַלצאיינס, — טראַכטן זיי, — קומט קיינער נישט, שטייט, דזשימי אָ'קאָנאָר, און וואַרף אַן אויג". ווען אים קומט עפּעס אונטער אַ געשעעניש, וואָלט ער זיי געוויזן, ווי צו לאַכן פון אים. ער וואָלט זיי געוויזן אַ ביישפּיל פון מוט און געוואַגטקייט, אַז זיי וואָלטן זיך געשעמט אים דערנאָך צו קוקן אין די אויגן אריין. ער וועט וואַרטן. די געלעגנהייט וועט קומען. אין דעם איז ער זיכער.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דער טיר פון אַ פינסטערן קאָרידאָר, מען זאָל אים נישט באַמערקן. אפשר וועט זיך עפּעס אונטעריאָגן אַ פאַרדעכטיקער פאַרשוין.

אַרום און אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז פון צייט צו צייט געהערט דער געבראַזג פון אַ דורכפאַרנדיקער לופט־באַן. פריער שוואַכער, נאָכדעם שטאַרקער, העכער — סטאָפּ! אַ צוגאָס פון קלאַנגען! הילכיק־שטאָלענע, מאַט־הילצערנע. נאָכדעם, ווידער: טאַ־טאַ, טע־טע, טי־טי, אָפּגעשטאָרבן.

דער זייגער האָט אויסגעקלאַפּט צוויי מאָל — האַלב נאָך איינס.
דזשימי אַ׳קאָנאָר האָט דערהערט טריט, שנעלע און דראַבנע, ווי פון אַ פרוי. דאָס איז אים אפילו נישט געפעלן. אַזוי שפּעט און איינע אַליין. זי מוז געוויס זיין אַ נאַכט־פייגעלע.
זי איז אָנגעלאָפן איילנדיק און מיט אימפּעט, אומקוקנדיק זיך אַלע וויילע, צי מען גייט איר נישט נאָך. דערזעענדיק דעם פּאָליסמאַן, האָט זי זיך גלייך געלאָזט צו אים מיט אַ טענה:
— אָפיסער, צוויי יונגע לייט טשעפּען זיך צו מיר, גייען מיר נאָך דעם גאַנצן וועג. פּליז...
— אַזוי? זיי טשעפּען זיך צו איר? — ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פון אונטן ביז אַרויף — פאַרוואָס טשעפּען זיי נישט אים, דזשימי אַ׳קאָנאָרן? צי ווייסט זי נישט, אַז אָנשטענדיקע מענטשן גייען נישט אַזוי שפּעט ביי־נאַכט?
— אָפיסער, איך פּראָטעסטיר! איך בין אַן אָנשטענדיק מיידל. אַ פרעמדע. כ׳קום פון באָסטאָן. ווי וואַגט איר מיך אַזוי צו באַליידיקן?
— אָ, פון באָסטאָן? עקסקיוז מי, מעם! — ער האָט נישט גע־וואוסט... ער האָט געמיינט... אַזוי שפּעט אַליין. אַ פרוי אַליין... אָבער אויב פון באָסטאָן, איז אַלראַיט, מעם...
ער זעט שוין טאַקע איין, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. זי האָט אַ יונג, אומשולדיק פּנים, בלאָע אויגן, אַ קליין, קורץ נעזל, דינע, געפאַרב־טע ליפּן. אַ קיילעכדיק היטעלע ראַמט אַרום אַ שיין בלאָנד קעפּל. אַזוינע קאָן נישט זיין קיין אויסגעלאַסענע. בפרט, אַז זי קומט פון באָסטאָן.
— אַדאַנק, אָפיסער. — האָט זי געזאָגט און ליבלעך צו אים צו־געשמייכלט. די קליינע ווייסע ציין אירע האָבן נאָך מער באַשטעטיקט איר אומשולד אין זיינע אויגן — אַז אַנדערן וואָלט זי אַזוי גיך נישט מוחל געווען פאַר אַזאַ באַליידיקונג, נאָר אים...
— עקסקיוז מי, מעם. ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט די צוויי יונגעלייט. ער וועט זיי, די... — ער האָט זיך שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ גראָב וואָרט. — ער וועט זיי ווייזן, ווי צו באַאומרואיקן יונגע, אומ־שולדיקע פרויען. זי ווייסט נישט, וואוהין זיי זענען אַוועק?
— ניין. זיי האָבן זיך אַוועקגעדרייט, ווען זיי האָבן זי געזען

צוגיין צו איס, האָבן זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו איר נאָך אויף דער באַן.

זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט געוואָלט וויסן, פון וואַנען און וואו־הין זי פאָרט.

— זי פאָרט פון אַ שוועסטער, פון לאָנג איילאַנד, צו זיך אין האָטעל אַריין. ביי יענער איז צו־ענג, צו־טומלדיק. זי קאָן נישט פאַר־טראָגן. זי מוז האָבן רו. זי איז אַ זשורנאַליסטין.

אינדעם האָבן זיך באַוויזן צוויי מענער מיט העלע קאַשקעטן. דערזען זי שטיין לעבן פּאַליסמאַן, האָבן זיי זיך גלייך געגעבן אַ פאַרקירעווע אין אַ זייטיקער גאַס.

ער האָט זיך געוואָלט לאָזן נאָך זיי, נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן: ניין, ער זאָל זי נישט לאָזן אַליין. זי האָט מורא. און אז זי וויל נישט, אַז ער זאָל ריזיקירן, דער אַפּיסער. יענע צוויי מוזן זיין שיכור. זי ווייסט שוין, ווי עס איז, מוזן צוגיין צום האָטעל אירן.

— אַ, ניין. דאָס וועט ער נישט דערלויבן. ער וועט זי צופירן. ווייט פון דאַנען?

— נישט ווייט. אַ פינף מינוטיקער שפּאַציר. אָבער, צי מעג ער פאַרלאָזן דעם דינסט־פּלאַץ זיינעם?

— ער טאָר טאַקע נישט, — האָט ער געענטפערט, — אָבער אהער קומט סיי ווי קיינער נישט גנבענען.

האָט זי אויף אים געוואָרפן אַזאַ מין וואַרימען בליק, אַז אים איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

דזשימי אָ'קאָנאָר האָט איצטער איבערגעלעבט אַ גרויסע שעה. דאָס פיינע מיידל פון באָסטאָן איז געגאַנגען לעבן אים נאָענט און האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיין אָרעם. ער האָט געפילט אַ האַלבע זייט פון איר דינעם, ווייכן קערפּער. אַזאַ גלאַטיקייט איז אים נאָך קיינמאָל צום האַנט נישט געקומען. ער איז געגאַנגען און האָט זיך איינגעהערט אין די קלוגע רייד פון דעם באָסטאָנער מיידל.

זי האָט דערציילט פון איר שטאָט, פון איר היים. אַזוינע רעס־פּעקטאַבלע מענטשן, די פון איר משפּחה. זיי זענען רייך. אָבער זי וויל נישט אויסנוצן די רייכקייט, אויף וועלכער זי האָט נישט געאַרבעט. זי האָט

נישט קיין מאַראַלישע רעכט דערצו, מיינט זי. דעריבער מאַכט זי אַ לעבן פון איר אייגענער אַרבעט. זי פאַרט אַרום איבער׳ן לאַנד שטודירן מענטשן. ניו יאָרק געפעלט איר נישט. איבערהויפּט איז דאָ די יוגנט אַ פאַרדאַרבענע. ביי איר דאָרטן, אין באָסטאָן, איז אַנדערש. דאָרטן איז מען איידל, מענטש־לעך...

דזשימי אָ׳קאָנאָר הערט נישט אַלץ, וואָס זי זאָגט. ער איז צופיל איבעראַשט און פול מיט אויפרעגונג. קלאַנגען הערט ער. אַזוינע אַנגענע־מע וואוילקלינגענדיקע אויער־גלעטנדיקע קלאַנגען. זי ווערט אויף אַ ווײַלע שטיל. ער מיינט דערווייל, אַז זי האָט אים עפּעס געפרעגט און וואַרט אויף אַן ענטפער. ענטפערט ער:

— יעס, מעם.

האָט זי געלאַכט. זיך געבייזערט אויף אַ זייער דעליקאַטן אופן. ער האָט מיטגעלאַכט. עס איז אים זייער גוט געווען אויפן האַרץ.

לעבן האָטעל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיין אָרעם און זי אַריינגעלייגט אין זיין האַנט צום געזעג־ענען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. אַן אומרו האָט זיך אין אים באַזעצט. ער האָט אַ ציטער געטאָן.

זי האָט דאָס באַמערקט.

— ער ציטערט. — האָט זי געזאָגט — איז אים קאַלט?

— קאַלט? ניין. דאַכט זיך, עס איז אים גאָר הייס. ער שטייט לעבן איר, ווערט אים הייס.

— פאַרוואָס עפּעס?

אַזוי נאַאיוו און אומשולדיק האָט זי דאָס געפרעגט, אַז אים האָט באַלד באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט דאָס איר געזאָגט.

— ניין, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — ער האָט זיך געמאַכט אַ געלעכטער. עס איז אים טאַקע קאַלט.

— ווי לאַנג באַדאַרף ער נאָך שטיין אויף דינסט? — האָט זי געפרעגט.

— נאָך דריי שעה.

— וואָס? דריי שעה? אין אַזאַ וועטער? אין באָסטאָן וואָלט אַזאַ

זאַך נישט געקאָנט פּאַסירן. אין ניו יאָרק זענען מענטשן געגליכן צו הינט. ערגער נאָך. זאָל ער איר אַנטשולדיקן פּאַרן אויסדרוק.

זי האָט אַ פּלאַן: ער וועט צו איר אַרויפגיין זיך דערוואַרעמען. זי וועט פאַר אים מאַכן קאַפע. אָבער מער ווי אַ האַלבע שעה וועט זי אים נישט לאָזן זיצן. עס פּאַסט נישט.

דזשימי אַ'קאָנאָר איז געזעסן און האָט געגאָסן אין זיך איין גלעזל „קאַפע" נאָכן אַנדערן. די „קאַפע" איז געווען עטוואָס האַרבלעך, עס האָט אַביסל געדרייט אין דער נאָז, אין דעם אויבערשטן טייל נאָז, אָבער ווען עס איז אַראָפּגעקומען נידעריקער, אין האַלז אַריין, אין בויך אַריין, האָט אַ וואַרימקייט זיך צעגאָסן, אַזאַ אַנגענעמע וואַרימקייט...

פון אָנפאַנג האָט ער זיך געוואונדערט, זיך כמעט נישט געגלויבט. אָבער זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין. יעדעס פלעשעלע האָט געהאַט אַ סיבה. דאָס ערשטע איז געווען אַ פּריווילעגירטס. איר, אַלס שרייבע־רין, איז דערלויבט,*) אַז דעם קען זי נישט שרייבן. דאָס צווייטע איז געווען אויף אַ רפואה, פאַר איר פּאַטערס וועגן. עס איז צופעליק אַריינגע־פאַלן צו איר אין רענצל. דאָס דריטע האָט ער שוין אַליין געפּאָדערט, אָן אַ שום סיבה.

ער איז געזעסן אַן דעם רעקל, די שלייקעס אַראָפּגעלאָזט, די אַרבל פאַרקאַשערט. ער איז געווען צעפלאַמט און אויפגעלעבט. די שיטערע בלאָנ־דע האָר זענען ביי אים געווען צעשויבערט און האָבן זיך געקלעפּט צום נאָסן שטערן.

ער האָט געפּאָדערט פון איר, זי זאָל מיט אים מיט־טרינקען. זי האָט זיך געוואָלט דערפון אַרויסדרייען. זי האָט עס געמאַכט זייער העפ־לעך, ווי מען טוט עס, אַ שטייגער, אין באָסטאָן. אָבער ווען ער איז דורכ־אויס באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, האָט זי געגומען צו ביסלעך, פאַרזוכט בלויז, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיידל, וואָס קומט פון אַ גוטער פאַמיליע.

דערנאָך האָט ער זי געכאַפּט צו זיך אויפן שויס. זי האָט גע־

---

*) עס איז געווען אין דער צייט, ווען שאַרפע געטראַנקען זענען געווען פאַרבאָטן אין אַמעריקע.

קליבן דערפון שפּאַס, אומשולדיקן שפּאַס. זי האָט אַרומגעפּלאַכטן זיין האַלז מיט אירע אָרעמס און געקוקט אויפן זייגער. און ווען זי האָט אים אין אַ פּאַרזיכטיקן טאָן דערמאָנט, אַז ער דאַרף שוין צוריקגיין צו זיין דינסט־פּלאַץ, האָט ער זיך ביי איר אָנגעהויבן בעטן, זי זאָל אים נישט אַוועקשיקן. ער האָט אָנגעהויבן וויינען. נאָכדעם איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

דזשימי אָ׳קאָנאָר האָט געזען אַ שיינעם חלום:

ער שטורעמט אַ הויז, וואו עס באַהאַלטן זיך אויס באַנדיטן מיט העלע קאַשקעטן. ער שיסט און שיסט און קאָמאַנדעוועט און שיסט ווייטער. לעבן אים שטייט דזשימי, דער זון, און פאַרגרייט אים מיט פּאַטראָנען. ער לאָדט אָן איין רעוואָלווער נאָכן אַנדערן. ער גיט אַ שאָס, און עס פאַלט אַראָפּ אַ קאַשקעט. ער גיט קנאַל, עס פאַלט אַרונטער נאָך אַ קאַשקעט. מיטאַמאָל דערזעט ער די צוויי יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געטשעפּעט צו דעם באַסטאַנער מיידל. אין דעם דערהערט ער זיין פּעטסים קול: „דזשימי אָ׳קאָנאָר, אַ טאָפּלטע פּאַרציע העם און בינס...״ ווען ער דרייט אויס דעם קאָפּ, דערזעט ער גאָר דאָס חנעוודיקע פּנימל פון דעם באַסטאַנער מיידל. איצט נעמט ער זיך שיסן מיט מער חשק. עס נעמט נישט קיין סך, איינס און צוויי, און אַלע באַנדיטן ליגן שוין געהרגעטע. דער קעפּטן שמייכט און באַהענגט אים מיט מעדאַלן. די סאַרדזשענס שטייען אַרום און קלאַפּן אים אין פּלייצע. די קליינע פּעגי וויינט, זי וויל אויך אַ פּאָר מעדאַלן. דער קעפּטן גלעט זי און זאָגט, אַז ווען זי וועט זיין אַ גרויסע און וועט זיין אַזוי בראַוו, ווי דער פאָטער אירער, וועט זי עס קריגן. אין דעם דערפילט ער אַ ריח פון געפּרעגלטן העם. דער אַפּעטיט צעזינגט זיך אין אים. הויבט ער אָן שרייען: „העי, פּעטסי, האָני, העי...״

ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף. נישט פּלוצלונג, נאָר ביסלעכווייז, פּאַמעלעך, האָט זיך אין אים אָנגעהויבן קלאָרן אבער נאָך אבער. די אַלע זאַכן, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס געזען, האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן. פריער דאָס הויז, נאָכדעם די באַנדיטן, נאָכדעם די קאַשקעטן, האָבן זיך געצויגן איינס נאָך דאָס אַנדערע, ווי רינגלעך פון אַ קייט: פּעטסי, דזשימי, פּעגי, דער קעפּטן, די סאַרדזשענטס, אַלע זענען געלאָפן, שנעל־שנעל גאָר

לאַפּירט. צום לעצט איז בלויז דאָס פרעמדע מיידל געבליבן מיט אים אויג אויף אויג. מיטאַמאָל האָט זי אַ גרויסן לאַך אַרויס געטאָן — און פאַרשוואונדן.

ער איז געבליבן אַליין.

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן — און פאַרשטאַנען. אין דער רגע פאַרשטאַנען. מען האָט אים אָפּגענאַרט. זי, מיט דעם אומשולדיקן מלאך־פּנימל, זי, מיט די דראַבנינקע צייַנדעלעך.

עס איז שוין געווען ליכטיק, טאָג; אָבער אין זייַן מוח האָבן גע־דאַנקען זיך געפינסטערט. ער איז אויפגעשטאַנען, אַרויפגעטראָטן אויף אַ ליידיקער פלאַש. זייַן פוס האָט זיך געגעבן אַ גליטש פאַרויס און מיטגע־שלעפּט דעם גאַנצן קערפער. ער האָט זיך דערכאַפּט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. אויפן טישל האָט ער געפונען אַ קליין בריוועלע, אַדרעסירט צו אים:

„דזשימי אַ'קאָנאָר, דו וועסט מיר מוזן פאַרגעבן, וואָס איך לאָז דיך דאָ איבער אַליין אין אַ שלאָפנדיקן צושטאַנד. עס איז זיכער נישט אין איינקלאַנג מיט די גוטע מאַנירן, וואָס מען האָט מיך געלערנט אין באָסטאָן. אָבער איך איל זיך. די צוויי יונגעלייט מיט די העלע קאַשקעטן גיבן מיר צייכנס, אַז זיי זענען שוין פאַרטיק מיט דעם יואוועליר־געשעפט. דו וועסט נישט זייַן בייז אויף מיר, וואָס איך האָב דיך פון דאָרט אַוועקגענאַרט. פאַרשטייסט דאָך, מסתמא, אַז דו וואָלסט אַביסעלע געווען געשטערט. צווייטנס, ביסטו דאָך אַליין גייאַנגען. באַנג דאַרף דיר נישט טאָן. די „קאַפּע" איז דאָך נישט געווען אַזוי שלעכט, — ניין, אפשר? און ווען נאָך וואָלסטו געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ פיינער, אַנשטענדיקע, ראַפינירטער מיידל, וואָס קומט פון באָסטאָן?..."

זייער אָריגינעל...

אַ קערפּער האָט זי געהאַט אַ קליינעם און אַ שמאָלן: אַמביציעס האָט זי געהאַט גרויסע און ברייטע. געוואויגן האָט זי אַזוי ווייניק — עטוואָס מער פון אַ וועלשן ניסל; פּרעטענזיעס אָבער האָט זי געהאַט אַזויפיל, אַז זיי האָבן צוואַנציק־פּאַכיק איבערגעוואויגן זי אינגאַנצן. אין אַלגעמיין האָט זי אין מענטשנס אויגן אויסגעזען אַזוי:

פּעדערדיק גרינג און זשאַבעדיק גרין. אַ חוץ דעם, האָט זי נאָר פאַרמאָגט צוויי מענערישע שפּיצעדיקע אַקסלען און אַ גרויסן זייער אומפּראָפּאָרציאָנעלן קאָפּ מיט טונקעלע, געדיכטע, דיקע האָר. אויגן האָט זי געהאַט גרין־גראָע און שטעכיקע. אין סך־הכל: נישט אַזאַ גוואַלטיק־אָנגענעמער אויסזען.

אָבער וועגן דעם האָט זי נישט געוואוסט. און אויב יאָ, האָט עס איר נישט געאַרט. ווייל זי איז געוואוינט געווען צו זען זאַכן נישט דורך קיינעם, נאָר דורך זיך אַליין. און דורך אירע גרין־גראָע שטעכיקע אויגן האָט זי געזען אַזאַ מין סים (אַן אָריגינעלער נאָמען, פון איר אַליין געשאַפן, פון איר אַליין געטראָגן):

אַ קערפּער אַ דעליקאַטער און אַן אײדעלער, מיט לויטער אינטערעסאַנטע, טיפע שטריכן, וואָס אַ דורכשניטלעכער, פּראָסטער מענטש קען עס קוים באַמערקן. דער גרין־גראָער גלאַנץ אין אירע אויגן האָט באַדייט: וויסן, אינטעליגענץ; די שטעכיקייט — דורכדרינגלעכקייט. דער קאָפּ איז, אמת, עטוואָס צו־גרוים לויט איר קערפּערלעכן געבוי. ער אַנטהאַלט אָבער אין זיך אַזעלכע זאַכן, וואָס אין קיין געוויינלעכן דורכשניטלעכן קאָפּ קאָן

מען זיי נישט געפינען. די געדיכטע דיקע האָר זענען סימנים פון כאַראַקטער. איז קורצן: זי קען זיך אַליין זייער גוט. וואָס־זשע גייט איר אָן, ווי אַזוי אַנדערע קוקן אויף איר?...

בלויז איין מענטש איז אויף איר געווען אַ מבין, ווייטער קיינער נישט. דער דאָזיקער איינער האָט געהייסן מיש, און געווען איז ער איר מאַן.

„איר מאַן"! דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי. אין דער אמתן האָט זי פיינט געהאַט דאָס וואָרט. עס איז צו־באַנאַל, צו־אַלט, צו, דאַכט זיך איר, ביליק, נישט מאָדערן... ביי איר איז ער געווען פאַררעכנט אַלס אַ פריינט, אַלס אַ געליבטער, — ניין, אַלס אַ חבר. יאָ, חבר מיש (זיין פאַרקירצטער נאָמען איז אויך געווען אירער אַ קאַפּריז).

אַפּטמאָל, ווען זי איז געווען שטאַרק צעוואָרעמט פון זיינע לאַס־קעס, האָט זי אים גערופן „אינגעלע", און זי האָט דערפון געהאַט גרויס הנאה. ווייל פונקט ווי זי איז געווען קליין און שמאָל, אַזוי איז ער געווען גרויס און מאַסיוו. און ווען זי האָט צו אים באַדאַרפט רעדן, האָט זי געמוזט פאַררייסן איר גרין פּנימל העט־העט אַרויף־צו. און בשעת די ליבע־אומ־אַרמונגען, איז זי אויף אים געקראָכן און געקלעטערט, ווי אויף אַן איי־זערנער לייטער. זיינע פעסטע מוסקול־הענט זענען פאַר איר געווען, ווי צוויי געהאַרכזאַמע וועסלעס, מיט וועלכע זי האָט געקאָנט קירעווען און זיך געקאָנט שאַפן אַרומצופאָרן איבער איר דינעם קערפּערל, אין וועלכער ריכטונג זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

— אינגעלע, אָט אויף דעם־אַ פּלאַץ...

— אָט אויף דעם־אַ ערטעלע, אינגעלע, כי־כי־כי... נעם אַוועק דאָס לאַפּקעלע פון דאַנען, אינגעלע!... טראָג עס איבער אַהין־אַ, כי־כיך־ד־ד...

מישאַ ריינין איז איינמאָל געפאָרן אויף אַן עקסקורסיע מיט אַ גרופּע פריינט. צווישן דער גרופּע האָבן זיך געפונען עטלעכע נייע פּני־מער, וועלכע זענען אים געווען אומבאַקאַנט. צווישן דער קליינער צאָל אומבאַקאַנטע האָט זיך אויך געפונען עפּעס אַ מיידל, זייער אַ מאָדנע, סיי מיט איר אויסזען און סיי מיט איר האַלטונג.

די גאַנצע צייט האָט זי זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. איז געווען פאַרטראַכט, געווען טרויעריק. האָט זיך געהאַלטן אין איין עסקן

מיט די דיקע צעפּלעך אירע: דאָ זיי צענומען, דאָ פאַרפּלאָכטן, איבערגע־פלאָכטן.

די איבעריקע פון דער גרופּע האָבן איר ווינציק־וואָס אויפמערק־זאַמקייט געשענקט. און ווען ער, מישאַ רייניז, האָט געפרעגט, ווער זי איז, האָט אים איינער מיט אַ האַלב־חוזקדיקן טאָן אָפּגעענטפערט:

— אַ, זי? לאָז שוין געמאַך! זי איז נישט פאַר דיר. זי האָט פיינט מענטשן. זי האָט ליב שטערן, לבנה — און אירע צעפּלעך. ווייטער גאָרנישט.

רייניזן האָט עס פאַראינטריגירט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט מיט איר צו ווערן באַפריינדט.

אויפן וועג אַהיים, שוין שפּעטלעך אין אָוונט, ווען דער עולם איז שוין געזעסן אַ מידער פון צופיל טאַנצן, זינגען, לאַכן און פלירטעווען, און מ'האָט געוואַרט, די שיף זאָל שוין צוקומען צום ברעג, איז רייניז גע־גאַנגען זי זוכן. ער האָט זי געפונען אין איינעם פון דער שיפס פאַרבאָרגע־נע ווינקלען. איינע אַליין איז זי געשטאַנען אַ שטאַרק־פאַרטיפטע, אַ שטאַרק־פאַרחלומטע, אַ שטאַרק־פאַרגאַפטע אין לבנה־שיין.

ער איז שטילערהייט צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין נאָענט פון איר. זי האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען זייער שיין און איבטערעסאַנט. ער האָט נישט געוואָגט איבערצורייסן די שטילקייט. געפּרואווט קוקן אויף דער לבנה — און גאָרנישט געזען. צום לעצט האָט ער זייער שטיל און שטאַמלענדיק אָנגעפאַנגען:

— 'קסיוז מי, מיס...

— סים! — האָט זי אים אונטערגעזאָגט און נישט אַרונטערגע־נומען די אויגן פון דער לבנה.

אַ רגע איז ער אַזוי געשטאַנען און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָכדעם האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— ע... ע... מיס... ע...

— סים! — האָט זי ווידער געענטפערט און געהאַלטן אין איין קוקן אויף דער לבנה.

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין פון דעם מאָדנעם מיידל, ווען זי האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ דריי־אויס צו אים און אַ פרעג געטאָן:

— ווער זענט איר?

— איך? פון דער גרופּע. מיין נאָמען איז מישאַ.

— פון דער גרופּע? גוט. מישאַ? — טויג נישט. צו־לאַנג. רופט זיך מיש. קורץ, שאַרף, אָריגינעל. איך האָב ליב אָריגינעלקייט. און איר?

— איך אויך. — האָט ער ווי אַ פאַרשולדיקטער אָפּגעענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי, נאָר דער גאַנצער ריזיקער קערפּער זיינער האָט זיך געדרייט און איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן פאַר דער פּיצינקער מיידעלע.

— מיין נאָמען, — האָט זי גערעדט, — איז אויך געווען אַ גרויסער: סימאַ. האָב איך אים פאַרקירצט. סים איז גענוג. מיש וועט אייך זיין גענוג! — האָט זי כמעט באַפוילן. — גייט עס?

עס איז שוין איינמאָל געגאַנגען.

אַרום דעם קליינעם דינעם פינגערל אירן האָט זי אים אין פאַר־לויף פון עטלעכע וואָכן געגעבן אַ וויקל־אַרום, דעם ריזיקן יונג מיטן אַט־לעטישן קערפּער, און געלערנט מיט אים אַזאַ מין פּשטל:

זי איז, מוז ער פאַר אַלעמען וויסן, אַ מאָדערנער מענטש. זי גלייבט נישט אין קיין טראַדיציעס. זי האָט פיינט אַלטקייט. זי גלייבט אין פרייער ליבע. זי איז, אין אַלגעמיין, זייער פאַרגעשריטן. איז ער גרייט מיט איר צו לעבן פרייע ליבע?

אַ מחיהניש האָט אים אַרומגעכאַפּט. ביידע געזונטע גרויסע הענט זיינע האָבן זיך אויסגעשטרעקט.

— גוט! — האָט זי געזאָגט. איר חוש האָט זי נישט אָפּגענאַרט. זי האָט געפילט, אַז ער וועט זי פאַרשטיין. — מאָרגן וועלן זיי גיין אַרויסנעמען „מערידזש לאַיסענס" (חתונה־אַקטן).

— ? ? ?...

— ער פאַרשטייט דאָס נישט? נו, זי האָט זיך אויף דעם אויך געריכט. סוף כל סוף איז ער דאָך נישט מחויב צו פאַרשטיין אַלץ. זי וועט עס אים קלאָר מאַכן: גלאַט חתונה האָבן, ווי יעדער איינער, איז דאָך קיין קונץ נישט. אַלע טוען דאָך דאָס. לעבן פרייע ליבע, בלויז אויפן וואָרט, איז שוין אויך נישט אַזאַ גוואַלטיקע נייס. אָן אַ שיר מענטשן טוען היינט אַזוי. וואָס־זשע — זיי וועלן זיין אַנדערש פון אַלע. זיי וועלן זיין

אַן אויסנאַם. פריער וועלן זיי אַרויסנעמען די „מערידזש לאַיסענס”, נאָכ־דעם וועלן זיי קענען לעבן פרייע ליבע. איז דאָס נישט אָריגינעל?
— זייער אָריגינעל — האָט ער געזאָגט (ווי איז אים...).

פאַר באַקאַנטע, וועלכע האָבן די חתונה־אַקטן נישט געזען, האָבן זיי פיגורירט אַלס מענטשן פון פרייער ליבע. מען האָט זיי באַטראַכט, ווער מיט קנאה, ווער מיט צופרידנקייט, אַלס אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע פון צוויי מענטשן, וועלכע לעבן צוזאַמען פולשטענדיק פרייוויליק, אָן דער מינדסטער צוואַנג. זי האָט אים גערופן „חבר”, און ער האָט זי גערופן „חברטע”, נישט ביים נאָמען, ווי דורכשניטלעכע מאַן־און־ווייב רופן זיך אָן.
— חבר מיש, — פלעגט זי אים אַדרעסירן אין דער קעגנוואַרט פון באַקאַנטע, — איך וואָלט היינט חשק געהאַט צו גיין זען דעם „בלויען פויגל”. און דו וואוהין וואָלסט וועלן גיין, חבר מיש?
און צו די אַרומיקע:
— מיר גייען נישט אַלעמאָל צוזאַמען. צו וואָס זיך אָנוואַרפן איינער אויפן אַנדערן? מיר טאָלערירן פולשטענדיק איינער דעם אַנ־דערנס וועגן. קיין אייפערזוכט איז ביי אונז נישטאָ. נייז אפשר, מיש?...
ביי אַזעלכע מאָמענטן האָט ער אין די מערסטע פאַלן צוגעשוויגן, טיילמאָל שטילערהייט אונטערגעקרעכצט. בלויז אין אַן אויסנאַמיקן פאַל, ווען ער האָט זי געוואָלט אויך גיך געבן אַ כאַפּ ביים וואָרט, האָט ער אויף איר פראַגע געענטפערט:
— געוועכט, סים. קיין אייפערזוכט איז ביי אונז נישטאָ. נו, מען דאַרף טאַקע גיין. זיך גאָר פאַרגעסן...
און אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער, מאַכנדיק זיך זייער וויכ־טיק, האָט ער אַ זאָג געטאָן:
— אַ גוטע נאַכט אַלעמען. אַ גוטע נאַכט, סים. כ'וועל היינט אַהיימקומען שפּעט. — און איז אַוועקגעגאַנגען.
פלעגט זי שוין געפינען אַ תירוץ פאַר די באַקאַנטע, אַז זי האָט כלומרשט פאַרגעסן דעם שליסל אירן צו דער טיר. אָדער, אַז־וואָ, זי דאַרף זיך גאָר טרעפן מיט דעם און דעם צו דער באַשטימטער צייט. מ'וועט איר מוזן אַנטשולדיקן. אַ־יאָ, מ'וועט איר אַנטשולדיקן?

אים אנגעיאגט, האט זי אין אנפאנג גארנישט געערדט. בלויז דער גרין־גראער גלאנץ אין אירע אויגן פלעגט אים געבן א גיס־אפ.

— חבר מיש, וואוהין גייסטו?

— אויף א געווייסן פלאץ, חברטע סים.

— וואס איז עפעס דאס, חבר מיש?

— דאס איז פרייע ליבע, חברטע סים.

— פארגעס זיך אבער נישט, חבר מיש: דאס איז פרייע ליבע מיט „מערידזש לאיסענס”. איז עס נישט אריגינעל?

— זייער שטארק אריגינעל, — האט ער געענטפערט א באזיג־טער, — זייער און זייער אריגינעל...

און זי, גרויסמוטיק, ווי עס פאסט פאר א זיגעריז, פלעגט אים נעמען אונטער דער האנט, אריינקוקן אים אין אויגן, און זאגן:

— קום, אינגעלע, לאמיר א הוליע־טאן, ווי אין די ערשטע גוטע טעג אונזערע. נאך אלעמען, ביי מענטשן, וועלכע לעבן פרייע ליבע, פאר־שווינדן דאך קיינמאל נישט די וואונדערלעכע ערשטע טעג, די דאזיקע...

דאָס געזעץ קען מען נישט אָפּנאַרן

שרימפּי איז געגאַנגען אין גאַס און האָט נאָכגעטראַכט דעם קליי־נעם קערפּער זיינעם, וואָס איז געווען דורכגעוויקט פון צרות — צרות נישט קיין לייכטע און נישט קיין שפּילעוודיקע, נאָר אַזוינע שווערע און ביטערע, אַז די פיס זיינע, די דיקע און קרומלעכע פיס, האָבן זיך גע־בויגן אונטער דער דריקנדיקער משא.

איינאַ, זיין מיידל איינאַ, האָט אים היינט אַזוי שאַרף און אַזוי אָפּן געזאָגט:

— שרימפּי וויליאַמס, אויב דו ברענגסט מיר היינט נישט אַהיים אַ פּאָר נייע שיך מיט זילבערנע נעז און גילדערנע שטרייפן, מעגסטו זיך גיין זוכן אַ נייע נעגערטע! אַז מיר מעגסטו פאַרגעסן! דו הערסט?!

אוודאי האָט ער געהערט. נישט נאָר מיט די אויערן האָט ער גע־הערט, נאָר מיט אַלע חושים זיינע. ווייל די דאַזיקע ווערטער אירע זענען פון זיינע אויערן געלאָפן אַהין און אַהער, אַראָפּ און אַרויף, אַרומגעטאַנצט אין זיין קערפּער, ווי זשאַבעס אין אַ בלאָטע־טייכל, ביז זיי האָבן זיך אַרויפ־געלייגט אויף זיין האַרץ.

— איינאַ... — האָט ער געפּרואווט זיך מיט איר דינגען — דו דאַרפסט פאַרשטיין, איינאַ...

— איך פאַרשטיי איין זאַך — האָט זי אויף אים געבלישטשעט מיט אירע ווייסע ציין — אָדער אַ פּאָר נייע שיך מיט זילבערנע נעז און גילדערנע שטרייפן, אָדער זוך זיך אַ נייע נעגערטע. איינס פון די צוויי, שרימפּי וויליאַמס...

איינס פון די צוויי. איר איז זיך גרינג אָפּצוּרעדן. פּונקט ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. „מאַכסט אַ גרויסן טעות, איינאַ, מאַ׳ דאַרלינג׳ "1) — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — „מיט שרימפּין ווערט מען אַזוי גיך נישט פּאַרטיק, נאָו סערי!"2).

זי איז אים געווען שווער אַנגעקומען. אַלע יונגע נעגערס האָבן זיך פאַר איר געריסן. און זי:

— איי׳ל סטיק טו שרימפּי, דהי בעסט באָי אין די וואָירל׳...3)

זיין פּנים האָט אויפגעשיינט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט. שי׳ז עי גאָד־דעם גוד קיד,4) זאָל אים אַזוי גאָט העלפן! ער וועט איר ברענגען די נייע שיך, ער זאָל אַפילו דאַרפן גנבענען. יעס, סער — ער וועט עס טאָן! עס גייט אים נישט אין דאָיס,5) מוז אים גיין אין עפּעס אַנדערש. ווען איינאַ האָט אים אויסגעקליבן פון אַלע אַנדערע נעגערס, איז עס בלויז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געשפּילט און נישט געשיכורט... „דעם ראַיט שי וואָז...."6) דערנאָך, ווען ער איז קאַליע געוואָרן, איז זי אויך געוואָרן אַנדערש. אויב אַ נעגער, וואָס שפּילט און שיכורט, קען זי האָבן אַ שענערן פון אים. „דעם ראַיט שי איז..."7).

אָבער דאָס וועט ער נישט דערלאָזן. נאָו, סערי! ער וועט איר קויפן שיך און קליידער, און אַ רינג וועט ער איר קויפן. ער וועט זי מער נישט ברענגען אין כעס אַריין מיט זיין שפּילן דאָיס. ער וועט בעסער גנבענען און איר געבן אַלצדינג.

גנבענען איז לייכט. הי־הי, גנבענען איז זייער לייכט. מען שטעלט גאָר נישט איין און מען שטייט נישט אין אַ ריזיקע צו פאַרלירן. אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן, איז צו געבן אַ שטרעק אויס די האַנט, פּונקט אַזוי־אַ, ווי ער האָט געטאָן יענעם זונטיק, אין טשווירטש,8) ווען ער איז געווען אַ קליין נעגערל, ווען ער איז אינגאַנצן אפשר אַכט יאָר אַלט געווען.

---

1) נשמה מיינע. — 2) ניין, מיין הער. — 3) איכ׳ל זיך האַלטן מיטן קליינטשיקן, דאָס בעסטע אינגל אין דער וועלט... — 4) זי איז אַ גאָט־פאַרדאַמט פיין מיידל. —
5) שפּיל אין ביינדלעך. — 6) ז׳איז געווען פאַרדאַמט גערעכט.
7) זי איז פאַרדאַמט גערעכט. — 8) קירך.

ער געדענקט ווי ער איז געשטאַנען אויף די קני, צוזאַמען מיטן פּאַטער זיינעם, האָט געהאַלטן פּאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ — און געבעטן. וואָס אַזוינס ער האָט געבעטן, ווייסט ער איצטער נישט. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט עס דאַמאָלס אויך נישט געוואוסט. דער גלח, וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן, האָט געהייסן די נעגערס בעטן און וויינען און שרייען און תשובה טאָן, האָט מען געפאָלגט. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ טבע, דער גלח, צו היצן זיך, צו מוסרן, אַז מען זאָל נישט הרגענען און נישט ווידערשפּעניקן און נישט גלוסטן פרעמדע נעגערטעס: מען זאָל נישט שיכורן און מען זאָל נישט גנבענען און מען זאָל נישט...

אַזוי פיל „מען זאָל נישטס", אַז ער, שרימפּי, ווי קליין ער איז דאַמאָלס געווען, האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז אוממעגלעך דאָס אַלץ אויסצופאָלגן, ווייל — ווייל —

ווייל פּונקט דאַמאָלס האָבן די אייגעלעך זיינע זיך געגעבן אַ שלאָג־אָן אַן אַ קייטעלע, אַזאַ שיין, פינקלדיק קייטעלע, וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון אַ קעשענע פון אַן עלטערן נעגער, וועלכער האָט געקניט לעבן אים. און געוואוסט האָט ער שוין דאַמאָלס, שרימפּי וויליאַמס, אַז צו יעדער קייטעלע איז צוגעטשעפּעט אַ זייגער. אַ זייגער! דאָס וואָס ער האָט פון תמיד־אָן געוואָלט. און ער געדענקט נישט גענוי ווי אַזוי, נאָר דאָס הענטל זיינס האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן ציען אַהין, אַהין, צו דעם קייטעלע, און פּונקט דאַמאָלס, געדענקט ער גוט, ווען דער גלח האָט געהאַלטן ביים פּסוק „מען זאָל נישט גנבענען", איז דאָס קייטעלע צוזאַמען מיטן זייגערל, געבליבן אין זיינע הענט.

עס איז אים אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. נאָכדעם האָט ער געמאַכט נאָך עטלעכע קליינע גנבהלעך, און ס'האָט אים ווידער אָפּגעגליקט. נישט אַנדערש, נאָר דזשיזוס 9) אַליין האָט אים צוגעהאָלפן. ווייל ער איז אין יענער צייט געווען זייער אַ פרומער, שרימפּי ווילי‌אַמס.

און עס קען זיין, אַז ער וואָלט זייער ווייט אַוועק אין דער פּראַפעסיע פון גנבענען, ווען נישט איינאַ, אויף וועלכער ער האָט געוואָרפן

9) יעזוס קריסטוס.

אַז אויג, ווען זי איז אינגאַנצן דרייצן יאָר אַלט געווען. איר מוטער, וועלכע האָט גוט געקענט זיין מוטער, האָט צו אים געזאָגט:

— שרימפּי, מאַ׳ באַי, איינאַ וואַקסט אַ שיינע נעגערטע. איינאַ וועט נאָר נעמען אַזוינעם, וואָס וועט זיין אַ גאָד־דעם ערלעכער נעגער. יו גאַט מי,10) שרימפּי?

— יו בעט, מאַ דיר לעידי...11) — האָט ער איר דאַמאָלס געענטפערט. — אַי׳ל טעל הי וואַרל׳,12) אַז שרימפּי וועט פון איצטער אָן זיין „דעם אַנעסט..."13)

און ער האָט געהאַלטן וואָרט, און איינאַ האָט מיט אים דערפאַר חתונה געהאַט. און אים איז געווען גוט. אָבער איינאַ האָט נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער, נאָו סער. איינאַ האָט געוואָלט זיין פריי און קענען גיין אין די מואַוויס. „דעם ראַיט שי וואַז". ער האָט זיך די ערשטע צייט ביי איר געבעטן:

— איינאַ, מאַ׳ דאַרלינג׳, כאָטש איין קליין נעגערל... כאָטש איין פּיצעניקע נעגערל...

און זי:

— נאָו, סער, אפילו קיין פּונטיק נעגערל אויך נישט; „אַי׳ם גאַט טו בי פרי..."14)

וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ שווערער איז געווען מיט איר אויסצוקומען. נישט נאָר האָט זי געוואָלט זיין פריי און גיין אין קינאָ, נאָר זי האָט געוואָלט שיינע קליידער און צירונג און אַלצדינג. ער האָט נישט געקענט אַזוי פיל אויסאַרבעטן, האָט ער אָנגעהויבן שפּילן דאַיס. בשעתן שפּילן האָט ער זיך דערמאָנט אַז דזשיזוסן און געזאָגט אַ תּפילה. ער האָט געוואונען. אָבער ביסלעכווייז האָבן די תּפילות אויפגעהערט צו העלפן. „דזשיזוס האָט געמוזט קריגן אַ „קאָלד"15) אין די אויערן". האָט איינאַ אָנגעהויבן אויף אים צו שרייען, ער זאָל מער נישט שפּילן. וועט ער דערפאַר גנבענען; מיט דעם איז ער זיכער, אַז עס וועט אים גיין.

---

10) פאַרשטייסט מיך? — 11) כ׳מאַך אַ וועט, טייערע פרוי. — 12) איכל צואַווייסן טאַן דער וועלט. — 13 פאַרדאַמט ערלעך.
14) איך וויל זיין פריי. — 15) קאַטאַר.

— בעטשע בוטס, 16) עס וועט גיין! — האָט ער זיך אַליין אויפגעמונטערט. ער דאַרף נאָר, אָט פּונקט ווי דאַמאָלס, אין טשוירטש...

דער בעסטער פּלאַץ איז די לאָונדרי.17) דער כינעזער סינג לי איז אַזאַ אַלטער, אַז ער האַלט אין איין שלאָפן. זיצנדיק שלאָפט ער. אפילו שטייענדיקערהייט. ווען ער דערלאַנגט דאָס פּעקל וועש און נעמט געלט, דאַכט זיך אויך אויס, אַז ער טוט דאָס אַלץ פון שלאָף אַרויס.

און געלט האָט ער אַ סך, אָט דער „טשינק״,18) דאָס ווייסט ער גוט, שרימפּי וויליאַמס. אַלע ווייסן דאָס, ווייל די לאָונדרי איז אַ גוטע און פּאַרלעבן, פּאַרלעבט ער גאַרנישט. און ער, שרימפּי, מוז היינט קריגן פּאַר זיין איינאַ, פּאַר זיין בעיבי איינאַ, אַ נייע פּאָר שיך מיט זילבערנע נעז און גילדערנע שטרייפן.

איידער ער איז אַריין האָט ער פּאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ און געזאָגט:

— טשיזוס, טשיזוס, „יו׳ז גאָט טו העלפּ פּואה שרימפּי!״... טשי־זוס, טשיזוס! 19)

אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן איז ער פריי און אַז אַ ברעקל מורא. אין קעשענע זענען געלעגן אַנגעלייגט אַ סך פּאַפּירלעך. וויפיל ער האָט געהאַט, האָט ער נישט געוואוסט, זיכער גענוג פּאַר זיין דאַרלינגס נייע שיך.

אַפּגייענדיק עטלעכע שפּאַן, האָט פון דער טונקלקייט זיך געגעבן אַ שייל־אויס אַ פיגור און זיך געלאָזט גלייך צו אים. די פיגור איז געווען אַ גרויסע און אַ ברייטע, און וואָס נענטער זי איז צוגעקומען צו אים, איז איר גרויסקייט און ברייטקייט אַלץ מער געוואַקסן, ביז פאַר אים האָט זיך געגעבן אַ שטעל אוועק אַ מענטש אַנגעטאָן אין בלויען.

שרימפּי וויליאַמס האָט דערפילט אַ בלויקייט אונטער די אויגן, ווען ער האָט אויף יענעמס ראָק דערזען דאָס פּאָליציייאישע שילדל.

— גוד איווונינג!20) — האָט דער מענטש אין בלויען צו אים אַ זאָג געטאָן זייער וואַרעם און זייער פריינטלעך — וואוהין גייסטו?

---

16) כ׳וועט די שטיוול. 17) וועשעריי. 18) כיעזער. 19) גאָט, גאָט, דו מוזסט העלפן דעם אָרימען שרימפּין... 20) גוטן אוונט.

דאָס געסל איז געווען אַ שטילס און אַ זייטיקס, דערפֿאַר האָט דאָס קול יענעמס אָפּגעקלונגען אין שרימפּיס אויערן גאַר־גאַר הויך, עפּעס אַזוי, וואָס איז געווען צו־וואָרעם און צו־פּריינטלעך.

— הו? מי? 21) — האָט ער איבערגעפרעגט אין אַזאַ נע־בעכדיקן, אומשולדיקן טאָן — איך גיי אַהיים: צו מיין מיידל איינאַ, גיי איך...

— אַהאַ! — האָט דער מענטש אין בלויען געזאָגט מיט אַ מינע, אַז ער האָט עס אייגנטלעך אַליין געוואוסט. און צו אים, צו שרימפּין:

— און פֿון וואַנען גייסטו?

— הו? מי? פֿון „פּול־רום״22) איך האָב געשפּילט דאָרט.

— אַהאַ! — האָט ווידער אַ זאָג געטאָן דער מענטש אין בלויען מיט אַזאַ קול, וואָס האָט באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז ער ווייסט דאָס אַלץ אויסגעצייכנט. אָבער — האָט ער געפרעגט: — וואָס האָסטו געטאָן ביים טשיינעמאַן? 23) און שפּילט ער עפּעס נישקשהדיק דאָרט, דער אַלטער סינג לי?

שרימפּי וויליאַמס האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז דער מענטש אינם בלויען ראָק און פּאָליציייִשן שילדל ווייסט עפּעס. צי ער ווייסט אַ סך, צי ווייניק, האָט ער נישט געקאָנט באַשטימען. ער האָט באַשלאָסן דערווייל פֿאַרצוזעצן זיין תּמעוואַטע אומשולדיקייט.

— דער אַלטער סינג לי? — האָט ער איבערגעפרעגט זייער שטאַרק פֿאַרוואונדערט און זייער שטאַרק אָנשטרענגענדיק זיין זכרון צו דערמאָנען זיך וועגן אַזאַ מין מענטשן — ווער איז סינג לי?

— גוד סטאַף, מאַי באָי! 24) — האָט דער פּאָליסמאַן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל — קענסט די געים אָל־ראַיט. 25)

— שור! 26) — האָט שרימפּי אַלץ געשפּילט זיין ראָלע, — איך שפּיל דאָס אָלראַיט...

---

21) ווער? איך?
22) ביליאַרד־פּלאַץ. — 23 כינעזער. — 24) גוטע אַרבעט, בחורל.
25) קענסט די שפּיל אויסגעצייכנט. — 26) זיכער.

— ווי אַזוי הייסטו? — האָט אים דער פּאָליסמאַן פּלוצלונג געפרעגט.

— הו? מי? — האָט ער זיך אַפילו נישט פאַרטשעפּעט — טשאַרלס, טשאַרלס ענדריוס, סער...

— אַהאַ! — האָט דער פּאָליסמאַן פּונקט ווי פריער, זיך נישט געשפּאַרט מיט אים — וועל... 27) — און איינעם שרימפּי קענסטו?

— נאָו סער, קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ...

— און אין דאָים האָסטו מיט אים אויך נישט געשפּילט?

— מי? נאָו...

— און אין דזשערי'ס „פּול־רום" האָסטו אים אויך נישט באַגעגנט?

— נאָו...

— און מיך קענסטו? — האָט דער פּאָליסמאַן אים צוגערוקט דאָס פּנים זיינס.

שרימפּי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט: ניין! אָבער ביי זיך האָט ער געוואוסט, אַז יאָ. ער האָט אים אַמאָל געזען טאָקע אין דזשערים „פּול־רום". ער איז, דאַכט זיך אים, דאַמאָלס געווען צוזאַמען מיט ראָקי, דעם רעקעטיר.

— אָלראַיט, קענסט גיין.

שרימפּי וויליאַמס האָט אויפגעאָטעמט, כאָטש עפּעס, האָט ער געפילט, איז דאָ נישט גלאַט. אפילו ווען ער, דער „קאָפּ", ווייסט טאָקע נישט מער, ווי דאָס ביסעלע, אַז ער, שרימפּי, איז געווען ביים „טשינק"; אַז ער, שרימפּי, פאַרלייקנט זיין נאָמען, — וועט ער אים אַזוי, אַז עפּעס, אַוועקלאָזן? ניין, עס קען נישט זיין...

און באַלד האָט ער טאַקע אויסגעפונען, אַז ער איז געווען גערעכט. ווייל אַזוי ווי ער האָט נאָר געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין, האָט אים דער „קאָפּ" נאָכאַמאָל אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל, אַראָפּגעבויגן זיך אַביסעלע כדי צו קאָנען אים אַריינקוקן גלייך אין די אויגן און צו אים אַ זאָג געטאָן:

27) נו.

— ווארט...
נאכדעם האט ער זייער שטיל און זייער פארטרויליך געפרעגט:
— ליסן, דענקסטו, אז דו קאנסט אפנארן דאס געזעץ?
— נאו, סער! — האט שרימפי געענטפערט, אויך שטיל און פאר־טרויליך — איך...
— קום אהין־א!... — האט דער פאליסמאן אים אנגעוויזן אויף א ליידיקן פלאץ, דערלעבן — זאג מיר, מאי באי, וויפיל איז עס?...
שרימפי האט ארויסגענומען א האנט מיט פאפיר־געלט.
— פיפטי־פיפטי,28) שרימפי וויליאמס?
— דעם ראיט! אי שוד סעי סאו! 29)
און אין א רגע ארום:
— אבער מיין נאמען, זאלסטו וויסן, איז נאך אלץ טשארלס, טשארלס ענדריוס, סער...
— בעט יאר בוטס! 30) — האט מיט אים איינגעשטימט דער פאליסמאן. און אוועקגייענדיק האט ער אים בלויז, מעשה פריינטשאפט, געווארנט:
— אבער דאס צווייטע מאל, מאי באי, זאלסטו וויסן, אז דאס געזעץ קאן מען נישט אפנארן...
— נאו סער!... — האט מיט אים איינגעשטימט שרימפי וויליאמס — דאס געזעץ קאן מען נישט אפנארן...

28) העלפט אויף העלפט. — 29) פארדאמט גערעכט! אזוי דענק איך. — 30) כ׳וועט דיינע שטיוול.

טאַם האָט פאַרשלאָפן

טאַם איז געשטאַנען ביים יאַטקע קלאָץ אַ שטאַרק אומגעדולדי־קער, באַהערשט פון אַ ברענענדיקער דערוואַרטונג. די שטיקער פלייש און די פעטע ביינער, וואָס ער האָט אויסגעטיילט די ווייבער, זענען אים גע־פאַלן פון די הענט.

דער זייגער איז שוין געווען באַלד צוועלף — און קיין סוף האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט באַדאַרפט זיין דאַרטן פיר (אַ וואַרימקייט נעמט אים אַרום, ווען ער דערמאַנט זיך וועגן „דאַרטן"...). און ער וואָלט נאָך וועלן כאַפּן כאָטש אַ דרימל, איידער ער גייט אַהין, אַפּווישן די מיד־קייט פון זיין פּנים. ער ווייסט עס שוין פון פּראַקטיק, טאַם: נאָך אַ גע־שמאַקן דרימל איז ער גאָר אַ נייער מענטש. ער זעט גאָר אויס אַנדערש: פרישער, געזינטער (כאָטש וועגן דעם האָט ער נישט וואָס צו זינדיקן), לעבעדיקער, און — טאַקע שענער אויך. ער שעמט זיך נישט אויסצוזאָגן... און דווקא היינט וואָלט ער גראָד וועלן אויסקוקן עפּעס אַזוי... עפּעס אַזוי־אַ...

טאַם איז געווען אַ שווערער אויפן לשון, פּונקט ווי ער איז געווען שווער אויפן טראַכטן. אין מויל האָט ער געהאַט אַ צונג, אַזאַ גרויסע און אַזאַ פלייסיקע... האָט ער געדענקט, אַז זי איז אים אין וועג. ווען זי איז נישטאָ, וואָלט ער אפשר געקענט רעדן, פליסיק און פלינק. דער מוח־אַפּאַראַט איז ביי אים עפּעס אויך נישט געווען מיט אַלעמען. געדאַנקען און איינ־פאַלן פלעגן פון אים וויי‌כן. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָט ער נישט געוואוסט. דאַכט זיך, אַז אויפן קוק איז דער קאָפּ זיינער אַזאַ גרויסער, אַזאַ ריזיקער,

אַזאַ קוילעבדיקער, ווי אַן אמתע דיניע. ווי־זשע קומט עס, אַז אינעווייניק זאָל זיין אינגאַנצן הויל, אינגאַנצן ליידיק?...

בלויז אַמאָל, זעלטן־ווען, פלעגט אַ געדאַנקעלע פאַרבלאָנדזשען און דורך אַ הינטער־טירעלע זיך אַריינכאַפּן אינעווייניק, אינם קאָפּ אַריין. אָבער לאַנג האָט זיך עס נישט געקאָנט דאָרטן האַלטן. עס איז ראַפּטום פאַרשוואונדן, צי אויסגערונען — און פאַרטיק.

טיילמאָל איז אים גאָר איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, ווען ער קען זיך עפּעס דינגען אַ מענטשעלע, וואָס זאָל פאַר אים טראַכטן און רעדן, פונקט ווי מען קאָן זיך דינגען אַ העקער צום יאַטקע־קלאָץ, אַ פליקערין צו הינער. ער קאָן האַקן פליש — אָל־רייט... ער קאָן טרייבערן אַ קעלבל — אָל־רייט... דאָס איז זיין פאַך. נישט יעדער איינער קאָן דאָס. אָבער טראַכטן — דאָס איז נישט זיין פאַך... און רעדן...

קאָן זיין, אַז דערפאַר האָבן אים די מיידלעך נישט ליב. ווייל ווען יאָ, וואָלט ער דאָך נישט דערגאַנגען צו זיינע אַכט און דרייסיק יאָר. די היגע מיידלעך האָבן ליב, אַז מען רעדט אַ סך. מען מעג זיי אַנרעדן אַ פולן בויך מיט ליגנס, מאַכט אויך נישט אויס. אַבי מען רעדט.

אויפן אויסזען איז ער אפילו נישט קיין מיאוסער, טאָם. ער האָט אַ רויט פּנים, מיט אַ פּאַרגאָסענעם האַלז, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פּאָר געזונטע ידים. און די וואָג האָט ער אויך. ער וועגט בסך הכל קנאַפּע צוויי הונדערט פונט. דעם „קנאַפּע" זאָגט ער אַלע מאָל אומישנע הויך און מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג, כדי מען זאָל מיינען, אַז עס פעלט אים אַ היפּש ביסל צו די צוויי הונדערט. ווייל ער האָט שטאַרק מורא פאַר אַן עין־הרע, טאָם. און מענטשן האָבן אַ טבע צו געבן יענעם אַ גוט אויג...

ער, ווען ער קען עפּעס קריגן אַן אַמעריקאַנערין פאַר אַ כלה, וואָלט איר שוין ביי אים גאָרנישט געפעלט. ער וואָלט זי געפּאַשעט מיט לעבער־לעך און מיט גראַשיצע און מיט סטעיקס און מיט געהירן און מיט אַלצ־דינג... דאָס אויסגעדאַרטסטע מיידל, ווען זי קומט צו אים אַן, וואָלט גע־מוזט ווערן ביי אים עפּעס... עפּעס אַ... — ווי זאָל ער עס זאָגן? — אַ פעט גענזל וואָלט זי ביי אים געוואָרן...

אָבער עס קומט אים נישט אונטער דאָס, וואָס ער וואָלט גע־

וואָלט, און נעמען אַ „גרינע" מיידל, אַ יוראָפּעאישע, און איר געבן צו עסן. איז אויך נישט קיין פּלאַן. ער איז שוין אַזוי לאַנג אין אַמעריקע, צוועלף־דרייצן יאָר, ווי וועט ער זיך קאָנען איינלעבן מיט אַ „גרינער חיה"?

די ווייבער, אָט די, וועלכע פלעגן ביי אים קויפן, פלעגן אים דערגייען די יאָרן:

— טאָם, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— ווי לאַנג דענקסטו אַזוי צו פאַרבלייבן אַן־אַלטער בחור, טאָם?

— אַזאַ באַי ווי דו, טאָם, מיט אַזאַ סטאָר, מיט אַזאַ באַלעבאַטיש־קייט, וואָלט באַדאַרפט האָבן עמיצן.

— וואָס, בענקסט גאָר נישט נאָך קיין קינד, טאָם?

אַזוי אַלע טאָג כמעט. ער האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. ער־שטענס, זענען זיי געווען זיינע „קאַסטימערס". און פון „קאַסטימערס" מוז מען אַלץ אויסשטיין. צווייטנס, האָט עס אים טאַקע נישט געאַרט. ווייבער ווערן פאַרטיק מיט די היימישע פּליאַטקעס, נעמען זיי זיך צו פרעמדע. נאָכאַלעמען איז טאָם אינגאַנצן נישט געווען קיין שיפּע זיבעלע. עפּעס האָט ער נאָך פאַרשטאַנען.

טייל האָבן אים נאָך גערעדט שידוכים, — מיט מיידלעך, מיט ווייבלעך, גרושות, אלמנות... אָבער עס איז נישט געווען דאָס. ער האָט געוואָלט עפּעס אַזוינס... עפּעס אַזוינס־אַ — כאָטש מיט אַלע מעלות. נישט צו־דין (ווייל זי קען זיך נאָך געבן אַ ברעך־איבער אונטער זיינע ידים) און נישט צו־דיק (ווייל ער וועט זיך שעמען צו גיין מיט איר אין טעאַטער), און נישט צו־געבילדעט (זי וועט פון זיך צופיל האַלטן), און נישט צו־פּראָסט (דאָס איז ער דאָך אַליין...).

איינמאָל האָט מיט אים פּאַסירט אַזאַ פאַל: ער איז געפאָרן מיט זיין „פאָרדל" אין דער באַנק אַריין. אויפן וועג, אין סאַמע רעכטן מיטן פאָרן, איז דעם טראַפיק־פּאָליסמאַן איינגעפאַלן צו הייסן בלייבן שטיין. אים, טאָמען, האָט ער אויך געהייסן בלייבן שטיין.

ער איז געווען אומגעדולדיק, האָט געהאַלטן דעם פוס זיינעם אויפן גאַז־רעזערוו און געוואַרט אויפן ערשטן בעסטן פייף. אָבער ווי אויף צו־להכעיס דאַט זיך דער פּאָליסמאַן נישט געאײַלט צו פייפן. ווײַל

פאַר אַ מין מאָדנער פּאַליציאַנט איז דאָס, וואָלט ער געוואָלט וויסן? אפשר טראַכט ער זיך, אַז ווען די באַנק וועט זיין פאַרמאַכט, וועט אים טאָס געבן צו האַלטן דאָס געלט ביז מאָרגן?

פלוצלונג האָט זיך זיין אויג געגעבן אַ דערפריי. עס איז געגעבן אַ פאַל־אַרויף אויף אַ פּנים — ניין: אויף אַ פּנימל, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען אַזוי ווייס און אַזוי קלאָר, ווי... ניין, ער האָט נישט געקענט געפינען קיין שום פאַרגלייך. אַ היטעלע האָט זי געטראָגן אַ ווייס, און אַ קלייד אויך אַ ווייס, און שיך אויך ווייסע, און אינגאַנצן האָט זי אין זיינע אויגן אויסגעזען, ווי אַ ווייס, קלאָר, דורכזיכטיק שטיקעלע חן.

זי איז געשטאַנען אין ראַג פון גאַס און האָט געוואַרט, קענטיק, אויף אַ „באַס".*)

אינעווייניק אין אים האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן רודערן. עפּעס האָט ער געוואָלט זאָגן, עפּעס האָט ער געוואָלט טאָן, אין פאַרבינדונג מיט דער ווייסער חנעוודיקער זאַך, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראַג. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן זיך און אַרויספּלעכטן זיין פאַרלאַנג.

געקומען צו הילף איז אים זי אַליין. די ווייסע זאַך אַליין. ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און באַמערקט זיינע בליקן אויף זיך, וואָס האָבן ביי איר געמוזט אויסקוקן זייער קאָמיש, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. טאָס האָט עפּעס נישט געוואוסט ווי אַזוי, נאָר אַ רעדעוודיקייט איז אַריין אין זיינע הענט, און אין איין רגע איז ער שוין געשטאַנען לעבן איר מיטן „פּאַרדל".

אַן שום וואַקלעניש און מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט אים דורכגענומען אויף דורך און דורך, איז זי אַריין אינעווייניק, אין מאַשין, און האָט זיך געזעצט גלייך לעבן אים.

די באַנק האָט ער טאַקע יענעם טאָג פאַרשפּעטיקט, דערפאַר אָבער האָט ער געוואונען אַזוינס, וואָס הונדערט מיט פופציק באַנקען וואָלטן אים נישט געקאָנט געבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען נישט נאָר ווייס, נאָר בלאָנד און שיין און קלוג און אַמעריקאַניש, אַן אמתע אַמעריקאַנערין.

---

*) אויטאָבוס.

זי איז געווען צו אים גוט. זי האָט גערעדט און אים געלאָזט שווייגן. און ווען ער האָט שוין יאָ אַמאָל עפעס געזאָגט, האָט זי אים אויף אַ זייער גוטמוטיקן אופן אויסגעבעסערט. אים איז דאָס געפעלן, און ער האָט זיך געוואונטשן, אַז הלוואי האָט זי מיט אים חתונה, וועט ער לעבן איר ערשט ווערן אַן אמתער אַמעריקאַנער.

דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. ער האָט זי צוגעפירט, וואוהין זי האָט באַדאַרפט, און געקראָגן פון איר אַ צוזאָג צו טרעפן זיך מיט אים זונטיק, פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, אויף אַ באַשטימטן פלאַץ.

ער איז געפאָרן אַהיים אַ פרייליכער, אַ גליקלעכער. די גאַסן מיט די מענטשן מיטן הימל און אַלץ מיט אַן אַנדער האָט אין זיינע אויגן אויסגעקוקט שיין און ווייס און בלאַנד און לויטער. אַ ספעציעלן חן האָבן ביי אים איצטער געהאַט די טראַפיק פאָליסלייט. צו זייער ווייסקייט און חנעוודיקייט איז גאָרנישט געווען קיין גרעניץ. עס האָט אים איצטער נאָר געערגערט, הלמאי ער איז פריער אין כעס געווען אויף יענעם פאָליסמאַן, וואָס האָט אָפגעשטעלט דעם גאַסן־פאַרקער. קען זיין, אַז יענער האָט גאָר געמיינט אים, טאָמען, אַ טובה צו טאָן. ווייל, ווען נישט דאָס, וואָלט ער דאָך נישט געווען באַגעגנט ביבין. וואָלט ער איצטער נישט געווען אַזוי גליקלעך. וואָלט דער נאָמען אירער נישט אָפגעקלונגען אין זיינע אויערן, ווי דער אָנגענעמער קלאַנג פון אַ פריש ביילעקל אויפן יאַטקע־קלעצל...

זונטיק, אַרום איינס אַזייגער, ווען ער האָט שוין קוים מיט צרות אַרויסגעפטרט אַלע ווייבער פון סטאָר, האָט ער זיך פאַרמאַכט פון אינעווייניק, זיך גענומען וואַשן און קעמען און פוצן און ראַזירן. ווען ער איז מיט דעם אַלעם פאַרטיק געוואָרן, איז אים נאָך אַלץ געבליבן קנאַפע צוויי שעה צייט. דאָס פאָרן וועט אים נעמען אַרום אַ האַלבע שעה. וואָס־זשע זאָל ער טאָן מיט די פרייע אַנדערטהאַלבן שעה?

ער וועט זיך צולענען. ער וועט כאַפן אַ דרימל, אַ קליין דרימעלע בלויז. אי ער וועט זיך פילן בעסער, אי ער וועט אויסזען שענער. טאָמער וועט אַלץ גיין אַ'רייט, וועט ער נאָך אפשר היינט זאָגן ביבין, אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן. ער וועט איר צוזאָגן אַלצדינג, וואָס זי וועט נאָר פאַרלאַנגען. ער וועט איר זאָגן, אַז ער וועט זי באַהאַנדלען גוט. ער וועט זי

פּאַשן מיט די בעסטע לעבערלעך, מיט די פיינסטע גראַשיצעס.

ער האָט אָנגעהויבן ווערן מיד. ער האָט די וואָך געאַרבעט שווער. היינט איז ער אויפגעשטאַנען פינף אַזייגער פאַרטאָג. די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן קלעפּן... כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט נישט פאַרשלאָפן, האָט ער אָנגעשטעלט דעם זייגער אויף צו קלינגען דאָס אַלאַרם־גלעקל אויף צוואַנציק מינוט נאָך דריי.

טאָם איז געשלאָפן אַזוי לייכט און אַזוי גוט. אין חלום איז אים אַנטקעגנגעקומען ביבי, און ער האָט געשמייכלט. עס איז אים געווען זייער אָנגענעם צו זען ביבין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זיצט מיט איר ביי אַ טיש, און זי עסט ביי אים איין לעבערל נאָכן אַנדערן. און נאָך יעדן לע־בערל, וואָס זי עסט־אויף, קומט איר צו אַ פונט. נאָכן עסן האָבן זיי גערעדט ענגליש. זי האָט אים געהאַלטן אין איין אויסבעסערן. און אים איז עס אַלץ מער געפעלן געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז נאָך אַביסעלע און נאָך אַביסעלע — און ער וועט ווערן אַן אמתער אַמעריקאַנער.

מיט די אַלע געדאַנקען און מיט די אַלע זעאונגען איז ער געשלאָפן, אַזוי לייכט און אַזוי גוט. און מיט אַ מחיהדיקן טעם אין מויל, האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף.

ער האָט זיך אַ רייב געטאָן די אויגן, ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — עס איז געווען... עס איז געווען... צוואַנציק מינוט נאָך זעקס.

אַ גרויסער שוויים האָט אים באַשלאָגן. וואָס טוט זיך דאָ? איז ער פאַרשלאָפן? איז דער זייגער משוגע? וואָס טוט זיך דאָ?...

שווער און ביטער איז אים געוואָרן אויף זיין האַרץ. פון דעם פריערדיקן מחיהדיקן טעם אין זיין מויל איז שוין מער קיין זכר נישט גע־בליבן. אַנשטאָט דעם, איז אים איצטער געווען זויער, ביטער, געזאַלצן, ווער ווייסט... ער האָט נישט געוואוסט. אייך זאָך: שלעכט איז אים געווען אָרום און אָרום.

ער האָט גענומען דעם זייגער איז האַנט — ער גייט! ווען־זשע האָט ער געראָנגען? איז עס מעגלעך, אַז ער האָט נישט געהערט? איז עס מעג־לעך, אַז ער איז אַ טויבער? איז עס מעגלעך, אַז דאָס אַלאַרם גלעקל איז אַ גנב?

— נאַ! אויב אַזוי — נאַ!...

אַ קלונג. אַ קלאַפּ. אַ צעפּאַלן־זיך פון געווערק. דער זייגער איז געלעגן אויף דער ערד אַ צעברעקלטער, אַ צעממיתטער.

אוים. נישטאָ מער קיין ווייסע קלאָרע זאַך. נישטאָ מער קיין ביבי. ער ווייסט נישט וואו זי וואוינט. און ער ווייסט נישט איר צווייטן נאָמען. איין זאַך ווייסט ער בלויז: אַז ער איז אַ פערד, אַ בהמה, אַן אָקס — אַט וואָס ער ווייסט! אַז מען האָט אַ „דעיט"*) מיט אַזאַ מלאך, און מען פאַרשלאָפט אים, וואָס־זשע דען איז מען?...

מער וועט זי שוין צו אים נישט שמייכלען. מער וועט זי שוין ביי אים נישט עסן קיין לעבערלעך. און מיטן ענגליש וואָס וועט זיין? וועט ער שוין אַלע יאָרן זיינע מוזן פאַרבלייבן אַ „גרינער", — דער „גרינער" טאָם?...

*) ראַנדקע.

דאָס נאַרעלע

מען האָט אים גערופן „דאָס נאַרעלע". אַזוי פּריינט, אַזוי סתם מענטשן. געמיינט האָט מען גאָר פּשוט צו זאָגן, אַז ער איז אַ נאָר. נאָר אַזוי ווי אין כאַראַקטער איז ער געווען נישט קיין שלעכטער, האָט מען עס געמאַכט מילדער — אַ נאַרעלע. און אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען איז מען געווינלעך מוחל אַ סך זאַכן.

דעם צונאָמען האָט ער געקראָגן דערפאַר, ווייל ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע פון אַ ליטעראַרישן שמש. און ער האָט די דאָזיקע אויפגאַבע זיינע גענומען זייער ערנסט. אַזוי האָבן אַלע געמיינט. וואו נאָר אַ ליטעראַרישע פאַרזאַמלונג, אַ קינסטלערישער צוזאַמענקום, איז ער געווען דער הויפּט־מחותן. ער האָט געלאָזט הערן זיין וואָרט. ער האָט געלאָזט אָפּקלינגען זיין שטים. ער האָט זיך געקאָכט און געשריגן און קריטיקירט און געמוסרט און געהאַלטן אין איין אַנווייזן אויף די שאַטנדיקע זייטן און איבערלען, וואָס באַהערשן די אידישע ליטעראַטור. טיילמאָל, זעלטן־ווען, פלעגט ער אויך אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט — ניין, אַ ווערטעלע, אַ קליינס, אַ מאַגערס, אַ באַצימצומדיקס. ווייל ער האָט געקענט זיינע שרייבער, זיינע טאַלאַנטן. אָ, ער האָט זיי גוט געקענט. ווי נאָר זיי דערהערן פון עמיצן אַ גוט וואָרט וועגן זיך, ווערן זיי גלייך ביי זיך גאַנצע תקיפים. מען הייבט זיך אָן בלאָזן פון גאווה, מען הערט־אויף צו אַרבעטן איבער זיך, און — מען ווערט אויס טאַלאַנט.

און דאָס האָט אונזער נאַרעלע נישט געוואָלט. נישט דערפאַר האָט ער זיך אונטערגענומען — מען קאָן זאָגן: פרייוויליס אונטערגענו־

מען — צו זיין דער וועכטער, דער באַשיצער, א. אַז. וו. פון דער אידישער ליטעראַטור. אַ, נישט דערפאַר...

ער אַליין איז נישט געווען קיין שרייבער. ער האָט נישט געהאַט דאָס געדולד אַוועקצוזעצן זיך ביים שרייבטיש און שרייבן — און טראַכטן (אַ סך שרייבער, האָט ער געהערט, טראַכטן אפילו ביים שרייבן...). נו, האָט ער אויף זיך גענומען אַן אַנדער ראָלע. אַ מער־באַשיידענערע, לויט זיין מיינונג. דערפאַר אָבער — אַן אַן אַ שיר וויכטיקערע.

לויט זיינע שונאים׳ס אויסטייטש (ער האָט דאַרטן געהאַט עט־לעכע) איז אויסגעקומען אַזוי:

קיין טאַלאַנט איז ער נישט; קיין צעבראָכענע שורה קען ער אַליין נישט אָנשרייבן; שרייען שרייט ער הויך; קאָכן קאָכט ער זיך שטאַרק: קריטיק וואַרפט ער אויף רעכטס און אויף לינקס; דעות זאָגט ער אַריין, כאָטש מען פרעגט אים נישט — טאָ וואָס־זשע איז ער, אויב נישט קיין נאַר?

לויט די פריינטס אויסטייטש:

קיין טאַלאַנט טאָקע נישט; קיין מבין טאָקע נישט; ערנסט נעמט ער זיך דווקא יאָ; קאָמיש איז ער נעבעך איבערגעגוג — וואָס־זשע, אויב נישט א. אַז. וו., א. אַז. וו.

זיין אייגענעם אויסטייטש האָט קיינער נישט געוואוסט, אויסער אים אַליין. אָבער ער אַליין האָט אויסגעזען זייער מיסטעריעז. תמיד האָט ער געשמייכלט. שטענדיק האָט ער אַנגעקוואַלן. מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז מחמת גרוים נאַרישקייט. בלויז אַ קליינע צאָל, וואָס האָט אים געקענט נענטער און בעסער, האָט חושד געווען, אַז אינעווייניק אין אים לעבט אַ באַהאַלטענער חוזק, וואָס נאַרט אָפּ די וועלט; אַז ערגעץ־וואו, צי אין די לאַנגע, פילאָזאָפישע, טיף־געדאַנקענדיקע האָר זיינע, צי אין די גאָל־דענע רעמלעך פון זיינע ברילן, ליגט אויסבאַהאַלטן אַן אַנדער מין מענטשל, אַ הינטער־מענטשל, וואָס איז, קען זיין, גאָר דער אמתער, דער סאַמע אמתער באַלעבאָס פונם נאַרעלע; דאָס נאַרעלע אַליין, האָט דער טייל מענטשן חושד געווען, איז נישט מער ווי אַ מאַסקע, אַ שאַטן...

עס איז געווען מאָדנע, וואָס קיינמאָל האָט דאָס נאַרעלע נישט געאַרבעט (מחמת ער האָט זייער פיינט געהאַט צו אַרבעטן, און אַ מענטש,

האט ער געזאגט, איז נישט מחויב צו גיין קעגן זיין אייגענעם ווילן: א מענטש איז נישט מחויב צו טאן זאכן, וואס זענען אים נישט צום הארץ...) און איז געגאנגען שיין אנגעטאן, אויסגעפוצט, יעדער זאך געפרעסט און אקוראט צוגעפאסט צום קאליר. אלעמאל האט ער געהאט געלט איז קעשע־נע. איז געזעסן אויף א שטענדיקער דיעטע פון די בעסטע און טייערסטע מאכלים (דער מאגן זיינער איז מיט אים נישט געווען איז אזעלכע גוטע באציאונגען...). ער האט געזען כמעט יעדע נייע פיעסע אויף בראדוויי. אלע נייעסטע קינא־בילדער.

נאאיווע מענטשן האבן זיך געוואונדערט. אים געפרעגט:

— וואו נעמסטו דאס אלץ?

האט ער געשמייכלט מיט דעם נארישן שמייכל זיינעם און גאר־נישט געענטפערט. בלויז דער אפשיין פון די גאלדענע רעמלעך פון זיינע ברילן האט געזאגט:

— זייט זיך משער...

און מען האט זיך טאקע אנגעהויבן משער צו זיין, אז דאס נארעלע מאכט גאר א לעבן אויף א גאר אייגנארטיקן אופן. ער לאזט זיך אויסהאלטן פון פרויען, פון די אזוי־גערופענע „ליטערארישע פרויען", וועלכע ווערן פאר־פאלגט פון אן אייביקער, קרענקלעכער קינסטלער־מאניע. זיי שטעלן זיך נישט אפ פאר קיין פרייז, אבי נאר צו קענען זיין נאענט צום טעמפל פון שאפונג. און אט דאס נארעלע אונזערס האט אויף א גאר נישט־נארישן אופן אויסגענוצט זיין קרובהשאפט און מחותנימשאפט מיט דער אידישער ליטעראטור און אירע קינסטלער און איז געווארן דער פארמיטלער צווישן די צוויי צדדים. א סך ארויסגעהאלפן איז דעם האבן אים די לאנגע פילא־זאפישע האר און די גאלדענע רעמלעך פון זיינע ברילן. און איידער וואס־ווען, איידער ער האט שוין באוויליקט צו באקענען איינע אזא „ליטערארי־שע פרוי" מיט אן אמתן שרייבער, האט ער פריער געמוזט קריגן זיין שכר־טרחה אויף אזא אופן, אדער אויף אן אנדער אופן...

און די פרויען און מיידלעך, ווי נאר זיי האבן אויסגעפונען, אז ער איז א נארעלע, האבן זיי זיך מיט אים אויפגעהערט רעכענען ווי מיט אן ערנסטן מענטש. דאס איז דווקא געווען פאר אים א גליק. ווייל וואס ווייניקער א פרוי רעכנט זיך מיט א מאן, אלץ מער קאן ער ביי איר

אַרויסקריגן. דאָס ליגט שוין אין דער טבע פון דער פרוי... דערפאַר, קאָן אפשר זיין, האָט ער זיך באמית אַנצוהאַלטן דעם אייביקן תמעוואָטן שמייכל זיינעם און ער האָט גערעדט וואָס נאַרישערע רייד, כדי זיי, די פרויען, די מיידלעך, זאָלן זיך מיט אים וואָס וויניקער רעכענען...

איינמאָל האָט ער זיך באַקענט מיט דריי שוועסטער: טילי, לילי און מילי. אַראָפּגעקומען קיין ניו יאָרק פון ערגעץ אַ פּראָווינץ־שטאָט, וואו זיי האָבן געוואוינט די עטלעכע יאָר פון זייער זיין אין אַמעריקע, אין אַ אידישער סביבה, זייענדיק אויסגעהונגערט נאָך אַ היימישער אַטמאָספער, נאָך אַ אידיש וואָרט, — זענען זיי געווען שטענדיקע באַזוכערינס פון אַלע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען און קינסטלערישע אונטערנעמונגען, אויף וועל־כע עס פלעגן אַרויסטרעטן אַ סך אידישע שרייבער און קינסטלער. די שוועסטער, באַלעזענע, אינטעליגענטע מיידלעך פון דער אַלטער היים נאָך, האָבן געשלונגען אַלץ, פונקט ווי מען שלינגט אַ גוטן, זאַפטיקן געטראַנק נאָך אַ גרויסן דורשט.

דאָס נאַרעלע, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציאַליטעט אויפצוכאַפּן נייע פּנימער, פּאַסיקע קאַנדידאַטקעס פאַר דער קאַפּע, האָט זיך גלייך צו זיי צוגעשאַרט. אומגעבעטענערהייט האָט ער זיי אָנגעהויבן צו דערקלערן ווער דער שרייבער איז, ווער יענער. און אַז ער קען זיי, די שוועסטער, מיט דער צייט באַקענען מיט יענע־אַ גרויסע מענטשן. ער קען זיי אַלע אויסגעבונדן.

די שוועסטער, סוף כל סוף נאַאיווע פּראָווינציעלע מיידלעך, האָבן זיך פאַרקוקט אויף זיינע לאַנגע האָר, אויף די גאָלדענע פענסנע, און געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך מי יודע וועמען. זיי האָבן אים זייער האַרציק באַדאַנקט, און לויט זייער קוקן אויף אים האָט דאָס נאַרעלע מיט זיין נאַרישן שכל פאַרשטאַנען, אַז עס לוינט זיך אים צו פאַרפירן אַ ליבע מיט אַלע דריי שוועסטער. ער וועט עס אָבער דאַרפן מאַכן אַזוי, אַז איינע זאָל נישט וויסן פון דער אַנדערער...

טילי האָט טאַקע נישט געוואוסט פון לילין, און לילי האָט נישט געוואוסט פון טילין, אָבער מילי האָט גוט געוואוסט פון זיי ביידע. און מחמת דעם, וואָס עס האָט זי האָט שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי די שוועסטער אירע נעמען־צו דאָס גאַנצע נאַרעלע פאַר זיך אַליין, און איר, דער אינגע־

רער, הייסן זיי זיך פאַרשפּילן מיט עפּעס אַנדערש, האָט זי איינמאָל אָפּ־געטאָן אַזאַ זאַך:

דאָס נאַרעלע איז זיך געזעסן אין דער קאַפּע זייער ברייטלעך און זייער אויפגעלייגט און ער האָט געהאַלטן אין באַשטעלן איין מאכל בעסער פאַרן אַנדערן פאַר זיך און פאַר לילין. אויפן האַרץ איז אים געווען אַזוי וואַרים, און אין קעשענע אויך. לילי האָט אים נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעשטופּט אַ פינפער־דאָלאַר אין האַנט אַריין „מיט געוואָלט". יאָ, מיט געוואַלט. ווייל ער האָט זיך „געוועהרט", דאָס נאַרעלע. „אַ מיידל אַרבעט אַזוי שווער, ווען ער זיך דערלויבן..." אַ. אַז. וו....

אָבער לילי האָט זיך שטאַרק געהאַט פאַרקוקט אין זיינע אויגן, אויף וועלכע עס האָט גערוט דער גאָלדענער אָפּשיין פון די רעמלעך פון זיינע ברילן; זי האָט אַריינגעגראָבן אירע פינגער אין זיינע לאַנגע האָר — בלויז אַזוי־אַרומער האָט זי ביי אים „געפּועלט" צו נעמען „די קליינע סומע".

ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַרונטערשלינגען אַ פלוים (ער האָט שוין געהאַלטן ביים קאָמפּאָט), איז פאַר אים געגעבן אַ וואַקס־אויס מילי מיטן פאַטער. ווען ער האָט אים דערזען (ער האָט, מיט דעם נאַרישן שכל זיינעם דערפילט, אַז דאָס איז ער...), איז אים אַ קער געבליבן שטעקן אין האַלז. לילי האָט זיך בשעת מעשה אויך אַ מיניע געטאָן.

דאָס איז געווען אַ איד אַ הויכער און אַ ברייטער, אַזאַ, וואָס קען, לויט דעם נאַרעלעס אָפּשאַצונג, נישט נאָר אים, נאָר יעדן איינעם מאַכן פילן נאַריש און קליין. ער האָט געהאַט אַ גרויסע נאָז און גראָבע ליפּן, און ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל צו רעדן, האָט זיך די אייבערשטע ליפּ געאייניקט מיט דעם אונטערשטן טייל נאָז... און די ווערטער, וואָס זענען פון אים געפאַלן, שווערע, סאַפּענדיקע, אַט־די ווערטער איז שווער געווען צו באַשטימען פון וואַנען זיי קומען: פונם מויל, צי פון דער נאָז. ווייל די קלאַנגען זענען מער ענלעך געווען צו נאָז־קלאַנגען, ווי צו מויל־קלאַנגען.

אָט ווי דער ערשטער קלאַנג האָט אָפּגעעכאָט אין דעם נאַרעלעס אויערן:

— אַזזז־וי־וי... דאָס ביסטו דער... דער... פּילאָזזז־אָהה!... אַזזז־וי...

דער צווייטער קלאַנג:

— אַהאַ־אַ־אַ... ביסט אַ ששש־ר־אַ־אַ־בעהרר!... זאָג־זשע מיר, דו שששש־ר־אַ־אַ־בער מאַ־אַנער: וויפיל פאַרדינסטו אַ וואָך, וואָס דו נעמט זיך אונטער צו לעבן מיט צוויי וואַ־אַבער?...

דעם נאַרעלעס פּנים איז אַצינד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלירנדיק זייפנבלעזל, וואָס אַנטקעגן דער זון. אָט איז׳ס געוואָרן רויט, אָט גרין, אָט בלייך, אָט געל. צייטנווייז האָט עס גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן דעם פאָרם פון אַ פּנים. ס׳איז איינגעצויגן געוואָרן, טאַקע פונקט ווי אַ זייפנ־בלעזל.

די גאָלדענע פענסנע זענען געווען שרעקלעך נערוועז און זענען אַרומגעשפּרונגען אויף דעם דאָרן נעזל זיינעם. ער האָט געזוכט צוריקצו־קריגן דאָס גלייכגעוויכט דערמיט ,וואָס ער האָט געוואָלט אַרויפקלעפּן דאָס באַקאַנטע נאַרישע שמייכעלע אויף זיך — דאָס שמייכעלע, וואָס האָט אים שוין אַזוי פיל מאָל אַרויסגענומען פון בלאָטע. אָבער עס איז נישט געגאַנגען. דאָס מויל זיינס האָט זיך נישט אויסגעלייגט צו שמייכלען. אַנשטאָט דעם, איז ער געזעסן און האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט און געוואָרט—און איז געווען גרייט אויפן ערגסטן, וואָס קאָן זיכער קומען פון אַזאַ איד, אַזאַ הויכן, אַזאַ ברייטן...

און צום לעצט, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער איד פאַרלאַנגט פון אים נישט מער ווי אַ קלייניקייט, אַזאַ מין קלייניקייט, אַז ער זאָל התונה האָבן מיט איינער פון זיינע טעכטער, איז אים גלייך אַרונטער אַ שטיין פונם האַרץ. מאָמענטאַל האָט דאָס מויל זיינס זיך צעשמייכלט, נאַ־ריש און אומשולדיק, ווי תמיד. ער איז איצט געווען ביי זיך אינדערהיים און ער האָט איצט געפּרואווט זיך דינגען אַביסעלע.

— אָבער איך... — האָט ער אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער — בע, מע, בין אַרבעטלאָז... איך...

אַ גרויס געלעכטער האָט אויסגעבראָכן פון די מענטשן אַרום די טישלעך. אַ געלעכטער, וואָס האָט תיכף, ווי מיט אַ גראָב האַנטוך, אָפּגע־ווישט דאָס שמייכעלע, וואָס האָט שויז צוריק געהאַט גערוט אויפן נאַרע־לעס פּנעם. ווייל עס האָט פאַר יעדן איינעם געקלונגען שרעקלעך קאָמיש צו הערן אַזאַ מין זאַך פון דעם נאַרעלע: פון אַ פאַרשוין, וועלכן אַלע

האָבן געקענט, און וועגן וועלכן אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט קיינמאָל, קיינמאָל נישט געאַרבעט.

און דער הויכער, ברייטער איד, וועלכער איז, אַ חוץ זיין פיזישער גבורה, אויך געווען אַ געזונטער בעל־שכל, האָט פאַרשוויגן דאָס גרויסע גע־לעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַרום און אַרום אויפן חשבון פון זיין קומענדיקן איידים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאָס נאַרעלע אונטערן אָרעם, און צו אים געזאָגט:

— קום, מירן איבערשמועסן דעם ענין אינדערהיים...

זיי האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין דעם אויטאָמאָביל, וואָס דער הויכער, ברייטער איד האָט געטריבן. לילי און מילי זענען געזעסן אינעווייניק און דאָס נאַרעלע לעבן צוקונפטיקן שווער זיינעם. דער לעצטער האָט אין אָנפאַנג גאָרנישט גערעדט. ער האָט בלויז געדרייט דאָס רעדל פונם אויטאָמאָביל, געקירעוועט אויף רעכטס און אויף לינקס. מ'האָט גע־קאָנט זען, אַז דאָס גאַנצע מאַשינדעלע איז אין זיינע הענט נישט מער ווי אַ שפילכל. די צוויי מיידלעך האָבן אויך געשוויגן. דאָס נאַרעלע — אוודאי און אוודאי.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף אַ שטילער גאַס, האָט דער איד אים פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— הער נאַר, מיט וועלכער וואָלסטו געוואָלט חתונה האָבן?

— איך?... — האָט דאָס נאַרעלע אָנגעהויבן נעמען אַ טאָן, אַזאַ שטייגער טאָן, ווי אויף אַ וויכטיקער ליטעראַרישער פאַרזאַמלונג — איך, פאַרשטייט איר, בין מיט לילין...

— אַזזוי־וי? — האָט דער איד איבערגעזאָגט, אַז כעס און אַז עפּעס — דו ביסט מיט לילין... נו, אויב אַזוי, וועסטו ביי מיר חתונה האָבן מיט טילין.

דאָס נאַרעלע האָט געפּרואווט פּראָטעסטירן:

— אָבער ליבע... איר פאַרשטייט עפּעס... האַרץ־פאַרלאַנג... נשמה־ווייי, איר פאַרשטייט עפּעס... איך און לילי...

דאָס נאַרעלע איז אַריין אין דער ראָלע און ער האָט ערשט גע־וואָלט נעמען רעדן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסצואווייזן, אַז ער נעמט אַ וואָרט אויף אַ קינסטלערישן צוזאַמענקום

און פּראָווינציעלע מיידלעך קוקן אויף אים... אָבער איין שטרענגער קוק פון דעם געזונטן, ברייטן איד האָט אים גלייך אויפגעוועקט. ער איז שטיל געבליבן.

דער איד האָט גערעדט קלאָרע דיבורים:

— טילי איז ביי מיר די עלטערע און דערפאַר וועסטו מיט איר חתונה האָבן. און מיט אַרבעט וועל איך דיך שוין אויך פאַרזאָרגן. דו וועסט ביי מיר ווערן אויס פילאָזאָף און אויס שראַ־אַבער. וועסט ווערן ביי מיר אַ פּראָדוקטיוועך מענטש. איך וועל דיך אַריינזעצן אין איינעם פון מיינע שעפער און דו וועסט אַכטונג געבן, צי מען גיט אַרויס געגוג אַרבעט. און דאָס, וואָס דו ביסט אַ שטיקל שראַ־אַ־בער, איז אפשר אַ מעלה. וועסט קענען האַלטן רעכענונג וויפיל מען אַרבעט אויס... נו, ביסט צופרידן?

— האָט ער, לפנים וועגן, אים אַ פרעג געטאָן, ווייל ער האָט נישט גע־וואַרט אויף קיין ענטפער. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און געזאָגט:

— דאָ וואוין איך. גיי אַרויף און זע זיך מיט דיין כלה...

דאָס נאַרעלע האָט אויסגעשטיגן. ביידע מיידלעך אויך. דער שווער זיינער איז אַוועקגעפאָרן מיטן אויטאָ אין „גאַראַדזש" אַריין.

אויף די טרעפּ, גייענדיק צווישן לילין און מילין, איז דעם נאַרעלע אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַזאַ נאַרישער געדאַנק:

„וואָס, נאָכאַלעמען, וועט אים אַרן, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט טילין? לילי, וועלכע גייט לעבן אים איצט אַזוי נאָענט צוגעדריקט וועט נישט, גלויבט ער, דערווייטערט ווערן פון אים. פאַרוואָס זאָל זי דערווייטערט ווערן? מיט אַ פרעמדן האָט זי געקענט זיין נאָענט און מיט אַן אייגענעם שוואָגער נישט?... ער זעט נישט קיין שכל אין דעם. און אפילו די איינגסטע, מילי, אָט די, וועלכע גייט איצט ביי זיין לינקער זייט און האַלט אַ שטיק פון זיין האַנט אין אירער, — אפילו זי וועט אים נישט פאַרפרעמדט ווערן... איז, אַז מ'זעט די מעשה ווי זי איז, דאַרף מען זיך גאָרנישט, ווי מ'זעט, קיין צופיל עגמת נפש אָנטאָן — אַ יאָ, ניין?"

די מאָראַל פון דער געשיכטע איז, אַז נישט יעדער נאַר איז אַ נאַר פאַר זיך...

אין ניו יאָרק פּאַסירן זאַכן

עס איז געווען זונטיק אינדערפֿרי, אַרום אַכט אַזייגער. דזשעני איז געלעגן אין בעט און האָט שוין נישט געקאָנט שלאָפֿן. די יונגע פֿרילינגדיקע פֿרימאָרגן־זון האָט זי אויפֿגעוועקט. דער גרינער גערויש לעבן איר פֿענסטער פֿון דעם יונג־באַבלעטערטן בוים האָט זי גערופֿן אַרויס, אין גאַס אַריין. אירע אויערן האָבן אויפֿגעכאַפּט די דינע קוויטשיקע קולכלעך פֿון די פֿייגל:

— טווי־טווי — פֿרילינג... טווי־טווי — זונשיין...

— טווי־טווי...

דזשעני האָט דערפֿילט אַן אומרואיקייט אין איר לייב. אירע געזונטע, מאַסיווער קערפּער, איצט אַ נאַקעטער, אַ וואַרימער, האָט זיך אָנגעהויבן נערוועז באַוועגן אויפֿן געלעגער. זי האָט זיך גענומען טוליען צו דער דינער קאָלדרע און זיך מיט איר אַזוי שטײַף אַרומגעוויקלט, אַז אירע גלידער האָבן זיך זייער שאַרף און דײַטלעך אַרויסגעפֿאָרמט: אָט אירע פֿיס, עטוואָס דיקלעכע, אָבער גלײַכע; אָט איר פֿייז־געשניצטער קײַלעכדיקער בויך; אירע הויכע, אַנטוויקלטע בריסט. זי איז אַזוי געלעגן אַ שטיק צײַט און האָט זיך אַליין באַטראַכט. נאָכדעם האָט זי אַ שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט פֿון זיך אַליין געבליבן צופֿרידן. באַלד האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און זיך איבערגעגעבן די דרויסנדיקע פֿרילינג־קלאַנגען.

און ווי אומיסטן זיך פֿאַרגעסנדיק, האָט זי ביסלעכווייז, מיט צוגעמאַכטע אויגן, גענומען פֿירן מיט די הענט איבער איר אייגן לייב. זי האָט שטיל און צערטלעך געגלעט איר קערפּער, און בשעת מעשה האָט

זי זיך גענומען צו טראכטן וועגן א פרעמדער האנט, פון אן אנגענעמען מענטשן, וואס צערטלט זי אזוי...

דזשעני איז שוין געווען א מיידל נאענט צו דרייסיק יאר. ביז מיט א יאר־צוויי צוריק האט זי זיך נאך געהאלטן גוט. זי האט אלעמאל אויסגעזען מיט דריי אדער פיר יאר אינגער פון אירע יארן. זי איז תמיד געווען א פרייליכע, מיט א סימפאטישן אויסזען. זי האט געהאט, ווי מען רופט דאס, פערזענליכקייט, חן. און כאטש נישט מער ווי אן ארבעטער־מיידל, א פארהארעוועטע פון שאפ, מיט „סיזאנס" און „אווערטיים", האט אבער פון איר געשפרודלט מיט לעבנסלוסט און פרייד. און קיין פארגרעבטי־איז זי אויך נישט געווען. ווען זי האט געהאט א מעגלעכקייט, האט זי זיך ארייננגעכאפט צו א לעקציע אדער אן אנדער קולטורעלער אונטערנעמונג. זי איז אויך די ערשטע יארן פון איר זיין אין אמעריקע, געגאנגען אין נייט־סקול*) און האט געקענט גאנץ נישקשהדיק ענגליש.

קיין יונגעלייט, אזעלכע, וואס האבן זיך געשדכנט צו איר, האט איר נישט געפעלט. און כאטש עס האט זיך אויסערלעך געקאנט אויס־דאכטן, אז זי באציט זיך צו דעם גאנצן עסק מיט גרינגשעצונג און צו די קאנדידאטן אפילו מיט א געווייסן חוזק, האט זי אבער טיף אין הארץ אלעמאל געטראכט פון א תכלית, פון א שידוך. אבער עס איז נישט אונ־טערגעקומען וואס זי האט געוואלט, וואס זי האט פאר זיך אויסגעחלומט. און קיין קאמפראמיסן האט זי אין דעם פאל נישט געוואלט מאכן, ווי אנדע־רע מיידלעך, א סך פון אירע חברטעס, האבן געטאן.

— אויב איך קאן נישט קריגן וואס איך וויל, איז נישט! — האט זי פעסט געזאגט. — א מיידל דארף חתונה האבן זיך אויסצובעסערן איר לאגע, נישט צו פארערגערן, און מיט א נישט־גלייכן שידוך — ווייסט מען דאך וואס דאס מיינט...

זי האט געהאלטןווארט. און זי, מיט אירע מעלות, וואלט מסתמא געווען געקראגן עפעס אזוינס, וואס וואלט כאטש ביז א געוויסער מאס צו־פרידנגעשטעלט אירע פארלאנגען. איז אבער אונטערגעקומען דער קריזיס. די מאשין, וואס ווערט אנגערופן אמעריקאנער לעבן, האט זיך אנגעהויבן

---

*) אוונט־שול.

פּאַנאַנדערפאַלן, און מענטשן, ווי לויז־געוואָרענע, אומנויטיקע שרייפלער, האָבן אָנגעהויבן אַרויספאַלן איינס נאָך דאָס אַנדערע. דער, וואָס האָט גע־האָט עפּעס אָפּגעשפּאָרטס, האָט געגעסן. אַ גרויסער טייל איז באַלד געבליבן רואינירט, באַזונדערס די, פון דזשעניס קרייז. פון פאַרבינדן זיך, פון חתונה האָבן, האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז דזשעני האָט דערפילט, אַז די שרעק־לעכע דרייסיקער רוקן זיך אָן אויף אירע מיידלשע פּלייצעס.

כמעט אין איין יאָר צייט, דערהויפּט דאָס לעצטע יאָר, האָט זי זיך גוואַלטיק פאַרענדערט. קנייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן כמעט אין יעדן טייל פון פּנים. דזשעני, וועלכע האָט אַלעמאָל פיינט געהאַט רוזש, האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט צו באַנוצן. באַזונדערס האָבן זיך די קנייטשע־לעך געמערט אונטער די אויגן, אויפן שטערן און לעבן די נאָז־ווינקלען. און כאָטש דער קערפּער אירער איז אין אַלגעמיין געבליבן פריש און נאָך גענוג יונג, מיט אַ סך פייער, האָט איר דער אויסערלעכער אויסזען פאַרשאַפט אַ סך האַרצווייטיק און שלאָפלאָזע נעכט.

זי אַליין האָט דווקא נישט שטאַרק געליטן פונם קריזיס. אַ גוטע דרעסמאַכערין,*) האָט זי געהאַט איר שטענדיקן שאַפּ און מער־ווייניק געאַרבעט און פאַרדינט. זי האָט געהאַט אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר אין באַנק און עס האָט איר אין אַלגעמיין גאָרנישט געפעלט. אָבער דאָס לעבן האָט איר אָנגעהויבן ווערן שווער. די אַרבעט איז איר נמאס געוואָרן. די רייד, צינישע און גראָבע, וואָס זענען טיילמאָל געפאַלן אויף איר אַדרעס, זענען פאַר איר געוואָרן אומדערטרעגלעך.

— ווייסט, — פלעגט איין פרעסער זאָגן צום אַנדערן אויפן קול, אַז זי, דזשעני, זאָל הערן, — מיר דאַכט זיך, אַז זי וועט גאָר קיינמאָל נישט אויפהערן צו אַרבעטן.

— פאַרוואָס זאָל זי אויפהערן, יאָלד? — פלעגט דער צווייטער ענטפערן. — זי האָט דען מער וואָס צו טאָן ווי צו ציילן איר ביסל געלט און אירע יאָרן?...

— זי האָט שוין לאַנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן! — האָט

*) קליידער־נייערין.

אַן אַפּערייטאָר, וואָס איז צוגעקומען אויספּרעסן אַ „פּראַנטל”, אַריינגע־וואָרפן.

דזשעני איז געווען אַן עמפּינדלעך מיידל. איר פלעגט דאָס זייער ווײ טאָן. און זי האָט וויפיל מאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי געפינען דווקא פאַרגעניגן אין צאַפּן דאָס בלוט פון אַן אַנדערן אַרבעטער אויף אַזאַ אופן. נישט איין נאַכט איז דאָס קישן נאַס געוואָרן פון אירע טרערן, וואָס די בר̆ידער אַרבעטער האָבן אַרויסגערופן.

דזשעני האָט געוואוינט ביי אַ פאַרהייראַטער שוועסטער, אַ איינ־גערער פון איר. און כאָטש זיי האָבן זיך ליב געהאַט און זענען זיך געווען געטריי איינס דאָס אַנדערע, האָבן זיי צווישן זיך נישט אַזוי גוט געשטימט. זייערע כאַראַקטערס זענען געווען פאַרשידן, ווי דער אַלגעמיינער קוק אויפן לעבן. דזשעניס שוועסטער, אַ פּשוט מיידל, האָט געהאַלטן איר שוועסטער פאַר אַ דורכפאַל נאַר דערפאַר, וואָס זי רעדט זיך צופיל איין. און זייענ־דיק ביי זיך זיכער, אַז זי האָט אַריינגעכאַפּט דאָס גרויסע גליק, חתונה האָבנדיק מיט אַ קאַרפּענטער,**) האָט זי זיך אָפטמאָל דערלויבט דזשעניז אַ מוסר צו טאָן.

— אַז מען קוקט פאַר זיך, זעט מען מענטשן, און אַז מען קוקט איבער זיך, זעט מען לופט און רויך... — האָט זי איבערגעזאָגט אַ חכמה, וואָס זי האָט עס אַמאָל געהערט פון זייער באָבען. דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז דזשעני זאָל נישט קוקן צו הויך, וועט זי נישט זען קיין לופט און קיין רויך...

איינמאָל האָט זיך דזשעני אַנטשלאָסן אויף אַ מאָדנעם שריט. באַ־געגענענדיק אויפן טראַמוויי אירס אַן אַלטער חברטע און צערעדנדיק זיך מיט יענער וועגן פאַרשידענע זאַכן, איז מען, ווי דער שטייגער ביי פרויען, ביי גוטע באַקאַנטע דערצו, אַרויפגעקומען אויף דער אומפאַרמיידלעכער פראַגע פון הייראַט. דאָ האָט איר יענע דערציילט אַ מאָדנעם פאַל וועגן זיך אַליין.

זי איז אויך, פונקט ווי דזשעני, געווען זייער איבערקלייבעריש. זי האָט געזוכט און געקליבן און זיך נישט געקאָנט צוקלייבן. איז זי איינמאָל

**) סטאָליער.

געגאַנגען און האָט אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין צייטונג, אַז אַזאַ און אַזאַ מיידל זוכט אַזאַ און אַזאַ יונגענמאַן. דער צוועק: חתונה האָבן. און עס האָט געאַרבעט. זי האָט באַלד דערהאַלטן עטלעכע בריוו. אויף איינעם, דעם אינ־טערעסאַנטסטן, האָט זי געענטפערט, און —

— קום אַמאָל אַרויף צו מיר, דזשעני, וועל איך דיך באַקענען מיט מיין מאַן...

פאַרשטייט זיך, אַז די פריינדין האָט זי געראָטן צו טאָן דאָס זעלבע. אָבער דזשעני האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט. אָבער שפּעטער, זייענ־דיק מיט זיך אַליין, האָט זי עס נאָכאַמאָל באַטראַכט און עס איז איר שוין אויסגעקומען וויניקער לעכערלעך. נאָך אַלעמען, וואָס קאָן דאָ שאַטן? מען וועט זי דאָך נישט צווינגען צו נעמען אַ ליאַדע ווענען. צווייטנס, איז עס גאָר אַ שטיקל אַוואַנטורע אויך. און ווען האָט זי זיך אין די אינגערע יאָרן אָפּגעזאָגט פון אַן אַוואַנטורע?

דער אַנאָנס, וואָס זי האָט אַריינגעגעבן, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„אַ סימפּאַטישע ברונעטע זוכט באַקאַנטשאַפט מיט אַן אינטע־רעסאַנטן יונגנמאַן. שרייבט איינצלהייטן וועגן זיך. קעסטל נומער אַזוי און אַזוי".

אַליין אין רעדאַקציע פון דער צייטונג האָט זי זיך געשעמט צו פאָרן, האָט זי עס אַוועקגעשיקט אויף פּאָסט, אונטער אַן אַנדער נאָמען, און מיטגעשיקט אַ דאָלאַר. אָנגעגעבן האָט זי נישט איר שוועסטערס אַד־רעס (עס האָט איר נישט געפּאַסט), נאָר דעם אַדרעס פון איר פריינדין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו.

איינער האָט געשריבן, אַז ער אַרבעט ביי הויזן און ער וועגט הונ־דערט מיט זיבן און זעכציק פונט. ביי וואָס אַרבעט ער? — האָט ער גע־וואָלט וויסן — און וויפיל וועגט זי?

אַ צווייטער האָט געשריבן אויף „ענגליש". דערביי האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז שוין אַ סך יאָרן אין לאַנד און ער האָט שוין פאַרגעסן אידיש... זיין ענגליש איז אָבער ענלעך געווען צו טערקיש, ווייל אין יעדע צוויי ווערטער זענען געווען דריי גרייזן...

אַ דריטער האָט געשריבן, אַז ער איז אַ טאַטע פון צוויי קינדער, אָבער זיי וווינען נישט ביינאַכט. איין קינד איז אַלט עלף יאָר און דאָס

צווייטע — פּערצן. אין וואָס־זשע זאָגט זי? ס'וועט זיין אָלרייט?...

אַ פּערטער האָט אָנגעגעבן זיין וואוקס אָלס זעקס פוס מיט צוויי אינטשעס, נאָר ער האָט איין קליינעם חסרון: ער איז אַביסעלע טויבלעך. ער איז געווען אין דער מלחמה, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס קנאַקן פון די האַרמאַטן. אָבער — האָט ער זי געטרייסט — ס'איז נישט געפערלעך. ער טראָגט מיט זיך שטענדיק אַ טרובקעלע, וועט ער הערן וואָס זי וועט צו אים רעדן...

און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דזשעני האָט געלאַכט, אַביסל אויפריכטיק און אַביסל מיט יאַש־טשערקעס. אָבער זי איז געווען צופרידן. צופרידנגעשטעלט איר נייגיר. צע־קלאַפּט אַן אילוזיע. בעסער אַזוי.

אָבער פּונקט דאַמאָלס, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון דעם גאַנצן עסק, איז איר אָנגעקומען אַ בריוו, שיין־געשריבן מיט אַן אינטעליגענטן, זאַכלעכן אינהאַלט. ער איז — האָט ער איר געשריבן — אַ יאָר פינף און דרייסיק. ער האָט אַ דזשאָב און פאַרדינט גוט. אָבער דער עלנד דריקט אים זייער שטאַרק. ער איז נישט לאַנג אין ניו יאָרק. ער קען דאָ ווייניק מענטשן. ער קומט פון שיקאַגאָ, וואו ער האָט געוואוינט קנאַ־פּע צען יאָר צייט. אויב עס איז איר אָנגענעם, זאָל זי אים שרייבן ווען און וואו ער קאָן זי טרעפן. אונטערגעשריבן איז געווען ג. פּיליפּס.

דער דאָזיקער בריוו איז איר געפעלן. באַזונדערס איז ער איר גע־פעלן דערמיט, וואָס ער האָט נישט אָנגעגעבן קיין וואוקס און קיין וואָג. ביי איר, אַן אייראָפּעאיש מיידל, מיט אַביסל בילדונג, איז דאָך געווען די הויפּטזאַך די אינטעליגענץ אין דעם מענטשן...

האָט זי אים צוריק אָפּגעענטפערט, אַז זי איז צופרידן זיך מיט אים צו טרעפן דעם קומענדיקן זונטיק, זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, אין דער פּאָיע פון האָטעל פּענסילוועניאַ. דאָרטן — האָט זי געשריבן — ביים אַריינגאַנג, איז פאַראַן אַ „סואווענירס קאָונטער"*). לעבן קאָונטער איז פאַראַן אַ פּלאַנץ. לעבן דער פּלאַנץ וועט אויף אים וואַרטן אַ זייער שוואַרץ

*) שטעלעכל פון פּרעזענטן.

מיידל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן הוט און אַ רויטן מאַנטל. אונטערגעשריבן האָט זי זיך מיט דעם פרעמדן נאָמען העלען שוואַרץ.

זונטיק, אין דער באַשטימטער שעה, איז זי געשטאַנען און האָט געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. זי איז געווען אומרואיק און זי האָט זיך געשעמט. פאַרביי איר האָבן זיך דורכגעדרייט מענטשן, מערסטנס נישט קיין אָרימע, אַריסטאָקראַטיש־געקליידטע. זעלטן ווער עס האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זי, דאָס אויסגעבלייכטע שאָפּ־מיידל, מיט איר באַשיידע־נעם אָנטאָן, האָט נישט געקאָנט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די האָטעל־געסט און וויזיטאָרס.

עס איז שוין געווען פינף מינוט נאָך דער צייט. זי איז געוואָרן אומגעדולדיק און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַוועקגיין. אָבער זי האָט באַלד באַשלאָסן נאָך אַביסעלע אונטערצוואַרטן. ער איז דאָך, האָט זי געטראַכט, אַ פרעמדער אין שטאָט... אפשר ווייסט ער נישט אַזוי גוט ווי אַזוי צו פאָרן... און אפשר איז זי באַגאַנגען אַן עוולה, וואָס זי האָט געמאַכט דעם אַפּאָינטמענט אַט דאָ, אין אַ האָטעל? ער קאָן עס אפשר אויסטייטשן שלעכט. וואָס איז איר טאַקע איינגעפאַלן? אַז זי אַרבעט אין דעם גייגנט 8 יאָר צייט און פלעגט אַמאָל קומען אַהער, אין דער לאָבי, אויפן ערשטן שטאָק, מאַכן אירע לעקציעס פון סקול, דאַרף דאָך יענער דערפון נישט וויסן. און פון זיין שרייבן נעמט זי אַרויס, אַז ער איז אַ גאַנץ צוריקגעהאַלטענער, סאָלידער מענטש. מסתמא האָט אים שאָקירט דער פּלאַץ און ער וועט נישט קומען...

אַזוי טראַכטנדיק האָט זי אימיצער לייכט אָנגערירט ביי דער האַנט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען פאַר זיך אַ מיטלוואוקסיקן מאַן מיט אַן אינטעליגענט, סימפּאַטיש פּנים און מילדע, קלוגע אויגן.

— מיס שוואַרץ? — האָט ער געפרעגט.

— מר. פיליפּס? — האָט זי צוריקגעפרעגט.

ביידע האָבן טאַקטיש אויסגעמיטן צו קוקן צו שטאַרק איינס אויף דאָס אַנדערע.

אויטאָמאַטיש זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַ פּליושענער באַנק און האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— אייער אויסזען דערגאַנצט מיין פאַרשטעלונג־קראַפט וועגן אייך — האָט ער געזאָגט.

— און איר שטייגט איבער מיין פאַנטאַזיע — האָט זי אים גע־געבן אַן אויפריכטיקן קאָמפּלימענט.

— איך האָב מורא, אַז איר טראַכט וועגן מיר שלעכטס — האָט זי געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איך האָב זיך באַנוצט מיט אַזאַ פאַרלעגערט מיטל.

— ווען איך דענק אַזוי, וואָלט איך דאָך אייך גישט געווען געענטפערט.

— אָבער איך פאַרזיכער אייך — האָט זי געערעדט איבערצייגנ־דיק, — אַז עס איז צום ערשטן מאָל, און מסתמא אויך צום לעצטן מאָל...

— אַזוי אַנטוישט זענט איר אין מיר? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— אַ, ניין. איר ווייסט דאָס. אָבער איר זאָלט זען די בריוו, וואָס זענען מיר אָנגעקומען... אַז מיר וועלן זיין בעסער באַפריינדט, וועל איך זיי אייך אפשר ווייזן...

אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט אַרום אַ שעה צייט. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען צו אַ קאָנצערט. דאָרטן, אינם מוזיק־זאַל, אונטער די ראָמאַנטישע קלאַנגען פון די אינסטרומענטן, האָט ער זי געהאַלטן אַרומגענומען און זי האָט זיך צוטרוילעך צו אים געטוליעט. עס זענען געווען מינוטן, ווען זיי האָבן אַבסאָלוט געהאַט פאַרגעסן, אַז זיי קענען זיך ערשט אַ צוויי־דריי שעה. זיי זענען ביידע געווען אונטערן איינדרוק, אַז זיי קענען זיך שוין פון לאַנג, לאַנג אַן...

נאָכן קאָנצערט האָבן זיי שפּאַצירט אין פּאַרק. זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע דערציילט פון זייער לעבן. אַ וואַרימער פּאַדים האָט זיי געהאַלטן אין צונויפבינדן. נאָך דעם, ווען עס איז שוין געווען שפּעט, האָט ער צו איר געזאָגט:

— קומט, מיס שוואַרץ, איך וועל אייך צופירן אַהיים. איר וואוינט דאָך אין ברוקלין...

— ניין, — האָט זי געענטפערט אַביסל פאַרשולדיקט, — איך וואוין אין די בראָנקס.

— אָבער איר...

— איך האָב אָנגעגעבן אַ פריינדינס אדרעס. איך האָב זיך גע־שעמט פאַר מיין שוועסטער...

— נו, זאָל זיין אין די בראָנקס — האָט ער געזאָגט. — מען מוז דאָך אייך סיי־ווי צופירן.

— אָבער איר וואוינט דאָך דאון־טאון. עס וועט דאָך אייך זיין שווער דאָס צוריקפאָרן...

— נישט אַזוי גוואַלטיק שווער... — האָט ער פיל באַדייטנדיק צוגעשמייכלט.

לאַנג זענען זיי געשטאַנען אין דעם האַלב־פינסטערן קאָרידאָר פון איר בראָנקסער הויז און עס האָט זיך זיי נישט געגלוסט צו שיידן, כאָטש זי האָט אים יעדער ווייַלע אויף אַ פאַרזיכטיקן, איידעלן אופן דערמאָנט, אַז ער דאַרף מאָרגן גיין צו דער אַרבעט; אַז אין דער שעה זענען די טראָמ־ווייען אַזוי „סלאָו”...**) ער האָט געשמייכלט און זי געהאַלטן אין איין באַ־רואיקן, אַז זי זאָל זיך נישט ערגערן. און ערשט צום סאַמע סוף, ווען ער האָט זיך שוין מיט איר אויף אַז אמת גענומען געזעגענען און איר גע־זאָגט, אַז ער גייט צום סטיישאַן, האָט ער זי אָנגענומען ביים אָרעם, צו־געפירט זי צו דער שוועל פונם הויז און אָנווייזנדיק איר אויף אַן אַנטקעגנ־איבערדיק הויז, מיט אַ דריי־פיר הייזער אַפּגערוקט פון אירן, האָט ער געזאָגט:

— איר זעט? אָט דאָרטן־אָ וואוין איך...

— וואָס?... — האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

— ס'איז זייער פשוט — האָט ער געזאָגט. — פונקט ווי איר, האָב איך אויך אָנגעגעבן אַ פאַלשן אַדרעס. אַזוי ווי איר האָט נישט גע־וואוסט, ווער איך בין, האָב איך דאָך נישט געוואוסט, ווער איר זענט. נאָך אַלעמען איז עס דאָך ניו יאָרק...

און ווען די דערשטוינונג איז פון איר אַוועק, האָבן זייביידע

**) לאַנגזאַם.

פריי אויפגעלאכט. אַט אַ שפּיצל פונם צופאל: ביידע וואוינען אויף דער זעלבער גאַס, מיט בלויז עטלעכע הייזער אָפּגערוקט.

— גוד נייט, מיס שווארץ! — האט ער געזאָגט.

— דזשעני לעמפערט איז דער נאָמען — האָט זי אים אויסגע־בעסערט.

— און מיין נאָמען איז דזשעק! — האָט ער געזאָגט. — דזשעק זיסקין, איך בין פליז...(***

***) אויב ס'געפעלט אייך.

די שטאָט און די קאַנטרי 1)

באַלד נאָך צוויי בייטאָג האָט דער קעמפּ־אויטאָ אַריינגעפירט וויק־טאָר גלאַסמאַנען אין קעמפּ אַריין.

ער איז געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר. ווייל עס איז געווען אינמיטן דער וואָך, ווען עס קומען געוויינלעך זייער ווייניק מענטשן אין קעמפּ אַריין. דערהויפּט קומט מען פרייטיק, שבת און זונטיק.

גלאַסמאַן איז זיך אַריין אין אָפיס זיך רעגיסטרירן און קריגן דעם נו־מער פון זיין באַנגאַלאָו 2) אָדער טענט.3) נאָכדעם האָט ער זיך, מיטן טשע־מאָדאַן אין האַנט, געלאָזט גיין מיטן פעלד צו דער באַזעצטער טעריטאָריע.

אויפן וועג איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ קליין ברונעמל, לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען אַ מיידל אין „ניקערס״4) און האָט געוואַשן פאַר זיך אַ פּאָר נאָז־טיכלעך.

— העלאָו, שולמית! — האָט ער זי באַגריסט.

— העלאָו, אבשלום! — האָט זי געענטפערט שמייכלענדיק.

אים איז געפעלן געוואָרן איר פלינקער, צוטרעפלעכער ענטפער.

ער האָט אָוועקגעשטעלט די וואַליזקע זיינע אויף דער ערד און געזאָגט:

— אַ, איר זעט אויס צו זיין אַ קלוגע און אַ געבילדעטע.

— ביידע זאַכן. — האָט זי מיט אים מסכים געווען מיט אַן אויס־געברייטערטן שמייכל.

ער האָט זי איצט בעסער באַטראַכט. זי האָט אויסגעזען אַלט צו

---

1) דאַטשע. — 2)ביידל. — 3) געצעלט. — 4) קורצע הויזן.

זיין אַ יאָר פינף־זעקס־און־צוואַנציק. איר קערפּער איז געווען יונגנטלעך פריש און קרעפטיק אַנטוויקלט, פאַרברוינט פון דער זון.

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט זי, קענטיק, געוואָלט אָפּווענדן זיינע אויספאַרשנדיקע בליקן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַרומ־פאָרן אויף איר קערפּער.

— היים. — האָט ער געענטפערט — און דאָ?

— דאָס וועטער איז נישקשה, — האָט זי געזאָגט, אָבער ס׳איז אומעטיק. ווייניק יונגע מענטשן פאַראַן.

— נו, איז דאָך, הייסט עס, גוט וואָס איך בין געקומען! — האָט ער געשטשירעט אויף איר זיינע גרויסע, געזונטע ציין, — פון איצט־אָן וועט אייך שוין זיין פריילעך...

— קען זיין. — האָט זי געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט. „ער איז גאָר נישט קיין מיאוסער חברה־מאַן״, האָט זי צו־פרידן אַ טראַכט געטאָן, „און קיין נאַר זעט ער אויך נישט אויס צו זיין״...

— גוד באַי, שולמית! — האָט ער אַ הויב געטאָן דאָס רענצל פון דער ערד — כ׳וועל אייך זען שפּעטער.

— גוד באַי, אבשלום! — האָט זי געענטפערט — און פאַר־בלאָנדזשעט נישט. די באַנגאַלאָוס זענען זיי׳ער צעוואָרפן.

— אויב פאַרבלאָנדזשען, וועל איך מסתמא נאָר צו אייך...

„יאָ״, האָט זי געטראַכט, אים נאָכקוקנדיק, „ער איז דער אמתער לץ. מען דאַרף אים נישט אַפּלאָזן פון אויג. עס זענען פאַראַן צופיל מיידלעך אין קעמפּ״...

ער האָט צו זיך אַ זאָג געטאָן:

„אַ מאָדנע זאַך ווי די קאַנטרי־אַטמאָספער ווירקט אויף די פרויען. אין שטאָט קומט אָן מיטן טויט צו פאַרטשעפּען אַ ליאַדע גאַרנישט פון אַ מיידל, און דאָ — זי זעט אויס צו זיין אינטעליגענט און איז, אַ חוץ דעם, גאָר נישט קיין מיאוסע בחורטע״...

— העי, שולמית! — האָט ער, אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג, זיך אָפּ־געשטעלט און צו איר אַריבערגעשריגן — ווען עסט מען ביי אייך סאָפּער? (אָוונט־ברויט).

— זעקס אַ זייגער! — האָט זי געענטפערט.

— גוט! — האָט ער אַריבערגעשריגן, — מירן זיך זען אין דאַי־נינג רום.5)

— אָ־קעי,6) אבשלום! — האָט איר קול אָפּגעקלונגען אין דער ריינער זומערדיקער לופט.

אָבער זיי האָבן זיך נאָך געזען פריער ווי סאַפּער צייט.

ווען זי איז שפּעטער אַביסל צוגעקומען צום וואַסער, האָט זי אים געטראָפן זיצן אויף אַ גרויסן שטיין, אָנגעטאָן אינם בעידינג סוט,7) רעדן און פלירטעווען מיט אַ מיידל — מיט איר אינגערער זיבעצן־יאָריקער שוועס־טער.

— סעי!8) — האָט זי צו אים געזאָגט — איר זענט אַ צו־שנעלער אַרבעטער! אויב איר זענט טאַקע אָהערגעקומען כאַפּן פיש, כאַפּט בעסער גרויסע. מיט קליינע פישלעך וועט איר זיך צעשטעכן די ציין מיטן גומען...

ער האָט פאַרשטאַנען איר אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל צורו לאָזן איר שוועסטער.

— אָבער איר ווייסט דאָך, שולמית, — האָט ער געענטפערט, — אַז כדי צו כאַפּן אַ גרויסע לייביכע, מוז מען פריער פאַנגען איר קינד...

— עס איז אפשר אַ גוטער וויץ, — האָט זי געזאָגט, — אָבער איר האָט דאָך נישט געוואוסט, אַז זי איז מיין שוועסטער.

— שור9) האָב איך געוואוסט! — האָט ער זיך געדונגען, — נייִן אפשר, גלאָריאַ? — האָט ער זיך געווענדט צו דער אינגערער שוועסטער.

— מיין נאָמען איז אַזוי גלאָריאַ, ווי איר נאָמען איז שולמית... — האָט זיך די קליינע אויפגעהויבן מיט כעס. יונג און שטאַרק עמפּינדלעך, האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַ פרעמדער זאָל מיט איר טרייבן קאַטאָוועס־לעך, — גוד באַי!

— גוד באַי, דאַרלינג! — האָט די עלטערע שוועסטער געענט־פערט, — נעם אים נישט ערנסט. מיר זענען דאָך אין קעמפּ...

— גוד באַי, גלאָריאַ! — האָט גלאַסמאַן איר נאָכגעשריגן מיט הנאה.

---

5) עס־צימער. — 6) זייער גוט. — 7) באָד־קאָסטיום.
8) הערט נאָר. — 9) זיכער.

אַלס ענטפער אויף דעם, האָט די קליינע אים אַרויסגעשטעקט די צונג און איז אַוועק.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זעט, — האָט זי אים געזאָגט, — מיט מיין שוועסטערל האָט איר שוין פאַרלוירן אַלע שאַנסן.

— זי איז נאָך זייער קינדיש, — האָט ער געענטפערט, — איר זענט אויך אַזוי געווען?

— איך? ניין. איך בין באַלד געבוירן געוואָרן מיט אַן אַלטן קאָפּ.

— און מיט אַ יונג האַרץ. — האָט ער צוגעגעבן.

— איר זענט זייער צוטרעפלעך, — האָט זי אים געגעבן אַן אויפריכטיקן קאָמפּלימענט.

— נישט אַזוי ווי איר. — האָט ער אויך אויפריכטיק געענטפערט — איר זענט נישט אַמאָל אַ לערעריז?

— ווי אַזוי האָט איר געטראָפן? — האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— עס איז נישט אַזוי שווער צו טרעפן. אייער אויסשפּראַך, אייער געדולד, אייער קענען די ביבלישע לעגענדע פון שולמית און אבשלום... בלויז איין זאַך, דענק איך, פעלט אייך צו זיין אַן אמתע לערעריז.

— וואָס אַזוינס?

— אַ פּאָר ברילן.

— אָ, — האָט זי געלאַכט, — איך האָב נאָך דערווייל גוטע אויגן... און איר? — האָט זי אים געפרעגט — וואָס זענט איר?

— טרעפט.

— גוט, זאָגט מיר נישט... איר זענט אָדער אַ לאָיער, אָדער אַ...

— מען דאַרף שוין נישט, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן — איר׳ט געטראָפן.

— אין דער אמתן?

— יאָ, אָבער איך פּראַקטיציר נישט, איך האָב נישט קיין געלט אויפצועפענען אַן אָפיס. פאַרקויף איך דערווייל אינשורענס.10)

10) פאַרזיכערונג־אַקטן.

אַזוי האָבן זיי פֿאַרבראַכט ביז פֿאַרנאַכט. ביים סאָפּער זענען זיי שוין געזעסן צוזאַמען ביים טיש. די אינגערע שוועסטער אירע איז נאָך אַלץ געווען אויף אים אין כעס און זיי האָבן דערפֿון געהאַט אַ סך שפּאַס.

נאָכדעם האָבן זיי געטאַנצט צוזאַמען. ער האָט איר געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטן. זי האָט נישט געגלויבט קיין איינציק וואָרט, אָבער פֿונדעסטוועגן האָט זי פֿון דעם געהאַט הנאה.

ביים קעמפּ־פֿייער זענען זיי שוין געזעסן אַרומגענומען, ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס קענען זיך כאָטשבי אַ דריטהאַלבן יאָר. דאָס שוועסטערל אירס, צי פֿון איבערזוכט, צי פֿון קאַפּריז, איז אַוועק פֿרי שלאָפֿן און זיי אַפֿילו קיין „גוטע נאַכט" נישט געזאָגט.

אָבער דאָס האָט מעריאַנען (אַזוי האָט זי געהייסן) נישט געאַרט. ווייל דאָס שוועסטערל אירס, עוועלין, איז געווען אָפּהענגיק אָן איר. זיי האָבן נישט געהאַט קיין עלטערן און זיי האָבן געוואוינט זאַלבעצווייט אין אַ צימער. מעריאַן האָט געאַרבעט און עוועלין איז געגאַנגען אין סקול.

וויקטאָר גלאַסמאַן איז איר געפֿעלן, אפשר נישט ערנסט גענוג געפֿעלן, אָבער אויף אַ שטיף צו טאָן, אויף אַ קאַנטרי ליבע, דאָס יאָ. אין שטאָט קאָן זי דאָס נישט. דאָרטן מוז מען זיין געצאַמט, ווירדיק און דיסציפּלינירט.

אָבער דאָ, אין קעמפּ — ווער קען זי? ווער ווייסט זי? פֿאַרוואָס זאָל זי, נאָך חדשים־לאַנגער אויסמאַטערנדיקער אַרבעט אין סקול, נישט טאָרן האָבן אַביסעלע פֿאַרגעניגן?

זי איז מיט אים געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין די פֿינסטערע וואַלד־אַלייען. זי האָט זיך געלאָזט פֿון אים אַרומנעמען און קושן. זי האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן און זיך איבערגעגעבן צו זיינע לאַסקעס, וואָס זענען געוואָרן אַלץ שטורמישער, אַלץ אַנגרייפֿנדיקער. ערשט צום לעצט, ווען עס האָט שוין געהאַלטן גאַנץ נאָענט, אַז זי זאָל זיך אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אינגאַנצן פֿאַרלירן, האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ און געזאָגט:

— פּליז,11) לאָמיר גיין אַהיים!

ער איז געווען אַנטוישט. ער איז געווען אין דער לאַגע פֿון יענער

---

11) כ'בעט אייך.

קאָץ, ביי וועלכער מען כאַפּט אַוועק דאָס טעפּל סמעטענע. ער האָט איר איינגערעדט זי זאָל גיין שלאָפן אין זיין באַנגאַלאָו. ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצע לאַיערשע קראַפט זי איבערצורעדן, אַז ער מיינט דורכאויס נישט קיין שלעכטס דערביי; אַז ער מיינט גאָר, אדרבא, איר אייגענע טובה... אָבער זי האָט געזאָגט, אַז זי קאָן עס נישט טאָן. איר שוועסטערל וועט פאַר־שטיין...

— אפשר אין שטאָט... — האָט זי געזאָגט, האַלב מיינענדיק עס און האַלב דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געוואָלט פון אים אַרויסדרייען.

אָבער ער איז פון דעם געוואָרן מלא שמחה. קיין גרינגער אין אַזוי־נע זאַכן איז ער נישט געווען. ער האָט געוואוסט, אַז ווען אַ מיידל האַלט שוין אין אַזאַ פאַל ביים „אפשר", איז עס שוין פּונקט אַזוי גוט ווי זיכער.

— איז ווען־זשע פאָרן מיר אין שטאָט אַריין, מעריאָן? — איז ער שוין געוואָרן אומגעדולדיק צו וואַרטן.

— איך פאָר אָפּ פרייטיק, — האָט זי געזאָגט, — דאָס הייסט אין צוויי טעג אַרום.

— און איך אויך! — האָט ער געזאָגט — איך פאָר אויך פרייטיק. וועלן מיר זיך נאָך קאָנען זען פרייטיק אָוונט?

— איך האָב מורא, אַז נישט. — האָט זי געזאָגט. — איך וועל נישט קאָנען איבערלאָזן מיין שוועסטערל אַליין.

— איז שבת אָוונט!

— שבת ביינאַכט האָב איך אַ פּאַרטי ביי מיין פריינדין אין הויז.

— איז גוט! — האָט ער געזאָגט. — איך קום צו דער פּאַרטי.

— אָ, ניין, — האָט זי געלאַכט. — מיין שוועסטערל וועט אפשר דאָרט זיין.

— איז קומט־זשע צו מיר נאָך דער פּאַרטי! — האָט ער באַשלאָסן צו שפּילן אָפענע קאָרטן. — פּליז, מעריאָן, קומט נאָך דער פּאַרטי, שפּעט ביינאַכט. קיינער וועט נישט וויסן... מיינע באַלעבאַטים זענען אַוועק אין קאַנטרי אויפן זומער. קומט!...

— אָלראַיט, — האָט זי שטיל געזאָגט, — איכל פּרוּוון...

— פיין, קומט זיכער! — איז ער געוואָרן פעסטער ביי זיך —

איר׳ט זען, מעריאן, איר וועט נישט האבן קיין חרטה... אט איז דער שליסל, אין פאל איך קום אביסל שפעטער. נעמט עס, מעריאן...

א גאנצן שבתדיקן טאג איז וויקטאר גלאסמאן געווען אונטער א פיבער פון דערוואַרטונג. עס איז נישט געווען דערפאר, וואס אים איז איצטער צום ערשטן מאל אויסגעקומען צו האבן א פרוי ביי זיך. א, ניין, אזוי נאאיוו איז ער נישט געווען. אבער זייענדיק זייער א טעמפעראמענטפולער חברה־מאן, האט ער אלעמאל ביי אזא געלעגנהייט דורכגעמאכט דעם זעלבן נערוועזן ציטער פון פרייד און דערוואַרטונג. א חוץ דעם האט ער מעריאנען געהאלטן פאר א סך העכער ווי דאס דורכשניטלעך מיידל.

שבת אוונט איז ער געגאנגען זען א קינא־בילד. פון דארטן איז ער אוועק איינקויפן פארשידענע זאכן, ווי פרוכט, קעיק,12) ניס. ער האט זי געוואלט גוט אויפנעמען.

אהיים געקומען איז ער אן אנגעלאדענער מיט אלדאס גוטס. עס איז שוין געווען נאך צוועלף. איצטער האט זיך אנגעהויבן דאס אנגעשטרענגטע ווארטעניש. יעדע מינוט האט זי געקאנט אנקומען. יעדער שארך פון דרויסן האט אים ארויסגעבראכט פון גלייכגעוויכט. יעדער סקריפ פון א שכנישער טיר האט אים געהויבן פונם פלאץ. דאס הארץ האט אים געקלאפט. ער האט געפרואווט לייענען א ציישונג און נישט געקאנט. ער האט געפרואווט לייענען א בוך און נישט געקאנט. ער איז ארונטערגעגאנגען, געשטאנען א ווײַלע ביים טיר, צוריק ארויפגעגאנגען — א נעכטיקער טאג!

אזוי האט ער זיך אפגעמוטשעט א גאנצע נאכט. ער האט גאר נישט געקאנט פארשטיין, וואס אזוינס עס האט מיט איר פאסירט. זי, אזא ערנסטער, אזא פאראנטווארטלעכער מענטש, זאל נישט האלטן ווארט? „און פארוואס, שוטה איינער", האט ער זיך געזידלט, „האסטו נישט גענומען איר אדרעס?..."

ערשט פארטאג איז ער אנטשלאפן געווארן. אויפגעכאפט האט ער זיך ארום צוויי אזייגער מיט א קאפ־ווייטיק. איצטער איז ביי אים דער זונטיקדיקער טאג שוין אויך געווען געקוילעט. א צולאג צום נעכטיקן טאג.

---

12) לעקאר.

און דאָ איז געלעגן די פּרוכט מיטן קעיק, מיט די ניס, ווי אָרימע קינדער אין אַ בית יתומים. נישט זיי האָבן איצטער געהאַט אַ טאַטן, נישט זיי האָבן איצטער געהאַט אַ מאַמען.

ערשט מאָנטיק אינדערפרי האָט ער דערהאַלטן פון איר אַ בריוו. אָט וואָס אין בריוו איז געשטאַנען:

ווערטער מר. גלאַסמאַן!

אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין נישט פּינקטלעכקייט. דאָס טרעפט זייער זעלטן מיט מיר. אָבער אונזער אַפּאָינטמענט 13) איז אויך געווען פון אַ מאָדנעם, זעלטענעם כאַראַקטער. אַזוי ווי איר זענט אַ מענטש מיט עקספּיריענס,14) וועט איר, האָף איך, פאַרשטיין, אַז די פרוי אין שטאָט און די פרוי אין קאַנטרי איז נישט די זעלבע. אַביסל בין איך געוואָרן פאַרכאַפּט פון אייערע פיינע ריידעלעך און אַביסל האָב איך זיך אַליין געוואָלט פאַרשיכורן. אין קורצן: איך שיק אייך אָפּ דעם שליסל און אויב איר ווילט — יו מעי קאָם אָפּ טו סי מי סאַמטאַים...15)

מעריאַן ליכטינגער.

---

13) ראַנדקע. 14) דערפאַרונג. 15) מעגט איר אַמאָל אַרויפקומען צו מיר זען...

ס'איז אים וואויל — ער איז א מיאוסער

דער מענטש איז א שטאָלץ און טשעקאָווע באַשעפעניש. עס ליגט אין זיין טבע צו שטאָלצירן מיט זיינע אייגנשאַפטן, מיט א גוטער אַזוי גוט ווי מיט א שלעכטער. ווען איינער שטאָלצירט מיט זיין שיינעם אויסזען, א צווייטער מיט זיין שיין רעדן, א דריטער מיט זיין וויסן, א פערטער מיט זיין זינגען, שפּילן, טאַנצן — הכלל, ווען מען האָט א טבע זיך אויסצופּיינען מיט מעלות, מיט וואויל־קענעוודיקייט, איז עס נישט קיין גרויס וואונדער.

א וואונדער איז אָבער יאָ, ווען מענטשן הייבן זיך אָן באַרימען מיט זייערע חסרונות. באַרימען זיך — און שטאָלצירן מיט זיי!

עס איז א גאַנץ געוויינלעכע זאַך צו הערן איין שיכור זיך אויס־פּיינען פאַרן אַנדערן, אַז ער קאָן מער טרינקען פון יענעם. איין גנב מאַכט חוזק פונם אַנדערן, אַז ער האָט שוין מער קאַסעס אויפגעבראָכן ווי יענער. א סך מענטשן מיט פאַלשע ציין האָבן א גוואַלטיקע הנאה צו שפּילן זיך מיט „זייערע" ציין פאַר יענעם אין די אויגן. עס פאַרשאַפט זיי א נחת־רוח צו הייבן דאָס שטיק „פּוירנימשור"1) אין מויל אַרויף און אַראָפּ, ווי איינער רעדט:

— איר זענט כאַטש א מבין, וואָס איך פאַרמאָג! כ'בין דאָך ממש א מיליאָנער!...

איז דער אַלטער היים, אין אייראָפּע, ווען יונגע מענטשן פלעגן זיך דאַרפן צושטעלן צום פּריזיוו און מ'פלעגט זיך אָנהייבן מאַכן פעלערן, איז

1) מעבל.

אַוועק אַ סדרה פון באַרימעריי. איינער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ אויער ווי זיינער, קאָן פאַרשטעקן אין אַרבל יעדן לאָקאָמאָטיוו אין דער וועלט, מיט פייפן... אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ האַרץ־פּעלער, ווי ער האָט, איז נאָך גאָר נישט געבוירן געוואָרן... אַ דריטער האָט זיך באַרימט, אַז אים פעלט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט. האָט אים דערויף באַלד אַ פערטער גע־וואָלט מאַכן צו קליינגעלט און געזאָגט, אַז אים פעלן גאַנצן צוויי פינגער פונם לינקן פוס...

און מענער, וואָס באַרימען זיך מיט צעבראָכענע פּרויען־הערצער, און פרויען מיט אָפּנאַרן זייערע מענער און טרייבן זיי אפילו צו זעלבסט־מאָרד, איז דאָך אוודאי פאַראַן אָן אַ שיעור און אָן ערך.

ווען מיר דאַ דערציילן וועגן איינעם, וואָס האָט שטאָלצירט מיט זיין — מיאוסן אויסזען.

געהייסן האָט ער עמאַנועל בלינדער. אָבער גערופן האָט מען אים בלויז מעני, מעני בלינדער, אָדער בלאַינדער אויף ענגליש.

ניין, מעני איז נישט געווען קיין בלינדער, חלילה. נאָך דאָס האָט אים געפעלט! קאַרג הסרונות האָט ער געהאַט אָן דעם...

ער איז געווען פון אַזאַ מין סאָרט וואוקס, וואָס מען קאָן נישט אָנרופן צו־הויך אָדער צו־קליין — אַ מיטל־וואוקס. דערפאַר איז ער שוין געווען אומבאַשטרייטבאַר דאַר, דאַר ווי אַ דרענגל, וואָס אָט־אָט ברעכט זיך עס איבער.

אַ פּנימל האָט ער געהאַט אַ קליינס און אַ שמאָלס, עטוואָס גרע־סער ווי ביי אַ מייזעלע. און אויגן האָט ער טאַקע אויך געהאַט מייזלשע: קליינע און שאַרפע, מיט אַ דין, שאַרף שפּעלטעלע אינדערמיט, וואָס וואַרפט פון זיך שנעלע, פאַרזיכטיקע בליקן אין אַלע זייטן, אײדער עס גייט עפּעס אָפּטאָן. און תמיד האָבן די בליקן ביי מעניז אָנגעדיימט אָדער אויף טרערן אָדער אויף געלעכטער.

די נאַטור האָט אים אָבער פאַרגיטיקט מיט אַ גרויסן שטערן. יאָ, דער שטערן זיינער האָט אויסגעזען אומצווייפלהאַפט גרויס, ברייט און רייך. אָבער דאָ איז אויך נישט געווען קיין גאַנצע פרייד. ווייל ווען מען האָט זיך נענטער צוגעקוקט, האָט מען ערשט באַמערקט, אַז דער שטערן איז גאָר

נישט געווען פון די כשרע שטערנס, נאָר האָט זיך פאַרגנבעט העט אַרויף אויפן קאָפּ און האָט דאָרטן פאַרנומען אַ שטיק טעריטאָריע.

אויערן האָט ער געהאַט גרויסע און אָפּשטייענדיקע, וואָס אויף זיין קליין פּנימל האָבן זיי זיך היפּש אָנגעזען. און די נאָז איז ביי אים אויך נישט געווען פון די גאָר געראָטענע נעז. דאַר און ביינערדיק פון אויבן און אויפגעבלאָזן, כמעט ווי אָנגעשוואָלן, פון אונטן.

מעני איז געווען באַשעפטיקט אַלס אַ פאַרמאַן 1) אין אַ קלאָוק פעקטאָרי.2) ער האָט געבאָסעוועט3) מיט די אַרבעטער גאָר נישט שלעכט, און אַרויסגעהאָלפן דערביי האָט אים זיין קולכל. יאָ־יאָ — דאָס קולכל זיינס. ווייל שוואַך און נעבעכדיק ווי ער האָט אויסגעזען, האָט ער אָבער געהאַט אַ קול, וואָס האָט געקאָנט דורכלעכערן אַ וואַנט. ווען עס האָט זיך אָנגערוקט דער סעזאָן און מען האָט געדאַרפט אַרויסענדיקן די אַרבעט וואָס גיכער, דאַמאָלס האָט מענים קולכל געקלונגען העכער ווי אַלעמאָל.

— שוירלי, — האָט ער זיך צעשריגן אויף דער פינישערין 4) — ניי אַן קנעפּלעך אינם האָדסאָן־סיל קאָוט! 5)

— בעני, — האָט ער געדונערט — מאַך מיר פאַרטיק דעם פאַר־קאָלער! 6)

— נעטי, — האָט ער געליאַרעמט אויף דער עלטערער איטאַליענערין — ניי מיר אוים דעם לאַינינג!...7)

אַזוי אָן אַ סוף, אַזוי אָן אַ ברעג.

נישט נאָר די אַרבעטער אין שאָפּ, נאָר יעדער איינער פלעגט זיך וואונדערן, ווי עס קומט צו אַט דעם נפשל, מיט דעם חלשותדיקן אויסזען, אַזאַ כוח און אַזאַ נישט־אויסשעפּנדיקע ענערגיע. אַז דאָס ווערט גאָר קיינמאָל נישט מיד אַרבעטנדיק און שרייענדיק!

— נישט אַנדערש, נאָר עפּעס נאָך אַ מענטש זיצט אין אים, וואָס טוט אָפּ פאַר אים אַלע מלאכות. — פלעגט מען רעדן — אַנדערש קאָן עס גאָר נישט געמאָלט זיין...

---

1) אויפזעער. 2) פאַבריק פון דאַמען־קליידער. 3) געבאַלעבאַטעוועט. 4) האַנט־אַרבעטערין. 5) פוטערנעם מאַנטל. 6) פוטערנעם קאַלנער. 7) לייוונט.

און צו אים אַליין פּלעגט אַמאָל אַז אַרבעטער אין שאַפּ, מעקס דער אָפּרעיטאָר, וועלכער איז אויך געווען טשערמאַן,8) אַ זאָג טאָן:

— וואָס שרייסטו אַזוי, מעני? וועסט דיר אויסשרייען אַ קענ־סער9) אויפן מאָגן...

אָבער מעני האָט געוואוסט פאַרוואָס ער שרייט.

ערשטנס, האָט ער זיך אויסגעשריגן אַ גוטע שטעלע, לויט זיין גע־שמאַק נאָך. צווייטנס, האָט ער זיך אויסגעשריגן אַ גוט ווייב. דאָס איז גע־ווען פעני.

פעני האָט געאַרבעט אינם זעלבן שאַפּ, וואו מעני איז געווען פאָרמאַן. און געווען איז זי אַזאַ אײדעלע, אַזאַ צערטלעכע, אַז זי האָט קיין הויך וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. און אַ שיינע איז זי אויך געווען. און אַן ערנסטע, אַן אינטערעסאַנטע, געלייענט ביכער — אַ רוסי־שע אינטעליגענטקע.

קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט מענין. און וויינ‌יקער פון אַלע האָט עס געקאָנט פאַרשטיין מעני אַליין. „סיידן", האָבן די אַרבעטער אין שאַפּ געזאָגט, „זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע קולות".

ניין, עס איז נישט געווען דאָס. פעני האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר זיינע קולות. ערשטנס, האָט ער אויף איר נישט געשריגן. נישט נאָר האָט ער אויף איר נישט געשריגן, נאָר ער איז צו איר געווען אַזוי גוט, אַז ער פלעגט איר תמיד צווואַרפן די גרינגסטע אַרבעט. וואָס פאַר אַ מיין ער האָט געהאַט דערביי, האָט קיינער נישט געוואוסט. אפשר ער אַליין אויך נישט קלאָר געגנוג. פעני האָט אים באַלד פונם ערשטן טאָג אָן, ווען זי איז אָנגעקומען אין שאַפּ, גענומען מיט איר שטילקייט און איידלקייט. און כאָטש זי איז געווען אַ קנאַפּע אַרבעטערין, האָט ער נישט געהאַט דאָס האַרץ איר אויסצוזעצן אָדער צוריקוואַרפן אַ שטיקל אַרבעט.

די אַנדערע אַרבעטער האָבן דאָס באַמערקט, און האָבן צווישן זיך פון אים שטילערהייט אָפּגעלאַכט. פעני האָט דאָס אוודאי נישט גע־שמעקט, אָבער זי האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן. נישט פון גרויסהאַלטעריי

8) פאַרשטייער פון די אַרבעטער. 9) ראַק.

האט זי געשוויגן, נאר ווייל אזוי איז געווען איר כאראקטער. און ווייל זי איז געווען אזא ווייכע און אזא איידעלע, און האט קיינמאל קיינעם מיט קיין ווארט נישט אנגערירט, זענען די אנדערע ארבעטער נישט געווען אין כעס, פארוואס מעני האט איר געגעבן די גרינגערע דזשאבעלעך.10)

— איך האב מורא, אז ער שרכנט זיך צו איר, — פלעגט אייז ארבעטער רעדן צום אנדערן אזוי, אז פעני זאל הערן — ווי מיינסטו, ס'וועט עפעס ארויסקומען?

— קאן זיין. — פלעגט דער אנדערער ענטפערן — נאך אלעמען, א חוץ זיין מיאוס פנים מיט דער איינגעבויגענער פיגור, איז ער דאך א גאנץ שיינער יונגערמאן.

פעני פלעגט דאס הערן און שווייגן, ווי געווײנלעך. זי פלעגט זיך דערפאר שטארק רויטלען. אבער די ארבעטער האבן נישט געמיינט איר ווייי צו טאן דערמיט. אין דעם איז זי געווען זיכער. אוודאי, ווען זיי זאל גאר געווען איינפאלן אין געדאנק, אז זי וועט חתונה האבן מיט מעני, וואלטן זיי דאס אלץ נישט געווען געזאגט.

יא, זי האט מיט אים חתונה געהאט. פעני איז געווען אן איי־ראפעאיש מיידל און פון דעם בעסערן סארט. זי האט נישט געשטעלט קיין טראפ אויפן שיינעם אויסזען. די הויפטזאך האט ביי איר געשפילט מענטשלעכקייט. אמת, עס איז איר אפטמאל שטארק געווען דערווידער זיין שרייען, אבער זי האט מיט דער צייט איינגעזען, אז ער מיינט נישט דערמיט קיין שלעכטס. פארקערט, וואס מער ער האט געשריגן, אלץ בעסער איז ער געווען צו די ארבעטער.

— פארשטייסט דען נישט, — האט ער איר איינמאל געזאגט, ווען זיי זענען שוין געווען חתן־כלה און קיינער אין שאפ האט עס נישט געוואוסט — דאס טו איך נאר, כדי צו ווייזן דעם באלעבאס, אז איך טו עפעס. ווען נישט דאס, צו וואס וואלט אים געטויגט א פארמאן?

און מעני האט טאקע זעלטן־ווען צוריקגעגעבן אן ארבעטער א שטיק ארבעט. מערסטנס האט ער אליין פארריכט, אויב מען האט גע־דארפט. און מיט פענים קומען אין שאפ אריין, איז ער אוודאי בעסער

---

10) שטיקלעך ארבעט.

געוואָרן. דאָס שרייען זיינס איז שוין געוואָרן מענטשלעכער. אפילו די פּלינקע גנבהשע בליקן, וואָס ער פלעגט וואַרפן פון זיינע מייזלשע אויגן, זענען אויך געוואָרן מילדער און געצאַמטער.

דאָס האָט אויפגעטאָן די ליבע.

יאָ, מעני בלינדער איז געווען פאַרליבט. פעני, די שיינע, שטילע, איידעלע פעני, איז אים אַריין אין האַרץ. ער האָט אין אָנפאַנג נישט גע־וואַגט צו האָפן. און אפילו נאָכדעם, ווען זי האָט שוין געהאַט צוגעשטימט צו ווערן זיין ווייב, האָט ער עס נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלייבן.

— פעני, — האָט ער צו איר געזאָגט, ווען ער איז געווען מיט איר אַליין אין אַ רעסטאָראַן אָדער ערגעץ אַנדערשוואו — דו מוזסט זיין קורצזיכטיק. איך האָב מורא, אַז דו זעסט נישט, ווי מיאוס איך בין...

— נו, — האָט זי געענטפערט — וועט דאָס מיך פאַרהיטן פון אייפערזוכט.

זי האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז ער, מיט זיין מיאוסן אויס־זען, וועט נישט פירן קיין ליבעס מיט אַנדערע פרויען.

קיין ליבעס מיט אַנדערע פרויען האָט ער טאַקע נאָך דער חתונה נישט געשפּילט, אָבער אַ פלירטעווע צו טאָן, דאָס האָט ער זיך דווקא דער־לויבט, און טאַקע גאַנץ אָפט אויך.

— האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, — פלעגט ער טרייסטן זיי־נעם אַ גאַסט, ווען ער האָט אַ קוש געטאָן יענעמס ווייב — איך מעג! זי וועט זיך אין מיר סיי ווי נישט פאַרליבן. זאָג, מילדרעד, — פלעגט ער זיך ווענדן טאַקע צו איר אַליין, דער געקושטער — קענסט זיך פאַרליבן אין אַזאַ מיאוסקייט ווי איך? אַיאַ ניין? און גלייך האָט ער איר דערלאַנגט נאָך אַ קוש.

און צו זיין אייגן ווייב, וועלכע האָט צוגעזען די סצענע און בשעת מעשה האָבן זיך אויף איר פּנים באַוויזן אַלערליי קאָלירן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— און דו, פעני, דאַרפסט זיך אויך נישט ערגערן. ווער וועט נעמען ערנסט אַ קוש פון אַזאַ מיאוסן מאַן, ווי איך? קיינער נישט. קום אַהער, גאָסי! — האָט ער אַ רוף געטאָן צו אַנדערער, אַ מיידל שוין —

קום, וועל איך דיר אויך אַ קוש געבן, זאָלסט נישט זיין „דזשעלעס".11)
נו, גייסט אַהער?... — האָט ער פּלוצלונג פאַרגעסן וואו ער איז און אַרויס־געלאָזט אַ געשריי ווי דאָרטן, אין שאַפּ, אַלס פאָרמאַן.

די קרבנות זיינע, סיי די פרויען, וועלכע ער האָט געקושט, און נאָך מער די מענער אָדער געליבטע זייערע, פלעגן, נעבעך, מוזן אונ־טערשמייכלען פון מענים אומשולדיקע קושן. וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? אַז מיט זיין מיאוסן אויסזען האָט ער דאָך זיי אַלעמען באַזיגט, אפילו זיין אייגן ווייב. גיי האָב טענות צו אַ מאַן, וועלכער צעקלינגט אַליין זיין מיאוסקייט אַזוי ברייט און אַזוי אָפן פאַר דער וועלט!...

יאָ, ער האָט גוט אויסגענוצט זיין מיאוסן אויסזען, מעני בלינ־דער. אַזוי גוט האָט ער עס אויסגענוצט, אַז פעני, דאָס ווייב זיינס, איז אים שוין איינמאָל געצוואונגען געווען צו זאָגן:

— זע, מיין מאַן, זאָלסט נישט אַביסל צופיל אויסנוצן דיין אויסזען אויף מיין חשבון. אַלץ האָט אַ גרענעץ.

די שיינע פעני איז געווען אייפערזיכטיק אויף דעם מיאוסן מעניין.

11) אייפערזיכטיק.

דער טאַנץ אַרום ברויט

(בילד פֿון די קריזיס יאָרן אין אַמעריקע)

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָט אוירווינג גראָס צעפּטרט זוכנדיק אַ „דזשאָב". און נאָכדעם ווי ער איז אַרומגעלאָפֿן פֿון פּלאַץ צו פּלאַץ, וואו עס האָבן זיך געפֿאָדערט „הענט", און האָט גאָרנישט געקאָנט קריגן אין ערגעץ, אַנטרעפֿנדיק זיך אומעטום מיט הונדערטער — אויף טייל ערטער מיט טויזנטער — וואַרטנדיקע, בעטנדיקע, הונגעריקע מענער פֿון פֿאַרשידענעם עלטער און אויסזען, איז ער אַ פֿאַרביטערטער, אַ ברוגזער, אַן אויסגעשעפּטער געפֿאָרן אַהיים.

צו זיך אין צימער האָט זיך אים נישט געגלוסט אַרויפֿצוגיין. ער האָט זיך געשעמט צו באַגעגענען דער באַלעבאָסטע זיינער, וועמען ער איז שולדיק געווען פֿאַר קנאַפּע דריי חדשים דירה־געלט. איז ער אַריין אין פּאַרק. ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שטיל און אָפּגעזונדערט ווינקל, ווייט פֿון מענטשן און אויטאָמאָבילן, און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ גרויסן, קיילעכדיקן שטיין.

עס איז געווען אַ קילער טאָג, אָבער אַ שיינער און אַ טרוקענער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן שטיין, מיטן פּנים אַרויף, און דורך די געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן געקוקט אויפֿן הימל.

אויף זיין פּנים האָבן זיך געשפּילט קאָלירטע שטרייפֿן, ווייסע און גרינע, געלע און בלויע. עס איז געווען אַ געמיש·פֿון שטיקלעך הימל און שטיקלעך זון און שטיקלעך טאָג־ליכט און צו דעם — דער אָפּשלאָג פֿון די בלעטער, וואָס איבער אים. ער איז אַזוי געלעגן אַ צייט, ביז וואַנען

די אויגן זיינע האָבן זיך איינגעמידט און ער האָט זיי געשלאָסן, איבער־געבנדיק זיך אינגאַנצן דעם ווינט, ער זאָל אַנפּירן מיט דעם פאַרבן־טאַנץ אויפן פּנים זיינעם.

ער האָט דערפילט אַ ווייטיק און אַ שטעכעניש אין רוקן. דאָס איז אים געקומען פון מידקייט און אָנשטרענגונג, פון נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן. שוין באַלד אַ יאָר ווי ער איז אַרבעטלאָז און ער זעט נישט קיין שום סימן פון פאַרבעסערונג, קיין שום האָפנונג אויף אַן ענדערונג.

ער איז טאַקע אַליין. אמת. אָבער איין מענטש דאַרף דאָך אויך עסן, דאַרף דאָך אויך האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, אַ מלבוש אויף זיך... און זיינע עלטערן אין „יוראָפּ"!... צי קאָן ער דען דאָ לעבן רואיק, ווען ער ווייסט, אַז די עלטערן זיינע, שוואַכע מענטשן, גייען אויס פון הונגער? צי קאָן ער דען דאָ שלאָפן דורך די נעכט, ווען ער שטעלט זיך פאָר ווי מען וואַרפט זיי אַרויס פון דער דירה?... שמילערהייט, די באַלע־באָסטע זאָל נישט דערהערן, דרייט ער זיך דאָן אויף זיין געלעגער. ווייל דאָס געפיל פון שולדיקייט און איבעריקייט איז אין אים גרויס. וואָלט ער וועלן זיין אָנוועזנקייט דערשטיקן, זיין עקזיסטענץ אָפּווישן. שווערע אַנגס־טיקע מינוטן זענען דאָס פאַר אים, אָט די נאַכטיקע קאָשמאַרן. אומדער־טרעגלעכע ליידן מאַכט ער דורך. פאַרשידענערליי געדאַנקען און געפילן ראַנגלען זיך דאַמאָלס אין אים.

אָט נעמט אים אַרום אַ גרויס רחמנות אויף זיך. רחמנות געמישט מיט פאַרצווייפלונג. פאַרצווייפלונג פאַראורזאַכט פון שוואַכקייט. עס שטיקן אים טרערן. אָבער ער קאָן נישט וויינען. די באַלעבאָסטע קאָן נאָך דער־הערן. און פאַר דער באַלעבאָסטע האָט ער מורא. כאָטש זי איז אויך אַזאַ נעבעכדיקע, צעקנייטשטע.

גאַנץ פרי כאַפּט ער זיך אַרויס פונם הויז, זוכן אַרבעט. גאַנץ פרי — אפשר פיר־פינף אַזייגער. אָבער ער קומט סיי ווי צו שפּעט. אַלע קומען שפּעט. די רייען וואַרטנדיקע מענטשן־שאָטנס זענען שוין גרויס, לאַנג. אומעטום, וואו ער קומט־צו, טרעפט ער דיזעלבע וואַקס־פיגורן וואַרטן, וואַרטן אויף דעם גרויסן נס — צו קריגן אַ „דזשאַב". אים דאַכט זיך, אַז די רייען וואַרטנדיקע האָבן זיך גאָר קיינמאָל נישט אָנגעהויבן און וועלן זיך גאָר קיינמאָל נישט אויסלאָזן, נאָר פון אייביק אָן שטייען

זיי אַזוי, און ביז אין דער צווייטער אייביקייט וועלן זיי שוין דאָ שטיין, פאַרבלאַסטע, פאַרגעלטע, פאַרשטיינערטע, און וואַרטן, און וואַרטן...

טייטעלמאַל, ווען עס גיט זיך אין אים אַ זאַמל־אַן אַ גרויסע מאַס פון ביטערניש און פאַרדראָס, גיט זיך אַ געפיל פון פראַטעסט אַז עס־אייז אין זיינע ביינער. ער קריגט דאַמאָלס אויף אַ ווײַלע אַ געמאַכטן און גע־קינצלטן מוט. אין אַזאַ צייט פילט ער ווי צוצוגיין צום ערשטן בעסטן אַרבעט־געבער און אים אַ זאָג טאָן אַזוי האַרב און אַזוי פּראָסט:

— גיב מיר אַרבעט, הערסטו? אַרבעט וויל איך!

וועט יענער, דאַכט זיך אים, זיך פאַר אים דערשרעקן און אויף אים אָנהויבן קוקן אַזוי מאָדנע שרעקעדיק און הילפלאָז. וועט ער יענעם דערקלערן, אים זאָגן, אַז ער איז הונגעריק און אַז זיינע עלטערן זענען הונגעריק, און אויב ער וועט אים קיין אַרבעט נישט געבן, וועט ער מוזן גיין גנבענען. צי וויל ער דען, דער אַרבעטגעבער, נעמען אויף זיך אַזאַ חטא: אַ מענטש זאָל צוליב אים ווערן אַ גנב? זיכער וועט ער עס נישט וועלן. וועט ער אים באַלד אַריינרופן צו זיך, תיכּף אַוועקזעצן אַרבעטן. —

— — — — — — — — — — — — —

דער שטיין, אויף וועלכן אווירווינג גראָס איז געלעגן, האָט אָנגע־הויבן היצן און גליען. עס האָט אים אָנגעהויבן בריען די פּלייצע. אויף זיין פּנים האָבן די גרינע שטרייפן זיך פאַרמינערט און די געלע האָבן זיך איינגעשניטן אין זיינע אויגן. די משופּעדיקייט פונם פּעלץ האָט זיין קערפּער געבראַכן אויף צווייען. אָבער ער איז געווען צו מיד זיך אויפצו־הייבן. זיינע אויגן האָבן באַגעגנט דעם זון־איבערפאַל אַן ווידערשטאַנד.

עס האָט אים שוין גאָרנישט געאַרט. גאָרנישט באַאומרואיקט.

אַ שטימונג פון גלייכגילטיקייט האָט זיך אין אים צעלייגט. געדאַנק און געפיל האָבן זיך באַהעפט אין שטומער טעמפּקייט. אַלץ איז פּונקט אַזוי ווי עס דאַרף זיין. פּונקט אַזוי. אַנדערש קאָן עס נישט זיין. אַנדערש טאָר עס נישט זיין.

עסן. ניין, ער דאַרף נישט עסן. אים איז גוט אַזוי אויך. ער דאַרף נישט קיין אַרבעט. ער דאַרף נישט קיין דירה. אים איז גוט צו ליגן אָט־דאָ, אויף דער זון. דאָ איז אים אַזוי וואַרעם... זיינע עלטערן? יאָ, וואָס־זשע וועט טאַקע זיין מיט זיינע עלטערן אין „יוראָפּ"? גאָרנישט וועט זיין. ווי מיט

אַלע מענטשן. ער קאָן אייביק נישט טראַכטן פון זיי. ער וויל האָבן רו, רו. אַך, ווי ער גאַרט נאָך אַביסעלע רו...

די אויגן־דעקלעך זענען איבער זיינע אויגן אַראָפּגעפאַלן. אַלץ שווערער און שווערער איז געוואָרן דער דרוק. אַלץ געדיכטער און דיקער דער צודעק. די זון האָט אויפגעהערט בריען. די זון איז עפּעס ווי קעלטער געוואָרן. קעלטער און טונקעלער.

אויף זיין שטערן זענען טראָפּנס שוויים אַרויסגעטראָטן. גרויסע, קיילעכדיקע און געדיכטע טראָפּנס, האָבן זיך געבלעזלט און אָפּגעגלאַנצט אין דער זון.

פון דעם האָט ער דערפילט אַ לייכטקייט אין דיביינער, וואָס האָט זיך דערנאָך אַריבערגעטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער. ער האָט געהאַט דעם באַגריף, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעשיילט פון ענגע און פּרעסנדיקע קליי־דער... און נאָך יעדן מלבוש־אַוועקפאַל איז אים דער אָטעם געוואָרן פריי־ער, אַזוי די הענט, אַזוי די פיס, אַזוי דער קאָפּ, דער געדאַנק — אַלצדינג אין אים איז געוואָרן אַזוי גרינג, אַזוי מהיהדיק גרינג און פלינק, ווי די לופט אַרום, ווי אַ שטיק ווינט.

פּלוצלונג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער שטיין, אויף וועלכן ער איז געלעגן, האָט זיך אָנגעהויבן רירן, זיך אָנגעהויבן באַוועגן. און וואָס אַמאָל שנעלער, און וואָס אַמאָל שטאַרקער. דערנאָך האָט זיך דער שטיין ראַפּטום געגעבן אַ הויב־אויף און גענומען פליען, פריער אַרום, אַרום, אין אַ רעדל זיך געדרייט, נאָכדעם ערגעץ אַוועק, ערגעץ אַוועק...

און אוירווינג גראָס איז געלעגן אויפן שטיין, מיט זיין גאַנצן ווינטיקן געוויכט, און מיטגעפליגן. אין אָנהייב האָט זיך זיין אויג פאַר־טשעפּעט אַן ביימער, צווייגן, שטיקלעך שטאָט, הייזער, דעכער, עלעקטרי־שע דראָטן, רויך, רויך... נאָכדעם איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן. ער האָט געגעבן אַ פלי־אַריין אין גרויען גאָרנישט. ווייל דאָס, וואָס ער האָט איצט געזען, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. און ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס אָנצורופן. עס איז נישט געווען קיין וואַסער און נישט קיין פייער און נישט קיין הימל און אפילו נישט קיין לופט. אַזאַ מין דינער, גרויער, דורכזיכטיק־פאַרנעפּלטער געוועב איז עס געווען.

אַזוי איז ער, צוזאַמען מיטן שטיין, געפלויגן, געפלויגן, אפשר

אַ מיליאָן יאָר איז ער אַזוי געפלויגן... און בשעתן פליען איז אים געווען אַזוי גרינג און אַזוי גוט. אַפּפליען אַ טויזנט יאָר איז ביי אים געווען אַ שפּילכל. הונדערט טויזנט יאָר, איז ביי אים געווען קיי און שפּיי. ווייל די גאַנצע צייט האָט ער געפילט אַזוי גרינג, אַזוי פלינק. און דער קאָפּ האָט זיך אים נישט געדרייט, און קיין שטעכעניש אין רוקן האָט ער נישט געפילט. און דער הונגער האָט אים נישט געמוטשעט. ער איז געווען זאַט — פון דער לופט אַרום, פון דעם גרויען גאַרנישט, אין וועלכן ער איז אַרומגעפלויגן.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען הענט. דורך דעם דינעם, דורכזיכטיק־געפלדיקן געוועב האָט ער זיי דערזען, זיך שטרעקן צו אים פון אַלע זייטן... דערנאָך האָבן די הענט אָנגעהויבן צו אים צו רעדן אַזוינע מאָדנע און פאַר־שטיקטע רייד:

— קום אַרבעטן! — האָבן זיי זיך ביי אים געבעטן. — קום אַר־בעטן! אַרבעטן!...

און ער האָט זיך תיכף דערמאָנט אין דער צייט, ווען אַט דיזעלבע הענט האָבן אים געטריבן פון זיך; ווען זייער לשון האָט אין אים געצונדן כעס. דעריבער האָט אים איצטער שטאַרק אַמוזירט זייער בעטן זיך ביי אים. און פון דעם האָט זיך אַ געלעכטער אין אים צעגאָסן, אַזאַ שטאַרק און אַזאַ ווילד געלעכטער, פון וואָס דער גרויער גאַרנישט, אין וועלכן ער איז אומגעפלויגן, איז אויפגעטרייסלט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צערינען, איינגיין.

און באַלד איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ נייער טונקלניש. עס איז געווען פינסטערער ווי בייטאָג און ליכטיקער ווי ביינאַכט. און דאָך נישט פאַרטאָג און נישט פאַרנאַכט, נאָר אַ מין געמיש פון קאַלירן, שטילע און טונקעלע קאַלירן. אַפּפליענדיק אַ ווײַלע, האָט ער דערהערט אַ באַקאַנט קול נישט ווייט פון זיך — דאָס קול פון דער באַלעבאָסטע זיינער — און באַלד האָט ער דערזען אירע הענט, אויך רופנדיקע און בעטנדיקע:

— קום, נאַ דיר די דירה!... איך וועל דיך נישט אַרויסטרייבן! נאַ דיר די דירה!...

און ער איז ווייטער געפלויגן.

ווען די טונקלקייט איז געוואָרן עטוואָס געדיכטער, האָט ער

דערהערט אַ קרעכצן אַרום זיך. אַזוינע האַרציקע און רירנדיקע זיפצן זענען דאָס געווען, אַז עס האָט אים אַ שניט געטאָן ביים האַרץ. נאָכדעם איז געקומען אַ באַקאַנט, דוכט אים, קול, דאָס קול פון זיין פאָטער:

— וואָר־זשע ביסטו, זונעניו? וואָס שווייגסטו, אשרל? מיר ווילן דאָך עסן!...

— אַ קליין שטיקל ברויט ווילן מיר, קינד אונזערס, — האָט ער דערקענט זיין מאַמעס קול, — נישט מער. בלויז אַ קליין, קליין שטיקל ברויט...

און ווי ער האָט נאָר געעפנט דאָס מויל עפּעס צו ענטפערן, איז אָבער דער שטיין שוין געווען ווייט פאַרפלויגן, און האָט אים, אוירווינגן, מיטגעטראָגן מיט זיך.

דאָ האָט ער דערזען אַן אויסטערליש בילד:

אונטן איז געלעגן די שטאָט ניו־יאָרק. ער האָט דערקענט די גאַסן, די וואָלקנקראַצערס, דעם אויסמיש פון מענטש און מאַשין, דעם רויך, דעם טומל, דאָס פאַלשע ליכט, די אמתע פינסטערניש... ער האָט גלייך דערקענט ניו־יאָרק, ווען ער האָט אונטן געזען די באַקאַנטע רייען וואַרטנ־דיקע מענטשן־שאַטנס. אַן ריר, אַן באַוועגונג זענען זיי געשטאַנען, פאַר־שטומטע, פּאַרגליווערטע, ווי וואַקס־פיגורן, און האָבן געוואַרט מיט אַן אייביק געדולד אויף דעם אייביקן נס — אויף דעם „דזשאָב", פּונקט ווי נעכטן און פּונקט ווי פאַראַיאָרן און פּונקט ווי פאַר הונדערט יאָר...

און מחמת דעם, וואָס ער איז איצטער געפלויגן הויך, אַרום און אַרום זיך געדרייט, האָט ער געקענט זען אָט די אַלע רייען שטייענדיקע, וואַרטנדיקע אויף איין מאָל. און ווען ער האָט געטאָן אַ פאָר אַריין אין אַ וואָלקן און אַרום אים האָט אַנגעהויבן ווערן פינסטערער און פינסטערער, איז אונטן די לאָמטערן־ליכטיקייט געוואָרן שאַרפער און בולטער. ער האָט געזען רייען מיט מענטשן, אַזוי פיל, אַזאַ אומגעהויערע צאָל פון אַלע זייטן אָנקומען, און אויף איין פּלאַץ זיך פאַרזאַמלען, אַלע אויף איין פּלאַץ. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שטרעקן די הענט, דאַרע, אָדערדיקע הענט, מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע פינגער, אַלע אין איין ריכטונג, אַלע אויף איין פּונקט, געריסן זיך צו עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט אין אָנהייב נישט באַמערקט, וואָס עס איז. ערשט ווען די פינסטערניש אַרום אים איז געוואָרן נאָך

גערייבטער און די לאַמטערן ליכטיקייט אונטן שאַרפער, האָט ער דערזען, וואָס דאָס איז: אַן אומגעהויער גרויס ברויט איז עס געווען, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר מײַלן ווייט. און צו דעם האָבן זיך די הענט געשטרעקט, צו דעם האָבן זיך די פינגער געריסן — און נישט געקאָנט דער־גרייכן. די אויגן, האָט ער באַמערקט, האָבן בײַ זיי אַזוי געגלאַנצט מיט גיריקייט, אַזוי געפינקלט מיט זשעדנעקייט, אַז די אָפּשטראַלונגען זענען געפאַלן אויפן ברויט און דאָרטן אויסגעברענט שטיקער.

מיטאַמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַזוינע מאָדנע קולות — און גלייך צום ברויט, גלייך צום ברויט. אַזוינע אײַנטאַניקע קלאַנגען זע־נען דאָס געווען, וואָס ער האָט נישט געקענט ווִיסן, וואָס זיי אַנטהאַלטן: כעס צי געבעט, געוויין צי דראָאונג?... און אַלע אויף איין מאָל. אַלע אין איין אָטעם. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן טאַנצן, אַזוי אויסטערליש טאַנצן און שפּרינגען און האָפּקען אַרום און אַרום דעם ברויט — און דערבײַ זינגען און דערבײַ שרײַען און דערבײַ בעטן און שטרעקן די הענט, שטרעקן די הענט.

דער שטיין, אויף וועלכן ער איז געלעגן, האָט עפּעס אָנגעהויבן נאָך האַסטיקער זיך צו דרייען, דרייען זיך גיך, גיך, אַזש אַ שווינדלעניש איז אוירווינגן אַרײַן אין קאָפּ. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן פאַלן, דער שטיין, און אוירווינג מיט אים, געפאַלן, געפאַלן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, גלייך אויפן ברויט אַרויף...

אויפן צווייטן טאָג איז מיט קליינע ווערטער ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ צײַטונג געווען געמאָלדן, אַז מען האָט געפונען אַן אַרבעטלאָזן יונגנ־מאַן אין פּאַרק, פאַרהלשט פון הונגער. זײַן נאָמען איז אוירווינג גראָס.

אַ הויז אין בראָ פּאַרק

אויף דער טיר, ביים אריינגאַנג, איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ מעשן שילדל, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

רעוו. דזשאָזעף דזש. ניססען.

קיין רעוורענד איז אייגנטלעך דער מיסטער ניססען נישט געווען, נאָר אַן איינפאַכער שמש אין אַ שול. נאָר אַזוי ווי, האָט ער זיך געטראַכט, דאָס איז אַמעריקע, וואו עס איז מעגלעך, אַז פון אַ ליאַדע יונג, וואָס האָט דאָרטן אין דער היים אונטערגעקוויטשעט, זאָל ווערן אַ חזן, און פון אַ דרדקי מלמד — אַ „היברו טיטשער", פאַרוואָס־זשע איז נישט מעגלעך צו ווערן פון אַ שמש אַ רעוורענד?

וואָסי? עס קאָסט עמיצן טייערער? ס'אַראיט, די היגע רעוורענדס זענען נישט פרימער פון אים. און אריינוואַרפן אַ ווערטעלע פון דער תורה קען ער אפשר בעסער פון זיי. און אינם אויסזען שטייט ער אויך נישט אָפּ. אמת, ער טראָגט נישט קיין גרויסע באָרד, דער מיסטער ניססען, אָבער אַ קליין קאָזע־בערדעלע טראָגט ער יאָ. די היגע רעוורענדס זענען דאָך אינגאַנצן געגאָלט, ווי, להבדיל, די פּוילישע גלחים.

און אריינקומענדיק צו אים אין הויז וועט קיינער נישט זאָגן, אַז דאָ וואוינט אַ שמש פון אַ בראָ פּאַרקער שול. נעוווער! אַ רעגעלער רעוור־רענדס הויז. ס'איז דאָרטן, קיין עין הרע, פאַראַן פון אַלצדינג. טייערע מעבל און דיוואַנען און טעפּיכער און געפעסן און קונסט־בילדער אויף די ווענט. כאָטש פּופּציק יוראָפּישע שמשים איינצוטיילן. די צרה איז טאָקע, וואָס עס איז אַביסעלע צופיל אָנגעשטעלט. נישטאָ זיך וואו אויסצודרייען. אָבער

וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אז די „מאַ" (זיין ווייב) מיט די קינדער האָבן נאָר געהייסן קויפן און קויפן. אפילו דעם ראַדיאָ. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס מען קאָן דאָרטן הערן. „עימאָס און ענדי" 1) ווײַנען דאָרטן אַרייַן, און דער עולם לאַכט, אז עס גייט אַזש אַ רויך. אַ אידישן טעם עס זאָל כאָטש האָבן!

אַמעריקע וואָלט נישט געווען קיין שלעכט לאַנד, ווען עס וואָלטן נישט געווען אַזוי פיל גויים. אבּיסעלע מער אידן — ער מיינט, אמתע אידן, פרומע — וואָלט נישט געשאַדט. מ'וואָלט געקאָנט לעבן.

אמת, אַזוי איז אויך נישט צו פאַרזינדיקן. הלמאי זאָל ער זיין אַ דבר אחר? עס איז אינגאַנצן צוועלף יאָר, ווי ער איז אין לאַנד. און אין אַזאַ קורצער צייט, פונדעסטוועגן, צו קענען אָראָפּברענגען צו זיך די פאַמיליע און „אויפפיקסן" אַזאַ הויז, ווי זיינע, דאָס־אַ, דאַכט זיך אים, דאַרף מען קענען.

מענטשן, פּראָסטע מענטשן, מיינט ער, וועלן זיך געבן אַ רעד־אָפּ:

— טניע! — אַ שמש! אויך מיר אַ גרויסע זאַך...

מילא, אַרט עס אים. זאָלן זיי מיינען, אַז זיי ווייסן אויך עפּעס. אָבער באַווייזן דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן, איז יהודי בלאָ! זיי טראַכטן דאָרטן: אייסעד וואָס, פעקלעך מיט יאָרצייט ליכטלעך צוצעשיקן די שול־אידן — אַ תורה אין אַמעריקע. אָבער ער, דער מיסטער ניססען, ווייסט וואויל, אַז עס איז נישט דאָס. כאָטש דאָס טאַקע אויך, אָבער דאָך נישט אינגאַנצן. מען דאַרף נאָך, אַ חוץ דעם, קאָנען געבן אַ שמייכל, וואו נויטיק, אַ לאָד־אונטער, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אונטערזינגען אַ מי שברך, אויספּאַלגן אַ גאַנג. דאָס איז נישט קיין הניפה. און אויב אפילו יאָ, איז אויך נישט קיין סכנות נפשות. אויף דערויף איז דאָך דאָס ביזנעס.

מיט די קינדער זיינע איז צרות. ס'הייסט צרות — ס'איז נאָך ערגער ווי צרות. אַז די קינדער זענען גאָר רעגעלע גויים.

אָנהייבנדיק פונם עלטסטן, וואָס הייסט דזשערי, און אויסלאָזנ־דיק ביים קלענסטן קאַראָפוזיק זיינעם, מילטאָן.

אַ חוץ פון די מאָדנע פרעמדע נעמען זייערע, האָט ער און די

1) צוויי אַמעריקאַנער ראַדיאָ אַקטיאָרן.

„מא" געגוג זיך אויסצושטיין פון דעם לשון. קינדער זאלן נישט וועלן ארויס־רעדן קיין אידיש ווארט — אויף דעם האט ער זיך גארנישט גערעכט. סיי דאס לאכן, סיי דאס וויינען, סיי דאס קריגן זיך — אלץ ווערט געטאן אויף ענגליש. גלייך דער טאטע זייערער וואלט זיי געווען א פרעמדער, א זייטיקער מענטש.

און אלע זייערע תנועהלעך און העוויהלעך, מיטן שטענדיקן מעלה־גרהן די טשואינג־גאם 2) זייערע, און בכלל זייער עסן, טרינקען און אינטע־רעס אין לעבן...

א זון, וואס איז שוין באלד איין־און־צוואנציק יאר אלט, זאל אזוי זיין פארקאכט אין באל־ווארפעניש, ווי זיין דזשערי איז. ס'הייסט פאר־קאכט — ס'איז סכנות נפשות! גלייך מי יודע וואס פאר א וואונדער ס'וואלטן דארטן אין דער דאזיקער באל געשטעקט. און צוליב אים שוין די קלענערע אויך. עפעס קריגן זיי זיך וועגן איינעם א „בעיבי", וואס אויף דער „פיק־טשע" זעט ער גאר אויס ווי א העלפאנט. איינער זאגט, אז ער וועט יא דערלויפן, דער אנדערער זאגט, אז נישט. צו־וואס ער לויפט און וואוהין ער לויפט, הייבט ער נישט אן צו וויסן, דער מיסטער ניססען. און עס איז אים בכלל שווער צו פארשטיין, פארוואס מען קלייבט עפעס אויס אזא „בעיבי" אויף צו לויפן.

די עלטסטע טאכטער, עוועלין, איז א מואווי 3) פרעסערין. זי איז שוין באלד אכצן יאר אלט און אנשטאט צו האבן אין זינען צו געפינען זיך א באי, זוכט זי אים גאר אויפן לייוונט. זי האט זיך שוין אירע סימפא־טיעס. און וויפיל ער און די „מא" האבן מיט איר צו טאן, אז אזא מיידל, ווי זי, וועלכע האט אזוי פיל בעלנים אויף זיך צווישן די לעבעדיקע, איז א משוגענע צו קוויקן זיך מיט די טויטע שאטנס אויפן לייוונט, העלפט עס אלץ נישט. זי זאגט, אז אלע זענען „קאיקס"4) און „גרינהארנס" און פאר־שטייען נישט אזעלכע זאכן.

און ווען ער זאגט איר צוריק, אז אויב ער און „מא" זענען „קאיקס" און „גרינהארנס", איז זי דאך אויך אזא, ווייל זי איז דאך נישט לענגער אין אמעריקע, ווי זיי; ענטפערט זי אויף דעם, אז זי געדענקט

---

2) קיי־גומע. 3) קינא. 4) זידל־ווארט פאר אימיגראנטן.

נישט די „אָלד קאַונטרי"5) און פאַרשטייט נישט קיין אידיש און דעריבער איז זי „ען אַמעריקען לעידי" און „דהאַט'ס אָל"...

די אינגערע טאָכטער, לינאַ, איז אויך נישט בעסער. פערצן יאָר איז זי ערשט אַלט און די ליפּן שמירט זי, ווי אַ מויד פון דרייסיק. ער קאָן נישט פאַרשטיין, דער מיסטער ניססען, ווי אַ מיידל אין אירע יאָרן זאָל אַזוי פיל האָבן צו טאָן מיט די ליפּן. פאַרן גיין אין סקול, נאָכן גיין אין סקול — די ליפּן; פאַרן עסן, נאָכן עסן — די ליפּן; אפילו פאַרן שלאָפן גיין, אפילו בשעתן קריגן זיך — אַלץ די ליפּן.

— לינאַ, — האָט ער זי איינמאָל געפרעגט, — וויפיל פאַרב דענקסטו אַזוי צו פאַרנוצן, ביז דו וועסט חתונה האָבן?

— דאָנ'ט וואָרי, פּאַ, — האָט זי אים געענטפערט, — דהער איז פּלענטי און פּעינט אין דהי „יו. עס."6).

און זי האָט אים אָנגעהויבן אויסצורעכענען אַ צעטל פון אירע חברטעס, וואָס אַ סך פון זיי זענען אינגער פון איר. „ענד דו דהעי יוז ליפּסטיק — גאָש!..."7)

דער קליינער קאַראַפּוזיק זיינער, מילטאָן, איז דער „שטאַרקער מאַן" אין דער פאַמיליע. נישט נאָר איז ער דער אָנפאַנגער פון אַלע קריי־געריען און געשלעגן אין הויז, נאָר ער איז אויך דער עקספּערט איבער אַלע גרויסע דרויסנדיקע „פּאַיטס"8). אַלע מאָל ווייסט ער, ווער עס וועט געווי־נען און ווער עס וועט ווערן „טשעמפּי־ן". ער ווייסט אויך אַלע קונצן און „טריקס"9) פון אַ „פּאַנטש אין דהי דזשאָול"10) און אַ „לעפט הוק"11) און אַ „ראַיט אַפּערקאַט"12) און נאָך אַזעלכע תורה־ווערטלעך, וואָס ער, דער מיסטער ניססען, ווייסט נישט דעם טייטש דערפון.

און בשעת ער רעדט פון די זאַכן, דער קליינער „מילטי", צעגלאַנצט זיך ביי אים די אייגעלעך און עס צערויטלען זיך זיינע באַקן און דאָס

---

5) די אַלטע היים. 6) זאָרג נישט, פּאַפּאַ, ס'איז פאַראַן גענוג פאַרב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. 7) און נוצן זיי פאַרב צו די ליפּן — גאָט מיינער! 8) פראַפעסיאָנעלער קולאַקן־געראַנגל. 9) שפּיצלעך.

10) קנאַק אין דער מאָרדע. 11) קנאַק מיט דער לינקער האַנט.
12) קנאַק מיט דער רעכטער.

גאַנצע על־יאַריקע באַשעפּעניש׳ל, זעט מען, ווערט אַנגעצונדן מיט אַ התפּעלות, ווי, להבדיל, אַ קליין גויאיש איוואַנעלע, ווען ער דערזעט אַ שטיק חזיר־פֿלייש.

די גרעסטע קריגערייען אין הויז קומען פֿאָר, ווען ערגעץ־וואו איז אָן אמתער „פּאַיט" צווישן צוויי קולאַק־העלדן. דאַמאַלס איז „מילטי" גע־שפּאַנט און ער טרעט נישט אָפּ פֿון דער ראַדיאָ אויף אַ מינוט. ער הערט זיך צו וואָס דאָרטן, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, אָדער אין די פּאָלאָ־גראַונדס, אָדער ערגעץ־אַנדערש, גייט פֿאָר. עס גייט אים ממש אין לעבן, ווייל ער האָט זיך געוועט מיט זיין פֿריינט, סידני, אַז „זיין" פֿאַיטער וועט דעם אַנדערן „אויסקנאַקן" מיט אַ „לעפט הוק".

דערטראָגן זיך די אַלע קולות און גוואַלטן און אויסגעשרייען פֿון דאָרטן, וואו דער פֿאַיט קומט פֿאָר, אַהער. און מחמת דעם, וואָס די קלאַנגען גיבן זיך נישט איבער קלאָר און דייטלעך, נאָר מיט אַ גריל־צעריי, אַ שפּאָל־טעריי פֿון ווערטער און פֿראַזן, אַ געמיש און געפּלעכט, קומט פֿון דער ראַדיאָס מויל אַרויס אַזאַ מין גערדיכטער און פֿלאַנטערדיקער ווירוואַר, וואָס פֿאַרטומלט די אויערן. דאַמאַלס צעטיילט זיך די משפּחה אויף צוויי טיילן. איין טייל וויל, אַז מען זאָל די ראַדיאָ צומאַכן, און דער צווייטער וויל, אַז מען זאָל די ראַדיאָ לאָזן אָפֿן. הויבן אָן לויפֿן טענות און מסירות צו „מאַ", מיט וועמענס מיינונג אַלע אין הויז רעכענען זיך מער־ווייניקער.

אַ טאָכטער שרייט:

— מאַ, אַי שוד ליוו סאָו13) איך צעברעכן די ראַדיאָ.

קומט אויף דערויף אַן ענטפֿער:

— מאַ, איך איר צעברעכן דעם קאָפּ.

שרייט אַ צווייטע:

— מאַ, איך נישט סטענדען14) פֿון אים.

קומט אַן ענטפֿער:

— מאַ, טעל האָר, שי׳ז נאַטס.15)

— יו אַר קרעיזי!16) ווערט איינע פֿאַמיליאַר און דירעקט...

---

13) מאַמע, זאָל איך אַזוי לעבן. 14) ליידן. 15) זאָג איר, זי איז אַ בהמה. 16) דו ביסט משוגע.

— יו אַר קוקו! 17) — קומט אַן ענטפער, אויף אַ גאַנץ פּאַמי־ליאַרן און דירעקטן שטייגער.

און די „מאַ" זיצט זיך בשעת מעשה אויף צוויי שטולן און האַלט אַ קליין טעלערל אין האַנט און עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט אַ לעפּעלע איינ־געמאַכטס. זי גיט קיינעם נישט געזעצט און קיינעם נישט אומגערעכט. ווייל זי קען שוין אירע קינדער און ווייסט גוט, אַז אין אַ שעה אַרום וועלן זיי שוין זיין גוט צווישן זיך און וועלן האָבן פאַרגעסן אַז דער קריגעריי. איז צווישן איין לעפּעלע מחיהניש און דעם אַנדערן, הערט זי אויס די אַלע טענות פון די קינדער אירע און טראַכט זיך, אַז נאָך אַלעמען איז איר נישט אַזוי שלעכט אין אַמעריקע. אַ מאַן אַ רעוורענד האָט זי (ס'איז אייגנט־לעך געווען איר געדאַנק, ער זאָל בייטן דעם נאָמען פון שמש אויף רעוורענד, ווייל אין אַמעריקע איז אַ מאָדע, אַז מען ביים נעמען...), די קינדער זענען, חוץ אַלע זאַכן, גאַנץ וואוילע און שטילע. וואָסי, אַז זיי קריגן זיך אַמאָל? עס איז גאָר געזונט, אַז קינדער זאָלן זיך אַמאָל דורכוועריטלען; זיי קריגן זיך נאָכדעם מער ליב.

און אויך דער מיסטער ניססען זיצט זיך דערביי ביי אַ טישל און מאַכט זיך פּאַפּיראָסן פון גילזעס אויפן היימישן שטייגער. ער זיצט אינם קאַפּל און זינגט זיך אונטער אַ חזנישן ניגון און דאָס קליינטשיקע קאָזע־בערדעלע זיינס זינגט־מיט. ער איז צופרידן פון דער „מאַס" האַנדלונג, און אויך ער טראַכט דערביי, אַז אַמעריקע איז אַ גאַנץ פיינע מדינה, און נאָך אַלעמען זענען זיינע קינדער נישט ערגער, ווי אַלעמענס קינדער. ס'איז נאָך דאָ אין זיי אַ פּונק אידישקייט. און אַז דער „מאַ" האָט ער צו פאַרדאַנקען זייער צוגעבונדנקייט צו דער היים. ווערט אים פון די געדאַנ־קען פריילעכער אויפן האַרץ און דער חזנישער ניגון ברייטערט זיך אויס. פאַרקוקט ער זיך אויף דער „מאַ" און זעט ווי געלאַסן און בנעימותדיק זי פאַרשלינגט דאָס טעלערל איינגעמאַכטס, גייט אים אויך איבער דאָס האַרץ און ער זאָגט צו איר:

— מאַ, אַ גלעזעלע טיי מיט „דזשעלי" 18) קאָן מען ביי דיר קריגן, מאַ?...

---

17) דו ביסט אַ צעדרייטע. 18) איינגעמאַכטס.

ביים ברעג ים

לעסטער וויינערט איז געשטאַנען אנגעשפּאַרט אַן דעם אייזערנעם פּאַרענטש פונם באַארדוואַק 1) און האָט געקוקט אויפן ים. די כוואַליעס האָבן שטורעמדיק געברויזט און אַריינגעיאָגט אַ קאַלטן אומעט אין די ביינער. לעסטער וויינערט האָט דעם ים נישט געזען, דאָס רוישן פון די כוואַליעס נישט געהערט, אָבער דעם אומעט, אַ פוילן, אַן עסנדיקן, האָט ער דערפילט איבער זיין גאַנצן קערפּער זיך צעלייגן. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ לייכט רעקל, דער קאַלנער איז ביי אים געווען אויפגעשטעלט, און ער האָט פונדעסטוועגן גלע ווײַלע אויפגעציטערט. דאָס איז געווען אַ ציטערן אי פון דער קעלט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונם ים, אי פון דער קעלט, וואָס האָט געשטראָמט פון זיינע געדאַנקען.

ער איז געשטאַנען אזוי פאַרטראַכט, אַזוי פאַרטיפט אין זיינע שווערע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי אַ מענטש איז צו אים צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים. דער מענטש האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט מיט אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט. נאָכדעם איז ער צוגעקומען נאָענט צו אים, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און אַ שטילן זאָג געטאָן:

— לעסטער!...

—אַ, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך אומגעווענדט — ביטריס!...

---

1) שפּאַציר־בולוואַר ביים ים.

— פאַרוואָס זענט איר אַוועק? — האָט זי געפרעגט, אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן. — פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן איינער אַליין?

— איך האָב מער דאָרטן נישט געקאָנט זיין. — האָט ער געענטפערט, כמעט מיט אַ וויינענדיקער שטים. — איך האָב פיינט פאַרטים.2) איך האָס פאַרטים. צו וואָס האָט איר מיך אַהין גענומען?...

זיין קול איז געווען אַזוי געבראָכן, זיינע ווערטער אַזוי פּאַטעטיש, אַז זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שולדיקע, אַ הילפלאָזע, און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איר פאַרוואונדערונג איז געווען גרויס. אין דער קורצער צייט, וואָס זי האָט אים געקענט, האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געהאָט געזען אין אַזאַ נערוועזער און געדריקטער שטימונג. און דאָס, ווי איר האָט זיך אויסגעדראַכט, אָן אַן אמתער סיבה, אַזוי־זיך, פּלוצלונג, פון דער העלער הויט.

מיט אומגעפער אַ יאָר צוריק האָט זי זיך מיט אים באַקענט אויף אַן עקסקוירשן.3) באַקאַנטע האָבן זיי פאַרגעשטעלט. ער האָט זי אין אָנפאַנג ווינציק־וואָס פאַראינטריגירט. אַ יונגערמאַן ווי אַ סך אַנדערע. סיי מיט זיין אויסזען, סיי מיט זיין רעדן און סיי מיט זיין אַלגעמיינער האַל־טונג, האָט ער אויף איר קיין אויסערגעווייגלעכן איינדרוק נישט געמאַכט. ערשט שפּעטער, פאַרנאַכט־צו, אויפן וועג אַהיים, ווען זייער גרופּע האָט זיך אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל פון שיף, און מען האָט אָנגעהויבן צו זינגען לידער, האָט זי אַרויסגעזען ווער ער איז. נישט נאָר זי, נאָר אַלע פון דער גרופּע, באַזונדערס טאַקע די פרויען, זענען געווען באַגייסטערט פון אים. מיט זיין דינער טענאָר שטים, וואָס איז ערטערווייז אַריינגעפאַלן אין אַ מעצאָ־סאָפּראַנאָ, האָט ער אָנגעהויבן אויסזינגען אַלערליי „בלו'ס".4) ער האָט געזונגען מיט אַזוי פיל געשמאַק, מיט אַזאַ מין האַרצווייעניש, אַז ער האָט שיעור די נשמה אַרויסגעצויגן ביי אַלעמען. אַזוי ליד נאָך ליד. אַזוי דעם גאַנצן וועג. אַזש די וואַסערן האָבן מיטגעזונגען. אַזש דער הימל האָט אונטערגעהאַלטן ריטם. זיין דיקלער, אומאינטערעסאַנט פּנים האָט זיך ווי אויסגעצויגן, געוואָרן באַוועגעוודיקער, עמאָציאָנעלער, מעלאַדישער. זיינע דינע, שיטערע האָר זענען איצטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סטרונעס, וועל־

---

2) הוליאַנקעס. 3) עקסקורסיע. 4) טרויעריקע לידער.

כע האָבן זיך באַוועגט צום טאַקט פון זיין זינגען. די זאַטלעכע בליקן איז זיינע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרוימערישע פייערלעך, וועלכע האָבן דורכגעלויכטן דורך זיינע וויעס.

אַזוי האָט זי, ביטריס, אים דאַמאָלס געזען.

ווייל זי איז געווען אַ געפּילפּול מיידל, מיט אַן אויסגעאיידלטן געשמאַק פאַר די דינערע זאַכן פון לעבן. זי איז געווען אַ סקול־לערערין. געוואָלט האָט זי אָבער זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז נענטער צו קונסט. זי האָט זיך טאַקע געריסן צו פּיאַנאָ שפּילן, אָבער זי האָט עס נישט געקאָנט אויספירן. אירע עלטערן זענען געווען אָרים און זי האָט געמוזט זען פאַרדינען אויף צו לעבן.

ביטריס איז נישט געווען קיין שיינע. זי איז אָבער געווען דאָס, וואָס מען רופט, זייער אַ סימפּאַטישע, זייער אַ האַרציקע און אַ פּערזענלעכע. איז איר עמיצער געפעלן, איז גאָר נישט געווען קיין שיעור צו דער ליבשאַפט און וואַרימקייט, וואָס זי האָט יענעם געקאָנט געבן. און זי איז קיינמאָל נישט געווען אויסגערעכנט, צי יענער פאַרדינט עס, צי נישט: צי יענער וועט עס אָפּשאַצן, צי נישט. אַזוי איז זי געווען און אַזוי איז זי פאַרבליבן. ביי אירע זעקס־און־צוואַנציק יאָר איז זי געבליבן פּונקט אַזוי מילד און פרייגיביק ווי מיט פינף און מיט צען יאָר צוריק. קיין טראָפּעלע פאַרביטערונג, קיין ברעקל אַנטוישונג האָט זיך אין איר נישט אַריינגעכאַפּט. זי האָט אין זינען געהאַט די עלטערן מער ווי זיך אַליין: פאַר אַ שוועסטער, אַ פריינדין, אָדער גאָר אַ גוטער באַקאַנטער, אָדער באַקאַנטן, האָט זי אַלעמאָל געטאָן זאַכן, וואָס זי וואָלט פאַר זיך אַליין קיינמאָל נישט געטאָן.

ביטריס איז געווען אַ ראָמאַנטיש מיידל, פון דעם שטילן, פיינעם שניט. זי האָט געבענקט. אוודאי האָט זי געבענקט נאָך איינעם אַ מענטשן, אַ שיינעם מענטשן, אַזאַ, וואָס זאָל זי אָפּשאַצן. מער ווי דאָס האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט נישט געוואָלט קיין העלד פון די מואוויס(5) וואָס אַזוי פיל אַמעריקאַנער מיידלעך, אפילו פון די בלומרשט אינטעליגענטערע, באַ־

5) קינאָ.

וואונדערן אזוי שטארק. ביטרים איז אויך געווען אן אמעריקאנער מיידל, אבער גאר פון אן אנדערן סארט.

לעסטער וויינערט איז ווייט נישט געווען דאס, ווי די גוטע ביט־ריס האט אים געזען, ווען ער האט געזונגען און אפילו נאכן זינגען. ער איז געווען א זונדל פון פארמעגלעכע עלטערן און האט געטאן א סך זאכן, וואס רייכע זינדלעך דערלויבן זיך צו טאן. פונדעסטוועגן איז ער געווען א פעאיקער און אפילו א טאלאנטפולער מענטש. ער האט, א חוץ זינגען, אויך געשפילט פידל און ער איז געווען א געענדיקטער פון קאלאמביא קאלעדש.6)

ביטריסן האט ער, ווי פיל אנדערע מיידלעך, נישט גענומען ערנסט. פונדעסטוועגן איז זי אים באלד געפעלן געווארן. ווייל געווײנלעך האבן צו אים גיכער אפעלירט שענערע מיידלעך ווי ביטרים איז געווען: מיידלעך מיט מער רייץ און בליאסק. אבער זי איז אים עפעס אומדערווארט אריין אין די ביינער. די מלאכישע גוטקייט אין אירע גרויסע, טונקעלע אויגן, וועלכע האבן אויף אים געקוקט מיט אזא באגייסטערונג, מיט אזא אנערקע־נונג, האבן אים אינגאנצן איבערגעוועלטיקט.

יענעם אויפדערנאכט האט ער מיט איר געמאכט אן אפאינט־מענט.7) זיך געטראכט: „לאמיר זען, ווער זי איז. קיין מיאוסע איז זי דאך נישט. אן אנגענעמע זעט זי דאך אוים צו זיין. א ווארימע און א הארציקע אויך. לאמיך פרואוון. וואס קאן איך דא דערלייגן?...”

נאכן ערשטן אפאינטמענט האט ער זיך געטראכט:

„ניין, דאס איז נישט פאר מיר קיין מיידל. מער וועל איך זי נישט זען. זי איז צו־גוט פאר מיר...”

פונדעסטוועגן האט ער אין א פאר וואכן ארום, ווען ער האט גע־האט א ליידיקן אוונט, זי אפגערופן נאכאמאל.

„נאך דאס איינע מאל”. — האט ער זיך געטראכט — נאכאלעמען, קיין מיאוסע איז דאך נישט. צווישן מענטשן קאן מען דאך מיט איר קומען. אלא, וואס זי איז נישט פון יענע מיידלעך — נו, א דאגה! אויף אוועקצו־הרגענען מיט איר אן אוונט, איז זי גוטע קאמפאני...”8)

דאס האט ער זיך אליין אזוי גענארט. אין דער אמתן האט דאס

6) אוניווערזיטעט. 7) ראנדקע. 8) געזעלשאפט.

דאָזיקע מיידל שוין גאָר צו אים אַפּעלירט. ער האָט דאָס בלויז נישט גע־וואָלט צוגעבן, מודה זיין זיך אַליין. לעסטער ווײַנערט איז געווען פון דעם גוטן אַמעריקאַנער „סטאָק"(9), ווי מען רופט עס. טיף אין הארצן זענען זיי אמת פֿיין און מאָראַליש, אָט די יונגעלייט. נאָר וואָס דען: זיי זוכן דאָס צו פֿאַרדעקן, באַהאַלטן אונטער דעם שלייער פון מאָדערניזם. „מען מוז זיין מאָדערנע מענטשן", טענהן זיי. און אונטער דעם דאָזיקן וואָרט פאַרשטייען זיי: פּאַרשייט, הפקר, טיילווייז פאַרדאַרבן אויך טאַקע, סיי אינם רעדן, סיי אינם האַנדלען. „ווייל די צייט איז היינט אַזאַ..." — טענהן זיי — „ווער האָט עס געדולד צו צע־רעמאַניען זיך מיט פיינקייט און אָרנטלעכקייט?..."

נאָכן צווייטן אַפּאָינטמענט האָט שוין לעסטער אויף זיכער באַ־שלאָסן: ניין! „וואָס בין איך משוגע געוואָרן?" — האָט ער געזאָגט צו זיך — „נעמען און צעפּטרן אַזאַ גוטע צייט אויף מוזיקאַלישע דיסקוסיעס? וואָס גייט עס מיך אָן, ווער ס'איז געווען גרעסער: וואַגנער, צי בעטהאָווען? מאָצאַרט, צי שובערט?... די זאַכן, אַז כ'וועל זיי וועלן וויסן, וועל איך זיי אויסגעפינען אַליין, אָן איר הילף. מיט אַ מיידל גייט מען אויס צוליב אַ גוד־טאַים 10) — און דהאָט'ס אָל..."11)

פונדעסטוועגן האָט ער זי אָפּגערופן אַ דריט מאָל, אַ פערט מאָל, אַ צענט מאָל. און ער האָט מיט איר גערעדט וועגן בעטהאָווענען און וועגן וואַגנערן; וועגן שובערטן און מאָצאַרטן. און וואָס מער: ער האָט עס אָנגע־הויבן ליב קריגן, ער האָט אָנגעהויבן פון דעם הנאה האָבן. אַ סך אַ גרעסערע הנאה ווי פון די פריערדיקע ווילדע פּאַרטיס און ליידיקע גוד־טאַימס.

אויסער דעם, האָט גאָר ביטריס אָנגעהויבן שענער ווערן אין זיי־נע אויגן. און זי איז טאַקע שענער געוואָרן אויך. זי האָט זיך צעבליט אונטער די שטראַלן פון אַן אויפגייענדיקער ליבע, אויף וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. איר געמיט האָט אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס איר איז געלונגען אַזוי פיל איבערצומאַכן לעסטערן, אויסצואיבן אויף אים אַזאַ איינפלוס צום גוטן. איר גאַנץ וועזן האָט זיך צעוואָרימט אונטער אָט די נייע אומשטענדן. און פונקט דאַמאָלס, ווען אַלץ איז געגאַנגען אַזוי גוט און אַזוי

9) אויסוואַל. 10) אַ גוטער שעה. 11) דאָס אַלץ.

גלאַטיק — פּונקט דאַמאָלס איז איר איינגעפאַלן אים מיטצונעמען צו אַ פּאַרטי, צו וועלכער זי איז געווען געלאַדן, ערגעץ אין בראָנקס אָדער. די פּאַרטי איז געווען זייער נישט קיין אינטערעסאַנטע, מיט אַן אַנגעלאָפּענעם עולם. איינער האָט נישט געקענט דעם אַנדערן. עס האָט זיך נישט גערערט און עס האָט זיך נישט געוויילט. דערהויפּט האָט לעסטערן דערנערווירט עפּעס אַ נאַריש מיידל, דווקא אַ גאַנץ שיינע, וועלכע האָט אַרומגעטאַנצט אַרום די מענער ווי אַ זאַטע ציג צווישן אַ סטאַדע אויסגעהונגערטע בעק. דאָס זינגען און דאָס „שפּילן״ פון די כלומרשטע „טאַלאַנטן״, איז גאָר געווען אומדערטרעגלעך. און אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט געמיינט, אַז קיינער זעט נישט, איז ער צו צו דער טיר און איז אַרויס.

ווען ביטריס האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום אַרומגעקוקט, אַז ער איז נישטאָ, האָט זי געפרעגט, צי מען האָט אים געזען אוועקגיין. מען האָט איר געזאָגט, אַז יאָ, און זי איז געגאַנגען אים זוכן. זי האָט אים געטראָפן אויפן באָארדוואָק שטיין אָן אַנגעשפּאַרט אָן דעם אײַזערנעם פּאַרענטש, קוקן אויפן ים.

זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, אים צוגעפירט צו אַ באַנק און זיך מיט אים אוועקגעזעצט. נאָכדעם האָט זי אַ ווײַלכן זאָג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, לעסטער. עס איז אינגאַנצן מײַן שולד. איך האָב באַדאַרפט וויסן, אַז איר פּאַסט זיך נישט אין אַזעלכע פּלעצער...

— עס איז מער ווי דאָס, ביטריס. — האָט ער גערעדט מיט אַ שוואַכער שטים — עס איז פיל מער, ווי דאָס, וואָס איר מיינט... עס איז מײַן שולד. איך האָב נישט געדאַרפט גיין אַהער. איך האָב געדאַרפט אין זינען האָבן, אַז...

— אַז וואָס?... — האָט זי איבערגעפרעגט און אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן — וואָס איז אײַך, לעסטער? עפּעס דריקט אײַך, זע איך. עפּעס פרעסט אײַער נשמה. זאָגט, אויב איר קענט. דערציילט מיר...

— יאָ, ביטריס. — האָט ער געענטפערט און אויסגעמיטן איר בליק — עפּעס דריקט. עפּעס פרעסט ביים האַרץ. אָבער איך קאָן עס אײַך נישט זאָגן. ניין, איך קאָן נישט!...

---

12) געגנט אין ניו יאָרק.

— נו, איז נישט. — האָט זי געזאָגט געלאָסן — אויב איר פילט נישט ווי צו רעדן, אויב עס איז אייך שווער צו רעדן, דאַרפט איר שווייגן. שווייגן און זיך בארויקן, פארגעסן.

— בארויקן, פארגעסן. — האָט ער נאָכגעזאָגט אויטאָמאַטיש — עס איז גרינג צו זאָגן. פאַראַן פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. עס געלינגט אַמאָל אויף אַ שטיקל צייט צו פאַררוקן עס ווייט, ווייט, ערגעץ אין אַ ווינקל פון זכרון. אָבער ווען עס קומט די אויפוואַכונג, דאַן הויבט עס אָן מוטשען און מאַטערן...

— אַי עס סאָרי,13) לעסטער... — האָט זי אים געגלעט מיט איר שטים און מיט די ווייכע, גוטע אויגן אירע — איך וואָלט אייך וועלן העלפן...

— אַ דאַנק, ביטריס. — האָט ער אַנגענומען איר האַנט און זי שטאַרק געפּרעסט אין זיינער — אָבער דאָס, וואָס מיך דריקט, קענט איר נישט אויסגלעטן. נישט נאָר וויל איך נישט, אַז איר זאָלט מיר העלפן, נאָר ווען איר קענט מאַכן אַזוי, אַז עס זאָל מיר מער ווי טאָן, אַז עס זאָל מיך מער, אַן אַ שיעור מער פּייניקן, וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען...

ער האָט פּלוצלונג אויסגעדרייט זיין פּנים צו איר און אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר דעם אמת, ביטריס: איר האָט מסתמא וועגן מיר אַ גוטע מיינונג, יאָ?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — זייער אַ גוטע.

— און איר האַלט מיך אוודאי פאַר אַן אָרנטלעכן און פיינעם מענטש, יאָ?

— יאָ, לעסטער. איר ווייסט עס.

— אָבער עס זענען געווען צייטן, ווען איך בין דאָס נישט געווען, ביטריס. עס זענען געווען צייטן, ווען איך בין געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער, אַ הפקרדיקער, אַ פאַרדאַרבענער...

— איך גלייב עס נישט! — האָט זי געזאָגט שטאַרק — און איך בעט אייך, לעסטער, רעדט נישט מער דערפון...

---

13) עס טוט מיר לייד.

— אָבער איך מוז... — האָט ער געזאָגט — עס איז מיין פליכט אייך אַלץ צו דערציילן וועגן מיר, ווייל...

— ווייל וואָס?... — האָט זי איבערגעפרעגט און זי האָט געפילט, אַז דער אָטעם שטעלט זיך ביי איר אָפּ.

— ווייל איך וויל מיט אייך חתונה האָבן. — האָט ער געענטפערט שטילערהייט, נישט קוקנדיק אויף איר.

זי איז אַ ווייַלע געזעסן און האָט געשוויגן. אויך ער האָט געשוויגן.ביידע האָבן אויסגעמיטן צו קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. זיי האָבן געקוקט אויפן ים. אין די שוימיקע כוואַליעס איז איצטער געלעגן באַהאַלטן זייער צוקונפט.

מיטאַמאָל האָט זי זיך געגעבן אַ דריי־אויס צו אים. נאָך אַ רגע אַריינקוקן אים אין די אויגן, האָט זי אויסגעצויגן איר האַנט, און, אַרומנעמענדיק זיין האַלז, האָט זי אים אַ קוש געטאָן אין פּנים.

— איר זענט אַ נאַריש אינגל, לעסטער. יעדער מאַן אין אייערע יאָרן האָט מסתמא דאָס זעלבע צו דערציילן און צו הערן איז נישטאָ וואָס...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, זי אַרומגענומען און געטראַכט:

— אַ גוטע נשמה, ביטרים. אַך, סאַראַ גוטע נשמה!...

אין מינוטן פון איפערזוכט

מיסטער עקסל איז געזעסן אויפן גאַניקל פון דעם האָטעל און האָט זיך געוואָרימט אויף דער זון. עטלעכע פרישע ווינטערדיקע ווינטלעך, אנגעוואָרימטע פון דער זונס שטראַלן, האָבן זיך אַ יאָג געטאָן איבער זיין קאָפּ און זיך צעשפּילט אין יאַגעלעך צווישן זיינע שיטערע גראָלעכע האָר.

אָבער ער האָט עס נישט געפילט. ער איז געווען פאַרנומען מיט אַ וויכטיקערער זאַך ווי נאָכצופאָלגן דאָס ווינטל־געיעג צווישן זיינע האָר. אנגעטאָן אין אַ געדיכט־געשטריקטן בלויען סוועטער, איז ער געזעסן אויף איין שטול, האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די פיס אויף אַ צווייטער און געלייענט אַ בריוו.

דער בריוו איז געווען פון בעטין, זיין ליבער, געטרייער בעטין.

זי שרייבט אים, אַז זי איז געזונט. דאָס פרייט אים צו הערן. ווייל בעטי איז אים געטריי, מעג ער שווין האָבן אַזאַ יאָר. און דאָס קינד זייערס, שרייבט זי, איז אויך געזונט. זאָל ער אַזוי לעבן און געזונט זיין, ווי ס׳איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט פאַראַן נאָך אַזאַ קינד. שיין איז עס, פונקט ווי די מוטער, און קלוג איז עס — נו, יעדער איינער ווייסט, אַז אַ אינגל איז מיטן קלוגשאַפט מער געראָטן אין דעם טאַטן. ער וויל זיך נישט לויבן, אָבער צו זיין דער טאַטע פון אַזאַ מין אינגל ווי זיינער, באַדאַרף מען האָבן אביסל געהירן אין קאָפּ.

און די ביזנעס, שרייבט זי, זענען אויך אַלרייט. זאָל ער זיך גאָר נישט זאָרגן, און זאָל ער בעסער, שרייבט זי, זען צוצונעמען עטלעכע פונט. אַ לעבן אויף איר קאָפּ! אַ געטרייע זאַך דאָס איז! זי האָט נעבעך

נאָר מוֹרא, אַז ער וועט האָבן עגמת נפש. זי זאָרגט נעבעך נאָר פאַר זיין געזונט.

ער מוז צוגעבן: עס האָט אים אָפּגעגליקט מיט זיין בעטין. די ערשטע צייט, ווען ער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען קיין אַמעריקע, און אפילו אַביסעלע שפּעטער, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט זיך דאָ קיינמאָל נישט צוקלייבן קיין כּלה; אַז ער וועט שוין דאָ פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור. ווייל צו אַן אַמתער אַמעריקאַנערין האָט ער נישט געקאָנט צוקומען (זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז פאַר זיי צו „קאַיקיש"). די אַריבערגעקומענע גרי־נע מיידלעך פון יוראָפּ, ווידער, זענען אויך נישט געווען דאָס, וואָס אינדער־היים. זיי זענען דאָ ווי איבערגעמאַכט געענדערט געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן פון אַ בחור אַזעלכע זאַכן, וואָס דאָרטן, אין פּיטשוטש אָדער אין טשיזשעווע, האָבן זיי עס נישט געזען אין חלום. האָט ער זיך דעריבער געגעבן דאָס וואָרט, אַז, לאָ מיט אַ פּאָדקאָווע: ער האָט נישט חתונה, ער זאָל אפילו וויסן צו בלייבן זיין גאַנץ לעבן „צינגל".(1)

נאָר די באַלעבאָסטע זיינע, ביי וועלכער ער האָט געוואוינט, האָט זיך אַריינגעמישט.

— ביי מיר — האָט זי געזאָגט — איז אַ מזלדיקע דירה. אַלע באָרדערס מיינע האָבן ביי מיר חתונה געהאַט און איר וועט אויך ביי מיר חתונה האָבן.

און זי האָט אים טאַקע באַקענט מיט בעטין. איינמאָל, אין אַ זונטיק אויפדערנאַכט, איז זי אַריינגעקומען מיט דער באַלעבאָסטעס שוועס־טעריין. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מיידלס פרישקייט און שיינ־קייט. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר און זי אויף אים און ביידע האָבן געגומען שנעלער זופּן די טיי, וואָס די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט. און ווען די באַלעבאָסטע האָט אים, נאָך יענערס אַוועקגיין, געפרעגט, צי ער וואָלט וועלן אַזאַ מיידל, ווי בעטי, האָט ער איר געענטפערט, אַז זי זאָל זיך פאַרדרייען איר אייגענעם קאָפּ, נישט זיינעם. ווייל אַזאַ מיידל, האָט ער געזאָגט, ווי בעטי, וועט אים, אַזאַ אַלטן קאַטערינשטשיק, פון אפשר

---

1) סינגל — אומפאַרהייראַט.

פּערציק יאָר, נישט וועלן. האָט אים די באַלעבאָסטע געענטפערט, אַז דאָס איז שוין איר זאַך, און ער זאָל זיך נישט מישן אין אירע ביזנעס.

און אַזוי איז פון אירע ביזנעס געוואָרן זיינע ביזנעס. בעטי האָט אים געוואָלט. זי איז געווען אַן אָרים מיידל, און ער האָט זי באַקליידט און באַשוכט. אָבער ס'איז כדאַי געווען. זי האָט אים דערפאַר געגעבן אַזאַ ליבע און געטריישאַפט, וואָס ער האָט זיך דערויף קיינמאָל נישט גערעכנט. אַ חוץ דעם האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן אין דער גראָסערי און זי האָט אים געשענקט אַ שיין און געראָטן קינד. און אַלץ אַ דאַנק דער באַלעבאָסטע זיי־נער, דער מרס. שומסקי.

דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער. אַ קאַלטע כוואַליע איז פון ער־געץ־וואו אַנגעקומען און האָט אַנגעהויבן צו פאַרטרייבן די האָטעל־מענטשן, אַ טייל אין זייערע צימערן און אַ טייל אין דער לאָבי. מיסטער עקסל איז געבליבן אַליין. אים איז נישט געווען קאַלט, ווייל איז דער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בריוו, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַזאַ וואַרימקייט, אַז ס'האָט זיך איבערן גאַנצן לייב זיינעם צעגאָסן.

אַ גליקלעך שמייכעלע איז אַרויסגעטראָטן אויף זיין פּנים.

— דזשאָו דאַרלינג, — האָט זי צו אים געזאָגט, — פּאָר אַביסעלע אין קאַנטרי.

— וואָס?... — האָט ער פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט — איז מיטן ווינטער?

— פאַרוואָס נישט? — האָט זי געענטפערט. — דער דאָקטאָר זאָגט, אַז די קאַנטרי־לופט אום ווינטער איז געזינטער צו אַ הוסט, ווי די זומער לופט.

— יאָ, אָבער ווער וועט היטן די ביזנעס?

— וואָס איז דער מער מיט מיר? — האָט זי געזאָגט.

— דו דאַרפסט דאָך אָבער טענדען 2) דאָס קינד.

— צאָרייט, — האָט זי געענטפערט, — בוירני וועט מיר אַרויס־העלפן אין סטאָר, און דו — האָט זי אויף אים אָנגעשריגן — רעד נישט

---

2) אַכטונג געבן.

אזוי פיל, ארבעטסט א גאנץ יאר, ביסטו ענטייטלד 3) זיך אמאל אפצורוען. א פערד רוט אויך.

מילא, וואס האט ער געקאנט טאן? ער האט געפאלגט. א נייע מעשה גאר — ער וועט נישט פאלגן בעטין. א חוץ דעם, האט אים טאקע דער הוסט לעצטנס אנגעהויבן צופיל צו דאקוטשען. ער האט זיך טיילמאל אזוי פארקייכט הוסטנדיק, אז ער האט געמיינט, אז ער שפייט־אויס א שטיק לונג.

נאר איין זאך איז אים נישט געפעלן: די מעשה מיטן געהילף, מיט בוירנין, מיינט ער. מיט וואס אזוינס קאן ער איר העלפן, פארשטייט ער גארנישט. אזוי גרויס ווי ער איז, איז ער אבער אומגעשיקט און אומגעלומפערט, ווי א בער. און געזונט איז ער טאקע אויך ווי א בער. א חידוש א גרויסער! א חברה־מאן איז פויל ווי א קאץ. די איינציקע נוץ, וואס מ׳קאן פון אים האבן, איז אפטראגן א פאר פעקלעך אויפן בייסיקל 4) מיינט ער אויך נישט די הגדה דערביי, נאר די קניידלעך. ער האט פשוט ליב אביסעלע זיך דורכצופארן, כאפט ער זיך דערצו. און אז ארדער, וואס דארף געדויערן אפשר א האלבע שעה, נעמט ביי אים צוויי שעה און מער. ס׳איז דער ריבה־מיסטר באלמעלאכע. די ארבל ווערן ביי אים געשוואלן פון דער ארבעט.

אנישט וואלט ער אים דען געהאלטן? ער טוט עס צוליב בעטין. וואס קאן ער טאן, אז זי זאגט, ער איז אירער א קאזין. כאטש ער זעט עס נישט איין ווי אזוי. מיטן אויסזען איז ער נישט ענלעך צו איר; מיטן כאראקטער אויך נישט; מיט דער ארבעטזאמקייט אוודאי נישט. טא וואו איז די קרובהשאפט? זי זאגט טאקע, אז ער איז איר נישט קיין אמתער קאזין, נאר א סעקאנד 5) קאזין. א נייע זאך גאר: א סעקאנד קאזין!

— איז וואס? — האט ער זי אמאל געפרעגט — פאר א סעקאנד קאזין דארף מען זיך אזוי איינשטעלן? פשוט אים צאלן געלט פאר גארנישט?

האט זי דערויף געענטפערט, אז זי טוט עס נישט צוליב אים, נאר צוליב דער מוטער זיינער, וואס איז איר שוין א פוירסט 6) קאזין, אן אמתער קוזין, הייסט עס.

---

3) בארעכטיקט. 4) ראווער. 5) צווייטער. 6) ערשטער.

— נע! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — לאָמיר שוין געמאַך.

און דערביי האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— כ'האָב גאָר קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז אין אַמעריקע איז אַזאַ גערעטעניש אויף קאַזינס...

עמיצער האָט אים אַ טאַרע געטאָן פאַר אַן אַקסל.

— העלאָו, מר. עקסל!

— מר. קירש!... — האָט אים אַנטקעגנגעשיינט דאָס באַקאַנטע פּנים פון זיין שכן.

— יו בעט! איט'ס מי 7) מיט די ביינער.

— וואָס טוט איר דאָ?

— ס'הייסט, וואָס איך טו דאָ? ס'זעלבע וואָס איר. געקומען שעפּן לופט.

און אין אַ ווייל אַרום:

— נו, וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס אייער הוסט?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער:

— כ'האָב דאָך אייך געבראַכט אַ גרוס פון אייער פרוי.

— טאַקע?! — איז מיסטער עקסל אויפגעריכט געוואָרן — וואָס מאַכט זי?

— וואָס זאָל זי מאַכן? זי שטייט אין סטאָר און לייזט געלט.

— און ע... און ע... כ'מיין... זי קאָן זיך אַליין אַפּפּאַרען?

— ס'הייסט אַליין? און וואו איז בוירני? ער העלפט איר צו.

— וואָס מיינט איר, ער העלפט איר צו?...

— דאָס, וואָס איר הערט. ער שטייט צוזאַמען מיט איר ביים „קאַונטער"8) און אַטענדעט 9) די קאַסטימער.10) איר ווייסט גאָר נישט פון דעם?

— נאָו — כ'מיין: יעס, שור... האָט דער מיסטער עקסל אָנגעהויבן שטאַמלען.

---

7) כ'מאַך אַ וועט. ס'איז איך מיט די ביינער.

8) בופעט. 9) באַדינט. 10) קונים.

— און ווייסט איר נאָך אַ זאַך: — האָט דער מר. קירש אַ קיבעץ געטאָן — מיר דאַכט זיך גאָר, אַז זיי לעבן דאָרטן צו אַ גוטן טאָג, דאָס ווייב אייערס מיטן פּאַמאַטשניק... שאַ, אַט קלינגט גאָר דאָס גלעקל. קומט בעסער, ע׳מיר עפּעס איבערכאַפּן. ס׳האָרץ איז מיר טאַקע אַוועק.

אָבער מיסטער עקסל האָט שוין נישט געקאָנט עסן. ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג פאַר זיין געפיל. דער שכן זיינער האָט זיך דאָך, אין סך הכל, מער ווי אַ שפּאַס נישט געמאַכט. טאַ פאַרוואָס־זשע איז׳ם אים אַזוי אַריין אין די ביינער? צי קאָן ער דען זיין בעטין פון נעכטן אָן? האָט ער דען אַ רעכט צו צווייפלען אין איר געטריישאַפט צו אים?

אָבער פאַרוואָס זעט ער איצטער דווקא בעטין מיט בוירנין צוזאַמען? אומעטום זעט ער זיי: אין די טעלער, גלעזער, לעפל — אומעטום ער זעט זיי ביידע אָנגעטאָן אין פּאַרטוכער, ביידע יונגע, שלאַנקע, פריי־לעכע, און דער עיקר — נישט קיין הוסטנדיקע. ער דערמאָנט זיך אַזוי איצ־טער, ווי אַנומלטן האָט אַ אידענע, אַ קאַסטימערקע, אַ זאָג געטאָן:

— גיט נאָר אַ קוק אויף בעטין און בוירנין. דאָס וואָלט געווען אַ שיין „קאַפּל“ — אַזאַ יאָר צו מיר...

ער געדענקט, ער האָט דאַמאָלס שיעור אַראָפּגעלאָזט אַ בייטל מיט קעז, פּוטער און אייער אויף דער ערד. און זי, בעטי, געדענקט ער, איז דאַ־מאָלס שטאַרק רויט געוואָרן, וואָס דאָס האָט זי נאָך געמאַכט אויסזען שע־נער און יינגער, ווי תמיד. בלויז בוירנין האָט עס נישט גערירט.

ער האָט שפּעטער אַביסל נאָכגעטראַכט דערפון — און פאַרגעסן. נאָכאַלעמען: ער האָט דאָך געקענט בעטין, זיין בעטין.

ער האָט אַוועקגערוקט אַלע געריכטן, וואָס זענען לעבן אים אַוועק־געשטעלט געוואָרן, און זיך אויפגעהויבן פונם טיש. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און זיך פאַרשלאָסן פון אינעווייניק.

וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? איז ער איפּערזיכטיק? ער — אויף זיין בעטין? איז ער משוגע געוואָרן? האָט ער אַ רעכט זי אַזוי צו באַליידיקן מיט זיינע מיאוסע געדאַנקען? זי, וועלכע האָט אים געגעבן אַזוי פיל גליק אויף דער וועלט?

און ווי ער האָט זיך נישט באַמיט אָפּצושרייען פון זיך דעם גע־

דאַנק, איז עס אים נישט געלונגען. „בעטי מיט בוירנין”, האָט עס אים געקלונגען אין די אויערן. „אוי, וואָלט דאָס געווען אַ שיין „קאַפּל”...” און פאַרוואָס איז זי טאַקע דאַמאָלס אַזוי רויט געוואָרן? און פאַרוואָס האָט זי זיך טאַקע אַזוי איינגעשטעלט פאַר בוירנין? מוז ער דווקא נאָר אַרבעטן ביי זיי? ס'פעלן שוין אוים גראַסערים אין ניו יאָרק? און — צום לעצט — פאַרוואָס האָט זי אים טאַקע אַזוי צוגערעדט אַוועקצופאָרן אין קאַנטרי? איז זי אים טאַקע אַזוי געטריי?... אַזוי געטריי?...

ווען בעטי האָט אים פאַרנאַכט־צו דערזען אַריינקומען אין סטאָר, איז זי געבליבן שטיין ווי צום חלשן. עס איז נישט געווען אַזוי די שטוינונג פון זיין דערשיינען, ווי פון זיין אויסזען.

— דזשאָו! — איז זי צו אים צוגעלאָפן — וואָס איז דער מער?

ער האָט נישט באַלד געענטפערט, נאָר געקוקט דאָ אויף איר, דאָ אויף בוירנין,ביידע אין ווייסע פאַרטוכער, ביידע יונגע און געזונטע אַזוינע. „יאָ”, האָט ער אַ שטילן טראַכט געטאָן, „זייער אַ שיין קאַפּל”...

— אָבער דזשאָו!... — האָט ער געהערט זיין בעטיס קול, נישט דאָס זעלבע קול, ווי תמיד, נאָר, ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַ ווייטס, אַ פרעמדס, אַ פאַרענדערטס — וואָס איז דיר? רעד אַ וואָרט! זע, ווי דו קוקסט אויס!...

— ס'איז גאָרנישט. — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון איינעם אַ מענטשן, וואָס ווייסט שוין אַלץ; פון איינעם אַ מענטשן, אין וועלכן גאָטס חכמה האָט זיך ראַפּטום באַזעצט — האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן. וועסט אַהיימקומען פון סטאָר, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

און איבערלאָזנדיק זי מיט צוויי אויסגעשטאַרטע אויגן און אַן אָפן מויל איז ער אַרוים.

אַהיימקומענדיק, האָט ער עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט די צימערן. נאָכדעם איז ער צו צום וויגל, וואו דאָס קינד איז געשלאָפן. ער האָט אַרויסגענומען אַ מטבעה און עס געגעבן דער שכנהס מיידעלע, וועלכע האָט אַכטונג געטאָן אויפן קינד, און איר געזאָגט, אַז זי קאָן שוין גיין. בלייבנדיק אַליין מיטן קינד, האָט ער זיך ערשט גענומען אין דעם גוט איינקוקן. ער האָט לאַנג געקוקט און באַטראַכט יעדעס שטריכעלע פונם קינד, יע־עס

אבר'ל באַזונדער און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז — ניין, עס איז נישט זיין קינד. עס טראָגט נישט אין זיך די מינדסטע ענלעכקייט צו אים.

ער איז נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. ער איז אפילו נישט געוואָרן טרויעריק. ער האָט די גאַנצע זאַך אויפגענומען ווי אַזוינס, וואָס ער האָט שוין געוואוסט פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט.

דערווייל האָט זיך דאָס קינד, אונטער זיין שטאַרקן קוק, אויפגע־כאַפּט און אָנגעהויבן וויינען. ער האָט עס געוואָלט איינשטילן, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. עס האָט זיך געריסן וואָס אַמאָל העכער און הילכיקער. האָט ער עס שוין אַזוי געלאָזט רייסן זיך און בלויז שטילערהייט צו זיך אַ מורמל געטאָן:

— נע, אַ נאַריש קינד. אַ קלוג קינד וואָלט זיך אַזוי נישט געברי־קעט פאַר גאָרנישט.

בעטי איז אָנגעקומען.

די ערשטע זאַך, וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען איינצושטילן דאָס קינד. נאָכדעם איז זי צוגעקומען נאָענט צו אים און האָט געזאָגט:

— דערצייל, וואָס ס'איז געשען, דזשאָו.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויף דער קאַנאַפּע, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, נאָכדעם האָט זי גענומען זיין האַנט אין אירער און האָט אַ טאַפּ געטאָן זיין קאָפּ.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— הער־אויף שפּילן טעאַטער, בעטי. איך בין נישט קראַנק.

— וואָס דען איז דיר? וואָס פאַר אַ טעאַטער? וואָס רעדסטו?

— ליסן, בעטי, כ'וויל דיך עפּעס פרעגן: וואָלסט מיר געוואָלט געבן אַ גט?

— וואָס רעדסטו? — איז זי אויפגעשפּרונגען פונס פלאַץ — ביסט גערירט פונס זינען. ס'האָט דאָרטן מיט דיר עפּעס געטראָפן. איכ'ל דופן אַ דאָקטאָר.

— נעווער מאַינד אַ דאָקטאָר. כ'בין אָלראַיט. דאַרפסט נישט זיין צופיל ספּאָרט. איך ווייס, אַז דו האָסט ליב בוירנין. ס'אָלראַיט. כ'בין נישט בייז אויף דיר דערפאַר. איר זענט ביידע יונג און שיין און איר פּאַסט זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע. און איך בין שוין אַז עלטערער, אַ קראַנקער. מילא.

דאָס וואָס דו האָסט מיך די גאַנצע צייט גענאַרט, איז טאַקע נישט אַזוי אַרגטלעך פון דיר, אָבער קיין כעס קאָן איך אויף דיר נישט טראָגן. דהאַ ס אַל! — האָט ער פאַרענדיקט און זיך צעהוסט מיט אַ לאַנגן כריפּענדיקן הוסט.

בעטי האָט אים נישט איבערגעשלאָגן. זי האָט אים געלאָזט רעדן און בשעת מעשה אים גוט באַטראַכט. ערשט ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי געזאָגט:

— האָסט שוין אָפּגערעדט? איצטער לאָז מיך עפּעס זאָגן. איך זאָג דיר צו צו טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר פון מיר פאַרלאַנגען, אָבער איצטער טו מיר אַ טובה: טו זיך אויס און לייג זיך אין בעט אַריין. איך וועל דיר מאַכן עפּעס צו טרינקען און ווען דו וועסט זיך גוט אויסרוען, וועלן מיר קאָנען אַרומרעדן יעדער זאַך.

מיט אַ טאַקט און אַ קלוגשאַפט, וואָס איז נאָר צו געפינען ביי פּשוטע פאָלקס־קינדער, האָט זי אים איינגענומען, פּונקט ווי מ׳נעמט־איין אַ קרענקלעך קינד.

זי האָט אים געהאָלפן זיך אויסטאָן, געגעבן אים עפּעס צו טרינקען און אים אַריינגעפּראַוועט אין בעט. זי האָט אים גוט איינגעדעקט און אים געהייסן שלאָפן. און ער, געהאַרכזאַם און דערוואַרעמט, ווי אַ קינד, אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון אַ גוטער און געטרייער מאַמען, האָט געפאָלגט. ער איז באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ מידן אָבער רואיקן שלאָף.

ווען ער האָט זיך פאַרטאָג אויפגעכאַפּט, האָט ער געפילט אינגאַנצן אַנדערש. עס איז אים געווען גוט און גרינג אויפן האַרץ. ער האָט אַ קוק געטאָן פאַר זיך און זיך אָנגעטראָפן מיט בעטיס גרויסע, מילדע אויגן.

— נו, ווי פילסטו איצטער? — האָט זי אים געפרעגט.

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר זיך נענטער צוגערוקט צו איר. ער האָט זי אַרומגענומען און איר אַ שטאַרקן קוש געטאָן אין פּנים.

— בעטי, — האָט ער געזאָגט, — אַ יאָ דו דענקסט, אַז איך בין אַ משוגענער?

— אָבער ווי קומט עס צו דיר? ווי אַזוי האָסטו זיך דאָס אַריינגענומען אין קאָפּ?

— פרעג נישט, בעטי. פּליז, פרעג נישט. עפּעס אַ מיייייי, אַ וויל־

דע משוגעת האָט מיך נעכטן אָנגעכאַפּט. כ׳קען נישט זיין אָוועק פון דיר, בעטי. אַ יאָ ביסט נישט בייז אויף מיר?

— ווּעסט מיר אָבער מוזן זאָגן ווי אַזוי ס׳קומט צו דיר אַזאַ געדאַנק. דאָס איז נישט קיין געלעכטער, דזשאָו...

— כ׳ווייס, בעטי, כ׳ווייס. מאָרגן, מאָרגן וועל איך אַלץ „עקספּלעינען”. אָבער איצטער וויל איך דיר נאָר זאָגן, אַז כ׳האָב דיך אַזוי ליב. אַזוי שטאַרק ליב, אַז אָן דיר, בעטי, איז מיין לעבן נישט ווערט קיין פּוילע ציבעלע, קיין אויסגערונעע איי. זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי כ׳זאָג דיר דעם אמת, בעטי. זאָל איך אַזוי צוזאַמען מיט דיר דערלעבן ביז מאָרגן איינדערפרי...

א מענטש און א נאמען

איינמאל, אין א ווינטער־נאכט, האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך שטיי לעבן א ברונעם. דער פלומפ איז געווען פארפרוירן. דאס אויסגעהוילטע, פארקיילעכדיקטע שטיק אייזן איז געווען ארומגענומען מיט אייז. ס׳האט אויסגעקוקט ווי איינגעפאסט אין גלאז. די דעק איז אינגאנצן געווען פארשאטן מיט הארטן צוגעפרוירענעם שניי. בלויז א קליין טירעלע איז געווען אפן. א טירעלע, וואס האט געפירט צום אפגרונט. איך בין אזוי געשטאנען, האב געציטערט פון קעלט און געטראכט, וואו מ׳קאן זיך ערגעץ דערווארימען. מיטאמאל האב איך זיך געגעבן א גליטש און האב אנגעהויבן פאלן אראפ, אין דעם טיפן אפגרונט אריין, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, זוכנדיק עפעס א פונקט, אן וואס זיך אנצוכאפן. אבער מיינע הענט האבן גארנישט דערגרייכט, אחוץ לופט, הוילער לופט. א לאנגע צייט האט עס אזוי געדויערט. איך האב געהאלטן אין איין פאלן. דער שטיינערנער גרונט האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן. איך האב געוואוסט, אז איך גיי שטארבן, אז אין א מינוט ארום וועל איך זיין טויט. אבער איך האב זיך נישט געשראקן. די אויגן האב איך צוגעדריקט שטארק. די ציין אויך. די ליפן אויך. נאר דא האב איך דערפילט, ווי עמיצער האלט מיך פעסט ביי דער האנט. דאס פאלן האט זיך אפגעשטעלט. ווען איך האב אויפגעעפנט די אויגן, האב איך דערזען אן אלטן מאן מיט א לאנגער ווייסער בארד (שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז דאס איז געווען „עליע נאווי“). ביידע זענען מיר געשטאנען אין דער לופטן. די פיס זענען אזוי אראפגעהאנגען. ער האט מיך אנגענומען ביי דער מארדע און געגעבן א

צי־אַרויף די געדיכטע גראָע ברעמען זײַנע. פון זײַנע אויגן האָט געגעבן אַ שלאָג אַזאַ העלער גלאַנץ, אַז איך האָב מײַנע געמוזט צומאַכן. ער האָט צו מיר אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— ווילסט לעבן, צי דו ווילסט שטאַרבן?

— לעבן! — האָב איך אויף גיך אָפּגעענטפערט, נישט טראַכטנדיק אפילו — לאָמיך נאָך אַ קליין ביסעלע לעבן.

ער האָט אויף מיר געגעבן אַ בייזן קוק. דער גלאַנץ אין זײַנע אויגן איז איצט געווען גרין. ער האָט אַרויסגענומען זײַן האַנט פון מײַנער און מיך געגעבן אַ שטופּ. האָב איך אָנגעהויבן צוריק פליען אַרויף. בין איך געפלויגן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבן דרייען. אַרויפקומענדיק בין איך געגעבן אַ פאַל אַנידער, האָב זיך אַ שטאַרקן זעץ געטאָן — און זיך אויפגעכאַפּט.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

איך ליג אין פּאָליש, אויף אַ קאַסטן שמות, און קאָן שוין נישט אַנטשלאָפן ווערן. אפשר האָב איך שלעכט געטאָן, וואָס איך האָב געזאָגט עליע נאָווין, אַז איך וויל נאָך לעבן?... וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ לעבן, וואָס איז הפקר? וואָס יעדער האָט עס אין דער האַנט און קאָן טאָן דערמיט, וואָס ער וויל? באַלד וועט קומען כילקע שמש מיטן בלינדן אייגל און פאַרשמאַלצעוועטן היטל און מיך נעמען יאָגן און שרייען אויף מיר:

— יונגעו, אַרויס פון דאַנען, יונגעו!

מיך רופט ער יונגעו. פּונקט ווי איך וואָלט נישט געווען איינער, נאָר אַ סך. אפשר זעט ער אויף דעם איינעם אייגל זײַנעם מער ווי אַן אַנדערער אויף צוויי!...

אין גאַס וועלן די אינגלעך מיר וואַרפן שטיינער, מיך רופן פּענטאַק, סראָלי פּענטאַק! דאָס איז מײַן טאַטנס נאָמען. איך אַליין האָב נישט קיין נאָמען. ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז קיינער, אַ חוץ דער מאַמען מײַנער, נישט געווען. אויף אַ בינטל ברודיקע שמאַטעס האָט זי מיך אויסגעשפּיגן, ווי מ'שפּײַט אויס אַ שטיק לייכעץ, וואָס שטעלט זיך אַוועק אין האַלז. שפּעטער אַביסל, ווען מײַנע אויערן האָבן אָנגעהויבן אויפכאַפּן קלאַנגען, האָב איך דערהערט, אַז דער טאַטע רופט מיך ממזר און די מאַמע

רופט מיך פייגעלע.ביידע נעמען זענען מיר נישט געפעלן. איך האב געוואלט האבן אן אמתן נאמען.

מיין טאטע האט מיך זייער פיינט געהאט. פאר דער מינדסטער זאך פלעגט ער מיך שלאגן. פריער מיט די הענט, נאכדעם, ווען איך בין עלטער געווארן, מיט דער קוליע זיינער. ער האט געוואלט, אז איך זאל שטארבן. דאס האב איך געוואוסט אויף זיכער. איך בין אים געווען אין וועג. צוליב מיר האט די מאמע נישט געקאנט גיין העלפן אים שנארען. מער קיין קינדער, א חוץ מיר, זענען נישט געווען. אלע זענען אויסגעשטארבן. די מאמע האט געזאגט, אז ער האט זיי דערשטיקט איינציקווייז. דערפאר האט זי מיך שוין אזוי אפגעהיט.

מיין מאמע איז געווען א קליינע און א קראנקע. זי האט געהאט א טאפלטן הויקער, אויפן הארץ און אויף דער פלייצע. אויף די אקסלען האט זי געהאט א צולאג צוויי קליינטשיקע דינע הויקערלעך. אזא שוואכע איז זי געווען, אזא שנעל־אטעמדיקע, אז איך וויים נישט, ווי נאך זי האט דאס אלץ דערטראגן. אז ער (ס'איז מיר שווער אים אנצורופן טאטע) פלעגט בייז ווערן, פלעגט ער מיט דער קוליע זיינער שלאגן אלע הויקערס אירע. דאס גראבע האלץ פלעגט קנאקן און אפהילכן, און די ביינער פון מיין מאמעס הויקערס פלעגן אפענטפערן, דינער און שוואכער. זיין קופערנע בארד פלעגט זיך געבן א צינד־אן, ווי א פייער. זיין פנים פלעגט ווערן רויט. די גאנצע האריקע באוואקסנקייט זיינע פלעגט אננעמען דעם אויסזען פון אזא מין צעגליטער פליסיקייט. ער פלעגט שלאגן און ריטשען, ווי ס'ריטשעט א משוגענער הונט. און די מאמע מיינע פלעגט גארנישט זאגן. נישט וויינען. פלעגט זיך בלויז אוועקלייגן אויף א בינטל שמאטעס און ווארטן ביז עס וועט זיך ענדיקן, אדער ביז עס וועט קומען צו מיין ריי. ווייל איך בין נישט זיכער, צי די קלעפ, וואס מיין מאמע האט געקראגן, וואלטן אמאל געווען אויפגעהערט, ווען איך הויב נישט אן צו שרייען און מאכן אזעלכע קולות, אז אלע אדערן מיינע האבן זיך שיר איבערגעריסן. דאס פלעג איך טאן, כדי ער זאל צולויפן צו מיר. מיך פלעגט ער שוין שלאגן שוואכער, ווייל ער איז שוין געווען אויסגעמאטערט. דאמאלס ערשט, ווען איך האב דערפילט די קלעפ, בין איך געבליבן צופרידן און איך האב גלייך אויפגעהערט צו וויינען און צו שרייען!

אַז ער האָט געזען, אַז ער קאָן פון מיר נישט פּטור ווערן, אַז איך ווער גאָר געזינטער פון טאָג צו טאָג, האָט ער אויסגעטראַכט אַ פּלאַן: פאַרוואָס זאָל איך נישט ווערן אַן אַרויסהעלפער אין דער פּרנסה? האָט ער געצוואונגען דער מאַמען מיינער מיך מיטצונעמען, ווען זי גייט בעטלען. פלעגט זי מיך איינוויקלען אין אַ פּעקל שמאַטעס און אַרומגיין מיט מיר איבער די הייזער. דאָס האָט טאַקע אַ סך געהאָלפן. מענטשן פלעגן געבן מער. איבערהויפּט די דינסטן. זיי פלעגן אונז געבן צו עסן און אויף אַהיימצונעמען שטיקער ברויט, חלה, טיילמאָל אפילו פלייש און פיש, וואָס די נגידים האָבן שוין נישט געקאָנט פאַרדייען.

אָבער ער איז אַלץ נישט געבליבן צופרידן. ער איז קיינמאָל פון גאָרנישט געווען צופרידן. איז דער זאַק אונזערער געווען פול מיט עסן און דאָס טיכל פול מיט גראָשנס, האָט ער בלויז געוואָרטשעט און געשאָלטן. נישט — האָט ער געשלאָגן און געריטשעט.

רעדן האָבן מיר נישט געטאָרט. נישט איך און נישט מיין מאַמע. מיר האָבן געמוזט זיין שטום, ווי די קוטיקעס ווענט איז אונזער קעלער־שטוב. אפילו ער אַליין האָט אויך זעלטן־ווען גערעדט. זיין קול איז געווען געגליכן צו אַ פאַרזשאַווערט שטיק בלעך, וואָס בשעת מ'טרעט אויף דעם אַרויף, לאָזט עס אַרויס פון זיך אַזוינע טעמפּע, זיך־אַליין־פאַרשלינגענדיקע קלאַנגען. ער האָט כמעט קיינמאָל נישט פאַרענדיקט זאָגן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. זיינע ווערטער פלעגן בלייבן הענגען אין דער לופטן און אויפגעפרעסן ווערן פון דעם שפּינוועבס, וואָס אין דיווינקלען פון די ווענט.

— האָרבאַטש, — פלעגט ער זאָגן צו מיין מאַמען, — זעסט אַט דעם לאָמפּ. יאָ, ער ברענט? זאָג איך אָבער, אַז ער ברענט נישט, מוזסטו אויך אַזוי זאָגן. הערסטו? האָרבאַטש! דער לאָמפּ ברענט שוין נישט... אויסגעלאָשן. פינסטער. ווי דיין לעבן איז... ווי מיין... עסן, האָרבאַטש!...

מיין מאַמע פלעגט אים דערלאַנגען דעם זאַק, און ער פלעגט אים אַריינגעמען צווישן זיינע פיס, איינעם אַ גלייכן און איינעם אַן איינגעבויגענעם, און אָנהייבן דאַרטן זוכן און גראַבלען מיט די הענט און שלינגען, וואָס עס איז אים פריער געקומען צו דער האַנט. ער פלעגט אַרויסנעמען צוקער פון קעשענע. שוואַרצן און פאַרפלעקטן צוקער, און אָנהייבן גריזשען,

ווי א מויז גריזשעט א ברעט. אין דער באָרד זיינער פלעגן זיך אפּלייגן די ברעקלעך פון פאַרדאַרטן ברויט, און די זיסע פליסיקייט פון צעגאַנגענעם צוקער פלעגט אים אַרויסרינען פון מויל, גיסן זיך אין דער באָרד אַריין און צונויפשמעלצן זיך מיט דעם אפּפאַלנדיקן עסן.

א סך מאָל פלעגן מיר זיך אהיימגנבענען אין מיטן טאָג, איך מיט מיין מאַמען. אַזאַ ריזיקע האָבן מיר זיך נאָר גענומען אין שווערע ווינטערדיקע טעג, ווען די פרעסט זענען געווען מוראדיקע, און מיין מאַמע האָט זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. זי פלעגט ציטערן און קאָרטשען זיך. די הויקערס פון ביידע זייטן פלעגן ווערן גרעסער און פעטער, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטאָפּט מיט די איבעריקע טיילן פון מיין מאַמעס קליינעם גוף. מיר פלעגן זיך ביידע אוועקזעצן אין אונזער באַשטימט ווינקעלע, אויף דעם באַשטימטן נאָסן, מיט שטרוי דורכגעפוילטן שעניק, און מיין מאַמע, האַלטנדיק דעם קאָפּ מיינעם אויף איר שויס און גלעטנדיק די האַרטע האָר מיינע, האָט מיר דערציילט מעשהלעך שיינע. דאַמאָלס איז אונז ביידע געווען גוט. אַזוי לאַנג איז געווען גוט, ביז זי פלעגט אָנהייבן צו וויינען. מיט איין מאָל, אינמיטן דערציילן, פלעגט זי אָנהייבן צו וויינען. אין אַזאַ צייט פלעגט זי מיין קאָפּ דריקן צו איר ביינערדיק האַרץ. איך פלעג הערן, ווי אינעווייניק קאָכט עפּעס, אַזוי געשווינד און אַזוי רוישיק. ווען איך האָב זי געפרעגט, וואָס דאָס איז, האָט זי מיר געענטפערט, אַז איר לעבן קאָכט זיך דאָרט, און אַז באַלד וועט עס זיך אָפּקילן.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געמיינט. פונדעסטוועגן איז מיר דער ענטפער נישט געפעלן. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ביז איך געווען פאַרטראַכט. איך האָב געטראַכט פון דעם לעבן, וואָס קאָכט זיך אין מיין מאַמעס האַרץ און וואָס עס וועט דאָרטן ווערן נאָכדעם, ווען ס'וועט זיך אָפּקילן.

איינמאָל האָט זי מיר דערציילט, ווי אַזוי זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. זי האָט נישט געוואָלט, נאָר די שטאָט האָט זי געצוואונגען. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע מגפה. ס'זענען געשטאָרבן יונגע און אַלטע. קיין שום רפואה האָט נישט געהאָלפן. האָט מען באַשלאָסן חתונה צו מאַכן אַ פּאָר אויפן הייליקן אָרט. האָט מען אויסגעקליבן מיין מאַמען, וועלכע איז

דאַמאָלס געווען א יתומה און א דינסט, און אים, וואָס איז שוין געווען א בעטלער און עלטער פון איר אפשר מיט צוואַנציק יאָר.

פונדעסטוועגן איז זי געשטאָרבן פאַר אים. כ'געדענק, אין איינעם אַזאַ טאָג זענען געקומען א סך אידן, אפשר צען אידן, מיט בערד גרויסע, מיט כאַלאַטן לאַנגע, און מ'האָט געטרונקען שנאַפּס און פאַרביסן מיט אַלטע שטיקער חלה, וואָס איך און מיין מאַמע האָבן געהאַט אויסגעבעטלט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן א זאַך, וואָס איז געלעגן אַרומגעפּלאָכטן פון שמאַטעס, האָבן עפּעס געזאָגט — און זענען אַוועקגעגאַנגען.

דאָס איז געווען מיין מאַמע. מיין טויטע מאַמע. איך האָב נאָך דאַמאָלס נישט געוואוסט, אַז מ'נעמט זי אַוועק אויף שטענדיק. ס'וואָלט זיי אַזוי גרינג נישט געווען אָנגעקומען. איך בין שוין דאַמאָלס געווען א געזונטער יונג. כ'בין שוין דאַמאָלס ניין יאָר אַלט געווען.

נאָך דער מאַמעס טויט האָט זיך צווישן מיר און אים אָנגעהויבן א קאַץ־און־מויז־שפּיל. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שפּיל אויף א געלעכטער. אַזאַ ברענענדיקער האַס האָט זיך צווישן אונז אַוועקגעשטעלט, וואָס האָט אונז קיין רו נישט געגעבן. אַן אומאויפהערלעכער, פאַרצערנדיקער האַס, וואָס האָט זיך אַזוי אין אונזערע בלוטן איינגעגעסן, אַז ס'האָט אַלע אַנדערע געדאַנקען אין אונז פאַרסמט. מיר האָבן געוואָלט זען איינס דאָס אַנדערע טויט.

אפילו בייטאָג, ווען איך בין געשטאַנען אויף מיינע באַשטימטע בעטל־פּאָזיציעס און האָב אויסגעזונגען די קלאָג־לידער, האָב איך נישט אויפגעהערט צו בעטן אין דער שטיל, אַז ווען איך וועל אַהיימקומען, זאָל ער שוין זיין טויט (איך האָב געבעטן צו גאָט. כ'האָב געהערט, אַז ווען מ'בעט אים זייער שטאַרק, הערט ער זיך צו...). איך האָב געהאַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט און געזונגען מיט צוגעמאַכטע אויגן מיינע לידער, וואָס איך האָב אַליין אויסגעטראַכט:

אידן, אידן, האָט רחמנות! האָט רחמנות!
'שטאָ וואו צו לייען, 'שטאָ וואו צו באָרגן.

די מאַמע ז״ל געשטאָרבן אייערנעכטן,
דער טאַטע ט״ל שטאַרבן איבערמאָרגן.

— — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט איז געווען ערגער. איך פלעג פּשוט מורא האָבן אַנט־שלאָפן צו ווערן. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איך פלעג זיך פּלוצ־לונג אויפכאַפּן און דערפילן די קאַלטע שפּיצן פון זיינע פינגער אַרום מיין האַלז. איך בין געווען פלינק און האָב זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט פון אים. ער איז געווען בייז און געריטשעט מיט זיין עקלהאַפטן הייזעריקן ריטש. די קופּערנע באָרד האָט אָנגעהויבן גליען. אַזוי דאָס גאַנצע פּנים זיינס. אויף דעם אָרט, וואו ס׳געפינען זיך די אויגן, האָב איך בלויז געזען צוויי קיילעכדיקע שטיקער קויל, צעגליטע קויל. איך האָב אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אויף דעם קאַלטן שטיינערנעם דיל. איך האָב זיך געדרייט אַרום אים און געהיט זיינע באַוועגונגען. און ער האָט געהיט מיינע. די קוליע האָט ער שטייפער צוגעהאַלטן. ער האָט געוואוסט פאַרוואָס. ווייל נישט איינמאָל פלעג איך אין אַזאַ רגע מאַכן אַ געלונגענעם שפּרונג און אַרויסרייסן די קוליע פון אונטער זיין אָרעם אַפּער. דאַמאָלס פלעגט ער זיך אָנהייבן וואַק־לען, וואַקלען — און געבן אַ פאַל.

די פייכטע שטיינער פלעגן געבן אַ לאָז אַרויס אַ טעמפּן קלאַנג. דאָס איז געווען דער סימן, אַז דער קלאַפּ איז געווען אַ שטאַרקער. דאָס האָט מיר גוואַלטיק הנאה געטאָן. איצטער בין איך געווען דער שטאַרקערער. באַוואָפנט מיט דער קוליע, האָב איך זיך אָנגעהויבן מיט אים צו רייצן. די פרייד, וואָס אינעווייניק אין מיר, האָט זיך געריסן אַרויס. איך האָב געלאַכט און געטאַנצט און געשריגן מיט אַזעלכע מאָדנע קולות, אַז מיר אַליין איז שווער געווען צו גלייבן, אַז זיי געהערן צו מיר. יעדער לאַך מיינער האָט ביי אים אויסגעריסן אַ שטיק פלייש. יעדער נעבעכדיקער ריטש זיינער האָט מיר צוגעגעבן אַ שטיק לעבן. ער האָט געפּרוואוט מיך כאַפּן. אָבער איך בין געווען פלינק. איך בין געשפּרונגען איבער אים, לעבן אים. ווי אַ יונג שדל האָב איך געמוזט אויסזען אין דער פינסטער, וואָס טאַנצט אַרום זיין קרבן אויף הינערשע פיסלעך.

נאָך אַזאַ נאַכט האָב איך אפשר אַ וואָך צייט נאָכדעם נישט גע־

טאָרט אַהיימקומען. קיין לעבעדיקער וואָלט איך שוין פון זיינע הענט נישט אַרויס. פלעג איך שלאָפן אינדרויסן, וואו ס'האָט זיך געמאַכט. צום בעסטן האָב איך ליב געהאַט צו שלאָפן אויפן „באַרג סיני". פון דאָרט האָב איך געקאָנט זען די גאַנצע שטאָט און מערער נאָך. איך האָב געזען דאָס וואַסער מיט די לאַנקעס מיט די הויכע גראָזן. דער קלויסטער איז געווען נישט ווייט פונם באַרג סיני. אַהין האָב איך מורא געהאַט אַריינצוגיין. אויפן הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט דעם גלחס הינט און אַ גאַנצע נאַכט געבילן. אַ סך מאָל האָב איך זיי צוגעהאַלפן בילן. איך האָב עס געמאַכט פונקט אַזוי גוט ווי זיי.

מיר דאַכט זיך, אַז אַ סך מאָל האָב איך זיי פאַרשטאַנען. זיי מיך — אויך. צוזאַמען האָבן מיר אויסגעבילן אַ היפש ביסל קללות אַ נאַכט. זיי האָבן געשאָלטן דעם גלח מיט די וועכטער זיינע, דערפאַר וואָס מ'האָט זיי אין אַזאַ קאַלטער נאַכט געלאָזט אינדרויסן. איך האָב געשאָלטן יעדן איינעם, וועמען כ'האָב נאָר געקענט. קאָן זיין, ווען בלויז אַ העלפט פון אונזערע קללות ווערן מקוים, וואָלטן מיר שוין מער נישט באַדאַרפט בילן...

ווען ס'איז געווען שטאַרק קאַלט, האָב איך געמוזט שלאָפן אין פאָליש. איך האָב זיך געמוזט פריער באַהאַלטן, כּילקע שמש מיטן בלינדן אייגל זאָל מיך נישט דערזען. אַנישט, פלעגט ער מיך אָנהייבן יאָגן און שרייען:

— יונגען, אַרויס פון דאַנען, יונגען!

דעם שבתדיקן טאָג פלעג איך כּמעט אַלעמאָל אויסקלייבן אויף אַהיימצוקומען. שבת פלעגט ער מיך קיינמאָל נישט שלאָגן. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זיצן איבער אַ סידור, וואָס די בלעטער איז אים זענען געווען געל און דורכגעפרעסן פון ווערים, די אותיות זענען געווען פאַרטריפט פון חלב און אָפּגעריבן. אָבער אים האָט עס נישט געאַרט. ער איז געזעסן און האָט זיך געשאָקלט און געברומט אַזאַ מאָדנעם געברום. כ'ווייס נישט, צי האָט ער טאַקע אַרויסגעזאָגט פון אינעווייניק, צי האָט ער גלאַט אַזוי צו זיך געוואָרטשעט, ווייל איך האָב סיי ווי קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אויפכאַפּן.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער אויף מיר אפילו קיין קוק נישט געגעבן. אָבער איך האָב באַמערקט, ווי איין ברעם, די לינקע ברעם,

האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן באַוועגן אַראָפּ און אַרויף. דער געברום איז געוואָרן עטוואָס העכער. אָבער איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. ביינאַכט, ווען מ׳וועט אָנצינדן אַ ליכט, וועט ער מיך צורופן צו זיך און אויפשטעלן די האַנט. ער וועט נישט רעדן קיין סך. ער וועט בלויז אויסגרילצן צוויי ווערטער:

— אַהער, ממזר...

און אין אַ מינוט אַרום:

— אַהער, ממזר...

דערנאָך:

— אַ ממזר... אַ גנב... אַ פינסטער לעבן... אַהער־דעם זאַק!

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

שוין. כ׳האָב שוין נישט קיין היים. איך בין שוין פון דאָרטן פּאַרטריבן אויף שטענדיק. טאָג און נאַכט ליגט ער דאָרטן ביי דער טיר, וואָיענדיק ווי אַ הונט פון כעס, פאַרוואָס איך קום נישט. ער וואָלט מיך מיט זיינע ציין צעביסן. איך האָב אים צעבראָכן די קוליע. דאָס איז געשען אין איינער פון די אָפּט־איבערגעחזרטע סצענעס, וואָס פלעגן צווישן אונז פאָרקומען. איך האָב געהאַלטן די קוליע איז מיינע הענט און אַרומגעטאַנצט אַרום אים. ער איז געלעגן אויף דעם קאַלטן דיל און האָט געריטשעט. פּלוצלונג, ווען איך בין געווען זייער נאָענט צו אים, און איך האָב געמיינט, אַז ער זעט מיך נישט, האָט ער געגעבן שטרעק־אויס די האַנט און מיך אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס. איך האָב זיך אָנגעהויבן רייסן פון אים. ס׳איז געווען אומזיסט. האָב איך אויפגעהויבן די קוליע און אָנגעהויבן זי אַראָפּלאָזן אויף זיין קאָפּ, אויף זיינע הענט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געשלאָגן.

אַ שטאַרקע היץ האָב איך דאַמאָלס געפילט. איך האָב נישט געוואוסט וואָס איך טו. מיינע הענט זענען געווען אין אַ כסדרדיקער באַוועגונג. זיי האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט מיט כוח און מיט אימפּעט. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ ווייטיק אין פוס. אַ שטעכיקן ווייטיק. זיינע ציין זענען געווען שאַרף. מיין הויט איז געווען דין. דאָס פלייש מאָגער. ביים

האַרץ האָב איך דערפילט אַזאַ דרוק. איך האָב דאָס לעצטע מאָל געגעבן אַ הייב־אויף די קוליע און — בענץ!

זי איז געווען צעבראָכן.

פון דעם ריטש, וואָס ער האָט אין דער רגע געגעבן, האָב איך זיך מער דערשראָקן, ווי פון אַלע קלעפּ זיינע. איך האָב געכאַפּט אַ טייל פון מיין אַנטועכץ און בין אַנטלאָפן.

ליג איך איצטער אין פּאָליש, אויפן קאַסטן שמות, און קאָן נישט שלאָפן. וואוהין וועל איך מאָרגן גיין? איבערמאָרגן? אין אַ וואַלד אַרום?... כ׳ווייס נישט וואוהין איך וועל גיין. אַלע טירן זענען פאַרשלאָסן. פאַרוואָס האָב איך געזאָגט עליע־נאַווין, אַז איך וויל לעבן? איכל פּרוואוון אַנט־שלאָפן ווערן. אפשר וועט ער קומען צו מיר נאַכאַמאָל. איצטער וועל איך שוין וויסן וואָס אים צו׳זאָגן...

אַ מאַמע

מרס. טאַביאַס האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און די קנייטשן האָבן זיך פאַרמערט אויף איר פּנים.

„כ'קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס רעיעלע זאַמט זיך היינט אַזוי לאַנג...״ — האָט זי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן — „ס'איז שוין באַלד זעקס אַזייגער, און דער שניי איז אַזוי גרויס...״

רעי איז געווען מרס. טאַביאַסעס טאָכטער, די איינציקע טאָכטער אירע, און ווי אַן אמת הייסע מאַמע, האָט זי איבער איר געציטערט און געפלאַטערט. דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען פון דעם געדאַנק אַליין, אַז רעיעלע, איר רעיעלע, קאָן זיך, חלילה, צוקילן. זאָל גאָט אויסהיטן אַזאַ זאַך! וועמען האָט זי דען אויף דער וועלט, אַ חוץ איר?...

אַ קיין מאַן האָט זי נישט. יונגערהייט איז ער איר אַוועק פון דער וועלט און האָט זי איבערגעלאָזט אַן אלמנה אַ וויסטע מיט דריי קליינע יתומים. אַסקאַדל, דער עלטסטער, איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר; בענעלע — נייַן, און רעיעלע — זעקס. וואָס האָט זי, אַ צעבראָכענע פונם מאַנס טויט, אַן אויסגעמאַטערטע פון זיין קראַנקהייט, דאַמאָלס געקאָנט טאָן? קיין געלט האָט ער איר נישט איבערגעלאָזט, דער מאַן אירער. אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע געווען, אַ מילינער.1) די עטלעכע דאָלאַר, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגע־שפּאָרט פון דער אַרבעט, האָט ער אינגאַנצן פאַרקרענקט. אַ ראַק געווען, נישט פאַר קיינעם געדאַכט. האָט ער זי איבערגעלאָזט נאַקעט און הפקר, נאָר אין וואַסער אַריין זיך צו וואַרפן.

---

1) אַרבעטער ביי פרויען־היט.

אָבער עס איז נישט געווען זיין שולד. אַ גוטער מאַן איז ער איר געווען. און ער האָט זיך, נעבעך, גענוג אָנגעליטן, איידער גאָט האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט און אים אויסגעלייזט פון די יסורים. מילא, זאָל אים כאָטש די ערד גרינג זיין.

אַ שטיקל גליק האָט זי דאַמאָלס געהאַט, וואָס אירער אַ ברודער, אַליין נישט קיין רייכער, האָט איר אַרויסגעהאָלפן. מיט זיין הילף האָט זי זיך אַריינגענומען אַ ניי־מאַשין אין הויז אַריין און זי האָט געטאָן די איינפאַכסטע זאַך, וואָס עס איז געווען צו טאָן אין אַזעלכע אומשטענדן: זי האָט אָנגענומען אַרבעט אַהיים, און אין די פרייע שטונדן האָט זי דאָס געמאַכט. צו קיין טשאַריטי 2) וועט זי מיט אירע קינדער נישט אָנקומען, דאָס נישט. און אין סקול דאַרפן זיי גיין, זאָלן זיי לערנען. אָסקאַרל האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן זיין אַ דאָקטאָר, וועט זי זען, אַז ער זאָל דאָס ווערן. בענעלע, מיט זיין שאַרף פּיסקעלע, האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן זיין אַ לאַיער. נו, וועט ער עס ביי איר זיין. און רַעיעלע, די זעקס־יאָריקע שטיפערקע, האָט שוין אויך אַ מיסיע אין לעבן. זי וויל, זאָגט זי, זיין אַ טיטשערין.3) מילא, זאָל זיין אַ טיטשערין. קיין שלעכטע זאַך איז דאָס מסתמא אויך נישט. אוודאי שענער ווי אַ פּראָסטע נייטאָרין.

האָט זי, אַליין נאָך אַזאַ יונגע, אַליין נאָך קיין פינף־און־דרייסיק יאָר נישט אַלט, זיך איינגעשפּאַנט אינם וואָגן און אים גענומען שלעפּן מיט אַלע כוחות. נאָך שטאַרקער ווי די כוחות האָבן געטראָגן. ווענן חתונה האָבן אַ צווייט מאָל, האָט זי נישט געוואָלט טראַכטן. ווען אייגענע, אַזוי גוט ווי פרעמדע, האָבן איר געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם, איז זי געוואָרן אין כעס, געוואָרן ברוגז.

— וואָס, חתונה האָבן? אַריינגעמען אַ שטיף־טאַטן פאַר מיינע קינדער? גייט, גייט, איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט!...

און זי האָט יונג אָנגעהויבן וועלקן. זי האָט יונג אָנגעהויבן איינגיין און גרויען. די קינדער, ווען זיי זענען געווען יונג און קליין, האָבן נאָך ווי עס איז אָפּגעשאַצט דער מאַמעס קרבן. מען איז געווען גוט צו איר. מען האָט זי געפאָלגט. אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן נאָך

---

2) צדקה. 3) לערערין.

געפּילט דעם שניט, וואָס איז געשען אין זייער היים. אפשר זענען זייערע יונגע הערצעלעך נאָך געווען צעוואונדיקט און צעבלוטיקט באַגלייך מיט זייער מאַמעס האַרץ...

אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן עלטער ווערן, האָבן אַלע אירע אילוזיעס און גוטע וואונטשן אָנגעהויבן פּלאַצן און צערונען ווערן. דער עלטערער באַי, אָסקאַר, האָט מער ווי היי סקול 4) נישט געמאַכט. אַז דער אויסגעחלומטער דאָקטאָריע האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. אונטערן אויסרייד, אַז ער וויל נישט, אַז זי, זיין מאַמע, זאָל פאַר אים אַרבעטן, איז ער אַליין אַוועק און האָט זיך אָנגעהויבן לערנען פאַר אַן עלעקטרישן.5) דער צווייטער, בעני, האָט זיין לאָא 6) אויסגעביטן אויף אינשורענס.7)! בלויז מיט דער טאָכטער האָט איר „אָפּגעגליקט”. זי איז אַוועק אין טיטשערס קאַלעדזש,8) האָט געענדיקט, געוואָרט פיר יאָר אויף אַן „אַסאַינמענט”.9) דערווייל איז זי געלעגן אויף דער מאַמעס פּלייצעס, קריגנדיק דאָ און דאָרטן אַ שטיקל דזשאַב אויף אַ וואָך אָדער צוויי וואָכן. אָבער די מאַמע איז געווען צופרידן, אַבי זי האָט אַ טאָכטער אַ טיטשערין, נישט קיין פּראָסטע נייטאָרין, ווי זי אַליין איז...

און זי האָט דערווייל אַלץ געפּראַצעוועט, ביי דער מאַשין און אין קיך. און אויף האַלטן ריין דאָס הויז, האָט מען אויך געדאַרפט אירע הענט. רעיעלע האָט נישט געטויגט צו די זאַכן. רעיעלע איז געווען צו־אינטעליגענט דערפאַר. נו, טאַקע, ווי קומט אַ טיטשערין צו ראַמען דאָס הויז? וואָס איז זי, אַ שניידערקע? אַ נייטאָרין אַ פּראָסטע?

פון די צוויי זין האָט זי אוודאי קיין נחת נישט געהאַט. ביידע האָבן חתונה געהאַט יונג. און די ווייבער זייערע זענען נאָך געווען אינגער פון זיי. און געווען זענען זיי אַזוי פאַרגויאישט, אַזוי פאַריענקעוועט, אַז מען האָט מיט זיי גאָר נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. איינע, אָסקאַרס ווייבל, מעי האָט זי געהייסן, איז געווען אַ הויכע און אַ דאַרע, מיט פלאַקסענע האָר אויפן קאָפּ. און דאָס פּנים איז ביי איר אויך געווען לאַנג און

---

4) מיטל־שול. 5) עלעקטראָ־מעכאַניקער. 6) געזעץ. 7) פאַרזיכערונג. 8) נעמען לערער־קורסן. 9) באַשטימונג.

אויסגעצויגן און בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט. בלויז די אָפּגעפאַרבטע ליפּן אירע האָבן אָפּגעגלאַנצט רויט.

אַ שטיק צייט פאַר דער חתונה האָט די מרס. טאָביאַס זיך דערוואוסט פון אָסקאַרן, אַז ער „גייט אויס". מיט וועמען ער גייט און צוליב וואָס ער גייט — האָט זי נישט געקאָנט דערגיין ביי אים קיין טאָלק. איין פּזמון האָט זי פון אים געהערט:

— דזשי, מאַ, מעי איז עי סוועל גוירל!...10)

— אויב זי איז אַזוי סוועל, פאַרוואָס ברענגסטו זי נישט אַמאָל אין הויז אַריין?

— יו גאָט טו וועיט, מאַ,11) — איז געוועזן זיין ענטפער, — דו מוזסט האָבן עי ליטל פּעישנס...12) באָט וועיט טיל יו סי האַר!...13) — האָט ער אַ סטראַשע געטאָן און זיך אַזש באַלעקט. — אָה, אַי טעל יו,14) מאַ: מעי איז עי סוועל גוירל!...

די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט קוים דערקענט איר זון. פאַר אירע אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ בילד, ווי אָסקאַרל גייט אין פּאָבליק סקול,15) מיט די קורצע הייזקעס; ווי אָסקאַרל קומט אַהיים מיט אַ שלעכטער רעפּאָרד קאַרד;16) און אַן אַנדער בילד, ווי אָסקאַרל ליגט און מאָזלט; זיין קערפּערל איז אויסגעשיט, ער איז אַזוי הילפלאָז... מיט אַ דין, שוואַך קולכל רופט ער צו איר: „מאַ, וואָטער...17) מאַ, הוירטס..."18)

און דאָ שטייט פאַר איר עפּעס אַ פרעמדער אָסקאַר, אַ הויכער, אַ ברונעטער, מיט צוויי קליינע האַלבע וואָנסעלעך פוןביידע זייטן ליפּ, מיט אַ דוירבעלע 19) אויפן קאָפּ, וואָס פון איין בלאָז פליט עס אַראָפּ, און רעדט צו איר עפּעס פון איינער אַ מעי מיט אַזאַ זאַפט אויף די ליפּן, וואָס פון די בעסטע עסנס אירע, פון די געשמאַקסטע מאכלים, האָט ער אַזוי נישט גערעדט.

אוודאי איז זי שוין געוועזן נייגעריק צו זען דער מעי. עס איז,

---

10) מאַמע, מעי איז דאָס אמתע מיידל. 11) מוזסט צואוואַרטן מאַמע. 12) אַביסעלע געדולד. 13) אָבער וואַרט ביז דו'סט זי זען. 14) כ'זאָג דיר. 15) עלעמענטאַר־שול. 16) שלעכטע שול־צייכנס. 17) מאַמע, וואַסער. 18) ס'טוט וויי... 19) האַרט קאַפּעליושל.

אמת, באַלד פון אָנפאַנג אָן געווען אַ נייגעריקייט געמישט מיט אייפער, מיט אַביסל פּאַרדראָס אויף יענער, דער פרעמדער, אָבער דאָך האָט זי געוואָרט מיט אומגעדולד, אַז דער זון זאָל זי שוין ברענגען אין הויז אַריין.

זי האָט זיך דערוואַרט. דער זון האָט זי איינמאָל געבראַכט. עס איז געווען אין אַ זומערדיקן טאָג, און ביידע, דער זון מיט איר, זענען געגעבן אַ פאַל אַריין הייסע, פאַרשוויצטע און לאַכנדיקע. ביידע האָבן זיך געווישט דעם שווייס פון די שטערנס, זי מיט אַ קליין קאָלירט טיכעלע און ער מיט אַ גרויסער ווייסער פאַטשיילע. ביידע האָבן זיך זייער מיסטעריעז אַריינגעקוקט אין די אויגן און געשטשירעט מיט די ציין. אָסקאַר איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט זי אַרומגענומען — אַ זאַך, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט געטאָן. זי האָט דערפילט אַ פייכטלעכע היץ אויף איר באַק און זיינע האַריקע ליפּן האָבן אַ קראַץ געטאָן אירע. דאָס דוירבעלע האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן איר אויער, און ער האָט צו איר געזאָגט:

— מאַ, ווי גאָט עי סורפּראַיז פאָר יו... וויש אָס לאַק...20)

זי האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, אָבער דערפילט אַ שלעכטן טעם אין מויל. באַלד, איידער זי האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז שוין מעי געשטאַנען לעבן איר און אָסקאַר האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען מיט דער אַנדערער פרייער האַנט. זי האָט פאַרשעמט געשמייכלט. אויף איר אויסגעבלייכט, אויסגעצויגן פּנים האָט זיך אַ דינע, ראָזעווע פאַרב צעלייגט. גלייך האָט זיך דערטראָגן אָסקאַרס קול:

— מאַ, מי ענד מעי אַר מעריד.21)

אָט אַזוי האָט די מרס. טאַביאָס חתונה געמאַכט איר עלטסטן זון, איר אָסקאַרן, דעם אויסגעחלומטן דאָקטאָר.

דער אמת איז געווען, אַז מעי איז נישט געווען קיין שלעכט מיידל. זי איז געגאַנגען אַרבעטן נאָך דער חתונה. זי איז אָמאָל מיטן מאַן געקומען געוואָר ווערן צו זיין מאַמען. זי האָט זי אפילו גערופן „מאַ", דער מרס. טאַביאָס, אָבער איר, דער מרס. טאַביאָס, איז עס עפּעס נישט באַקומען. ער האָט איר נישט געקלונגען עכט.

---

20) מאַמע, מיר האָבן אַן איבעראַשונג פאַר דיר. ווינטש אונז גליק... 21) מאַמע, איך און מעי זענען פאַרהייראַט.

דער צווייטער זון אירער, בעני, האָט, נאָך איר שטאַנדפּונקט, גע־מאַכט נאָך אַן ערגערן אויסוואָל. גיזעלאַ, ווי די אינגערע שנור האָט געהייסן, האָט זי אַפילו קיין „מאַ" אויך נישט גערופן. און געהאַלטן האָט זי זיך אײַנגאַנצן פרעמד און אָנגעבלאָזן און ברוגז, גלײַך ווי די שוויגער אירע וואָלט איר אונטערגעוואָרפן אַ ממזר און נישט קיין אמתן זון, דערצו נאָך אַ שײַנעם און אַ געראָטענעם. יאָ, בענעלע איז געווען אַ געראָטענער. טאַקע נישט מער ווי אַן אינשורענס אַגענט,22) אָבער ער האָט געמאַכט אַ שיין לעבן, געהאַט זײַן אייגענע „קאַר",23) אין וועלכער ער פלעגט אַלע זונטיק אויספאָרן מיט זײַן ווײַבל. וואוהין זיי זענען עס געפאָרן, האָט די מרס. טאָביאַס נישט געוואוסט. ווער איז זי דען, מען זאָל איר דערציילן וואוהין מען פאָרט?

קיין קינדער האָט מען נישט געוואָלט האָבן. נישט דער און נישט יענער. „עס איז נישט אין סטאַיל",24) האָבן זיי געזאָגט. אָנשטאָט דעם, האָבן די ווײַבער זייערע בעסער געאַרבעט און געשפּאָרט געלט. און מיט דעם געלט איז מען זומער־צײַט אויסגעפאָרן און מען איז אויסגעריסן גע־וואָרן אונטערוועגס אַזוי לאַנג, ביז מען האָט געפּטרט די פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר. נאָכדעם איז מען אַהיים געקומען אויסגעמאַטערטע, צעבראָכענע, מיט אַ „פאָיזען איווי"25) אָדער מיט אַן אַנדער צרה. מען האָט [illegible] אַז מ'האָט געהאַט אַ „סוועל טאַים"26) און מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וואוהין צו פאָרן דאָס צווייטע יאָר... און ווען די מאַמע האָט אַמאָל אַרײַנ־געוואָרפן אַ וואָרט, אַז אַלמאַי פאָרט מען אַזוי פיל אַרום, וואָלט דען נישט בעסער און געזינטער געווען צו האָבן אַ קינד און בויען אַ היים, אַ פאַמי־ליע? האָבן זיי פון איר געלאַכט, די קינדער אירע. זי איז „אָלד פעשאָנד",27) האָבן זיי איר געזאָגט, און זיי האָבן זיך געטאָן זייערס: מען איז ווייטער אויסגעפאָרן.

און וועגן דער מאַמען, וועלכע האָט זיך דערווײַל געהאַלטן זייער־שטאַרק אין עלטערן, טיילווייז פון עגמת נפש און האַרצווייטיק, וואָס אירע אייגענע קינדער, איבער וועלכע זי האָט אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, זוערן

---

22) פאַרזיכערונג־אַגענט. 23) אויטאָמאָביל. 24) אין דער מאָדע.
25) גראָז־פאַרגיפטיקונג. 26) זיך גוט אַמוזירט. 27) אַלטפרענקיש.

פון איר אַזוי שרעקלעך אָפּגעפרעמדט, און טיילווייז, ווייל די כוחות האָבן זיך איר פּשוט גענומען אויסשעפּן, האָט מען ווינציק־וואָס געטראַכט. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט אַ זון זיך געבן אַ דערמאָן, אַז ער האָט ערגעץ־וואו אַ מאַמען, און ער פלעגט אַ זאָג טאָן צו זיין פרוי:

— יו נאָ, מעי: ווי העווג'ט סין דהי אָלד לעידי פאָר סאָם טאָים. דו יו טהינק שי'ז אָלראַיט?28)

— אָוו קאָרס שי'ז אָלראַיט! — פלעגט מעי ענטפערן — וואָי שודנ'ט שי בי?29)

אָדער:

— גיזעלאַ, האָו עבאַוט עי וויזיט טו דהי אָלד לעידי נעקסט סאַנדעי?30) — פלעגט בעני זיך געבן אַ כאַפּ.

— נעקסט סאַנדעי? — האָסט פאַרגעסן, אַז נעקסטן זונטיק האָבן מיר אַן עקסקוירשאָן 31) קיין וואַשינגטאָן?...

יאָ, ער האָט טאַקע פאַרגעסן, בעני. נו, וואַשינגטאָן איז, פאַרשטייט זיך, געווען בילכער ווי די אַלד לעידי, וועלכער מען קאָן, נאָך אַלעמען, געבן אַ רוף־אָפּ אויפן טעלעפאָן אָון אָראָפּפּטרן אַ פליכט.

אָט אַזוי האָט די מרס. טאַביאַס געשניטן די פּרוכט פון איר פּראַצע, פון איר אָוועקבּרענגען זיך, פון אָפּגעבן איר גאַנץ לעבן פאַר אירע קינדער. צו פערציק יאָר איז זי שוין געווען גרוי; צו פינף־און־פערציק יאָר האָט זי שוין אויסגעזען ווי אַ זקנה פון זעכציק.

דאָס געזונט איז איר קאַליע געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן ליידן פון אַ הויכן בלוט־דרוק. זי האָט געפילט, אַז זי ווערט שוואַכער מיט יעדן טאָג, אַז זי פאַרלירט ביסלעכווייז די כוחות. דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז זי מוז לעבן רואיק, נישט איבעראַרבעטן זיך, דער עיקר — נישט זאָרגן.

---

28) ווייסט, מעי: מיר האָבן שוין נישט געזען די אַלטיטשקע אַ שטיק צייט. דענקסט זי איז אַלרייט?

29) זיכער. פאַרוואָס זאָל זי נישט זיין אַלרייט?

30) גיזעלאַ, אפשר וואָלטן מיר צוגעפאָרן קומענדיקן זונטיק צו דער אַלטיטשקער? 31) עקסקורסיע.

זי האט קיין איינע פון דעם דאקטארס עצות נישט געקאנט אויספאלגן. ארבעטן האט זי געמוזט. ווער וועט איר געבן אויף צו לעבן? די קינדער? ניין, ביי די קינדער וועט זי נישט נעמען. אזוי לאנג ווי אירע הוחית טראגן, וועט זי ביי די קינדער נישט נעמען. און זי זאל נישט זארגן? א נארישער דאקטאר! ווי אזוי זאל זי נישט זארגן, אז עס זארגט זיך אליין. זי קאן דען אריבערטראגן די עלנטקייט? נו, אז רעיעלע וואוינט שוין מיט איר צוזאמען, איז זי דען נישט ווי א פרעמדע אין הויז? מען דערציילט ־ען א־אל דער מאמען וואוהין מען גייט? מען באראט זיך דען מיט ־איר וועגן ־פעס? „מא, היינט וועל איך אהיימקומען שפעט", ווארפט זי איר אמאל צו א באמערקונג. און דאס, ווען זי האט אין זינען, די טאכטער אירע, אדער ווען זי האלט פאר נויטיק. אז נישט, לאזט מען דעה מאמען זיצן אין געהאקטן וואונדן און ווארטן און איבערטראכטן גאט ווייסט וואס. וואס־זשע זאל זי טאן, אז רעיעלע דארף אהיימקומען האלב נאך פיר, און ־יער זייגער ווערט ־עקס און זיבן און אכט — און זי איז נאך אלץ נישט־א? זאל זי דאמאלס פאלגן דעם דאקטארס עצה און נישט זארגן?

פונקט ווי די זין, איז רעי אויך נישט קיין שלעכט קינד. זי ארבעט, גיט איר צען דאלאר א וואך אין הויז אריין, רעדט איר נישט אנטקעגן — אלצדינג גוט, אבער זי איז קאלט צו איר. קאלט ווי אייז און פרעמד ווי א געליען מלבוש. און דאס קרענקט איר אזוי, אז עס פארקירצט איר די יארן. עס פארצערט אירע בלוטן. אייגענע קינדער, אייגן בלוט און פלייש, און מען זאל זיין אזוי פארשלאסן, אזוי פארפרעמדט, אזוי ביטער אפגעריסן פון א מאמען, וואס האט זיי אוועקגעגעבן אלץ, וואס זי האט געהאט: איר געזונט, איר ליבע, שוין באלד איר לעבן אויך... און וואס וויל זי דען פון זיי? א קלייניקייט, אביסעלע ווארימקייט, נישט מער. איין גאט ווייסט, אז זי וויל נישט מער פון זיי. אביסעלע צערטלעכקייט, א טראפעלע קינדער־ליבע. פארוואס זעט קיינער נישט פון זיי ווי קראנק זי איז? פרעמדע מענטשן באמערקן דאס, פרעגן פארוואס זי זעט אויס אזוי שלעכט; נאר אירע קינדער זעען גארנישט. זי גייט־איין פון טאג צו טאג. איר פנים ווערט בסדר איינגעשפרומפענער, אירע אויגן אויסגעלאשענער, איר גאנצער קערפער, אפגעשטארבענער — און זיי זעען גארנישט. אסקאר האט אין זינען זיין ווייבל, וועלכע איז נאך ביי אים איצט אלץ אזוי „סוועל", ווי מיט

צוויי יאָר צוריק. און בעני האָט אין זינען זיינע אינשורענס. און ביידע צוזאַמען האָבן אין זינען צו שפּאָרן געלט, כדי מען זאָל עס אין זומער קאָנען פאַרטאַכליעווען. און אפילו רעי, וועלכע איז שוין דאָ אין הויז, אין די אויגן, זעט אויך נישט קיין שום ענדערונג אין איר מוטער. זי איז צופיל פאַרנומען מיט זיך אַליין און מיט איר באָי־פרענד 32) עדי און מיט אירע חברטעס און מיט פּאַרטים אפילו. אַלץ און אַלעמען זעט זי, די גאַנצע וועלט, נאָר נישט דעם איינזאַמען קרעכץ פון איר געטרייסטן פריינט.

בייטאָג, ווען זי פלעגט בלייבן אַליין אין הויז, און עס פלעגט זי נעמען נאָגן די איינזאַמקייט, עס פלעגט זי נעמען שטיקן דער אומעט, אַז זי האָט געמיינט, אַז די פיר ווענט פאַלן אויף איר אַרויף, פלעגט זי אַרויסגיין אין גאַס, אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן פּאַרק און זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק. זי פלעגט זען פרויען מיט קערידזשעס.33) אין די קערידזשעס זענען געלעגן קינדערלעך צוגעדעקטע, אַרומגעוויקלטע, שלאָפנדיקע. און אַזאַ חן איז געווען אויסגעגאָסן אויף אָט די קינדערלעך! אָט כאַפּט זיך אַ קינד אויף און עס הויבט אָן צו וויינען. איז דאָס קולכל אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק! און גלייך געשעט אַ נס: די דערביי־שטייענדיקע מוטער אָדער באָבע גיט אַ טרייסל דעם קערידזש און דאָס קינד הערט־אויף וויינען. מען גיט דערצו אַ סמאָטשקע מיט די ליפּן — און עס צעלאַכט זיך. וויפיל וועלטן מיט חן געפינען זיך אין אַ קינדס געלעכטערל!...

מרס. טאָביאַס פלעגט זיצן און דאָס אַלץ מיטלעבן. האָט דאָס קינד אין דעם קערידזש געוויינט, האָט איר האַרץ מיטגעוויינט; האָט דאָס קינד געלאַכט, איז זי געזעסן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן קראַנקן, אויסגעמוטשעטן פּנים. אַ שמייכל פון הנאה און צופרידנקייט איז דאָס געווען. האָט זיך איר אַמאָל אויסגעוויזן, אַז אַ מוטער באַהאַנדלט איר קינד נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָן דער נויטיקער צערטלעכקייט און איינזעעניש, האָט עס איר שטאַרק וויי געטאָן, דער מרס. טאָביאַס. עס האָט זי געהויבן פונם אָרט צוצוגיין צו יענער און זי אָפּזידלען, אַלמאַי זי שאַצט אַזוי ווייניק אָפּ אַזאַ מתנה, וואָס גאָט האָט איר געגעבן

ווען עס פלעגט קומען צוועלף אַזייגער און די קינדער האָבן אָנ־

---

32) חתן. 33) קינדער־וועגעלעך.

געהויבן גיין פון סקול, האָט זי זיי נאָכגעקוקט מיט נייגעריקע, בענקענדיקע אויגן, ווי זי וואָלט עמיצן געזוכט צווישן זיי. זי האָט יעדן קינד באַזונדער אַריינגעקוקט אין די אויגן, נאָכגעקוקט דאָס גענגעלע, באַטראַכט די מלבוש־שימלעך, געציטערט ווען איינער אַ שטיפער איז זיך צעלאָפן אין אַ גאַלאָפּ, מורא געהאַט, אַז אָט־אָט פאַלט ער. זי האָט טאַקע לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען זי האָט אים שוין געזען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אַ געראַטעוועטן פון די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן.

ווּעמען האָט מרס. טאָביאַס געזוכט צווישן די קינדער? זי האָט עס מסתמא אַליין נישט געוואוסט אויף זיכער. ווען מען קוקט אָבער אָבי־סעלע טיפער אַריין אין איר האַרץ, וואָלט מען עס גלייך אויסגעפונען. זי האָט געזוכט אירע פאַרלוירענע קינדער, וועלכע זי האָט דאָ, צווישן אָט דעם יונגוואַרג, געהאַט פאַרלוירן; ווייל פון יענער צייט אָן, ווען זי האָט זיי געזען אין די סקול־מלבושים, אַרומלויפן צוזאַמען מיט אָט דעם צאַפּל־דיקן, ברענענדיקן יונגוואַרג, האָט זי זיי מער פאַר די אויגן נישט אַנגעזען. אָסקאַר, אָט דער גרייסער באַוואַנסעטער יונג, וועלכער האָלט נאָר תמיד אין איין אַרומפאָרן מיט זיין אָפּגאָט מעי, ער איז דען איר זון? און זי איז דען זיין מאַמע אַ פרעמדע איז זי אים, אַ ווילד־פרעמדע, וועמען ער וואַרפט אַמאָל אין זעקס חדשים צו אַ וויזיט, פּונקט ווי מען וואַרפט־צו אַן אָרימער בעטלערין אַ סענטיקע מטבע. און בעני? בענים מאַמע איז איצטער די אינ־שורענס. און זיין צווייטע מאַמע איז גיזעלאַ. און די דריטע מאַמע זיינע איז די מאַשען. און רעי? האָט זי דען נישט רעיען פאַרלוירן גלייך ווי זי איז אַריין אין הייסקול און מען האָט זי אָנגעהויבן רופן „מים"(34. און זי האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשמירט די ליפּעלעך און אָנגעפאַרבט די נעגעלעך מיט אַזאַ פאַרגלעזערטער זאַך, וואָס האָט פאַרשלאָגן דעם אָטעם? יאָ, זי האָט געהאַט וואָס צו זוכן, די מרס. טאָביאַס. אַמעריקע האָט ביי איר געקיד־נעפּט 35) אירע קינדער און זי האָט נישט געזען קיין וועג ווי אַזוי זיי צו־ריקצוקריגן.

און זי האָט אַליין נישט געפילט, ווי איר צעאַקערט פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון צער און עס איז פייכט געוואָרן פון הייסע טרערן,

---

34) פריילין. 35) צוגערויבט.

וואָס האָבן געטריפט פון אירע אויגן. זי האָט באַוויינט אירע לעבעדיק־טויטע קינדער. עס האָט איר געשניטן דער באַוואוסטזייַן, וואָס זי, אַ מאַמע מיט אַזויפיל ליבע, אַ מאַמע מיט אַזויפיל וואַרימקייט, אַ מאַמע, וואָס איז גרייט אויף אַזויפיל קרבנות, זאָל דאָס אַלץ נישט האָבן וואו דאָס אויסצוניצן, עס האָט אין איר געקראַמפט אַ בלוטיקע באַליידיקונג, וואָס מען האָט אַלץ, וואָס האָט זי געהאַט צו געבן, איר צוריקגעוואָרפן, ווי עפּעס אַ נישטיקע, אומווירדיקע זאַך.

אינהאַלט:

זייט

קאַרמען — 5
אַן עבאַ — 27
די צוויי שוועסטער — 35
דער אָפּערע זינגער — 42
זיין נחמה — 49
אַ ברית — 56
אַ בערגל ערד דערציילט... — 61
מעקסיקאַנישע ליבע — 66
מעקסיקאַנישע נעבט — 72
צוויי יונגען — 97
דער פּערצנטער דורכפאַל — 113
זייער אָריגינעל — 121
דאָס געזעץ קען מען נישט אָפּנאַרן — 127
טאָם האָט פאַרשלאָפן — 135
דאָס נאַרעלע — 142
אין ניו יאָרק פּאַסירן זאַכן — 150
די שטאָט און די קאַנטרי — 160
ס'איז אים וואויל — ער איז אַ מיאוסער — 168
דער טאַנץ אַרום ברויט — 175
אַ הויז אין בראָנקס פּאַרק — 182
ביים ברעג ים — 188
אין מינוטן פון אייפערזוכט — 196
אַ מענטש אַן אַ נאָמען — 206
אַ מאַמע — 216